STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07457

GEZAMLTE VERK

Morris Winchevsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאָריס ווינטשעווסקי

געזאמלטע ווערק

רעדאקטירט פון קלמן מרמר

פארלאג „פרייהייט“
ניו יאָרק, 1927

Copyright 1927
by the
Freiheit Publishing Association, Inc.

276

זעקסטער באַנד

פאַבלען, אַפאָריזמען
און פּאַראָדיעס

פאָרוואָרט

די פאַבל איז געווען די ערשטע פאָרם, אין וועלכער מאָרים ווינטשעווסקי האָט זיך געזוכט אויסצודריקן ליטעראַריש.

אין זיינע „קינדער־יאָרן“, וואָס גייען אריין אין ניינטן באַנד פון אָט־דער אויסגאַבע, דערציילט וועגן דעם ווינטשעווסקי אומגעפער אַזוי:

צו עלף־צוועלף יאָר, ווען ער האָט זיך געגרייט אריינצוקומען אין קאָוונער גימנאַזיע, האָט ער „בשותפות“ מיט אַן אַנדערן עטוואָס עלטערן אינגל, שמואל דן, אָנגעהויבן שרייבן פאַבלען. די שפּראַך איז געווען רוסיש. דער געדאַנק דערצו איז זיי געקומען באַם לייענען קרילאָוו'ס פאַבלען. די געמיינשאַפטלאַכקייט פון זייער אַרבעט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דן, וועלכער איז געווען אַ „גרויסער פאַנטאַזיאָר“, האָט אויסגעטראַכט די מעשיות און ווינטשעווסקי (דעמאָלט בן ציון נאָוואַכאָוויץ) פלעגט „באַזאָרגן“ דעם טעקסט, אויב מעגלאַך אין גראַמען.

יענע פינף אָדער צען בשותפת'שע פאַבלען זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען און דער זיידע געדיינקט ניט מער זייער אינהאַלט. זיין אייגענע ערשטע פאַבל האָט ער אויפגעשריבן אַרום צען יאָר שפּעטער, אין 1877, אין קעניגסבערג, פּרייסן. זי איז געווען איינגעפלאָכטן אין זיינם אַ „משוגעת“, אין העברייאיש „חזיונות איש הרוח“ פון יגלי („אספת חכמים“, נומער 2, חשון, אָקטאָבער 1877). יגלי, דער „משוגענער פילאָזאָף“, דערציילט דאָרט, אַז ער האָט די פאַבל געקראָגן צוגעשיקט פון יענער וועלט, פון דעם פראַנצויזישן פאַבל־מייסטער פון 17טן יאָרהונדערט, לאַפאָנטען. ערשט פיר־און־פערציק יאָר שפּעטער, אין 1921, האָט איר דער זיידע איבערגעמאַכט אויף אידיש. דאָס איז די פאַבל „די קאַץ און די מייז“ (זייט 43).

דעם זיידנ'ס ערשטע פאַבל, אָריגינעל געשריבן אין אידיש, איז „דער פוקסל“ (זייט 46). זי איז ווי אַ פּאָר שפּעטערע פאַבלען פאַרבונדן מיט דער געשיכטע פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. זי האָט אַ שייכות צו דער שפּאַלטונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער לאָנדאָנער אידישער אַרבעטערשאַפט אין פרילינג פון יאָר 1891. דער „אַרבעטער פריינד“, וואָס איז אַרום פינף יאָר געווען דער געמיינשאַפטלאַכער אָרגאַן פון סאָ-

ציאַליסטן און אַנאַרכיסטן, איז אַריבער צו די לעצטע און אַ זייעריקער, ש. יאַנאָווסקי, איז געוואָרן רעדאַקטאָר. די סאָציאַליסטן, באַזונדערס ק. גאַלאָפּ, וואָס איז פריער געווען רעדאַקטאָר פונם „אַרבעטער פריינד" און נאָכדעם פון דער „פרייע וועלט", ווערן געשילדערט און דער פאַבל אַלס די „פּאַסטוכער די אינגערע" און ש. יאַנאָווסקי, אַלס „דער פּיקסל", וואָס האָט דעמאָראַליזירט די באַוועגונג.

דער זיידע דערציילט, אַז ער האָט אָט־די פאַבל פאַרגעלייענט פאַר זיין קראַנקן פריינט און חבר ק. גאַלאָפּ, אַ קורצע צייט איידער יענער איז געשטאָרבן, אָנהויב יאָר 1892. ק. גאַלאָפּ „איז געווען זייער אויפגעבראַכט" אויף ווינטשעווסקי'ן, פאַרוואָס ער האָט די פאַבל „ניט געלאָזט גלייך דרוקן". „מיר אָבער", דערקלערט דער זיידע, „איז זי פאַרגעקומען צו שאַרף. הגם דער „פּיקסל" האָט עס כשר פאַרדינט".

אַ פּאָלעמישן כאַראַקטער האָט אויך געהאַט די פאַבל „די קוקאַווקע און דער אָדלער" (זייט 18). זי איז געווען געשריבן אין „פאָרווערטס" (יוני 1897), דעמאָלט דער אָרגאַן פון דער אָפּאָזיציע צו דער „ס. ל. פּ.", ווען די לעצטע האָט דערקלערט, אַז דאָס „אַבענדבלאַט" איז דער אָפיציעלער אָרגאַן פון איר אידישער סעקציע. אַן אַנדער פאַבל פון דעם מין איז „דער ביירער הונט" (זייט 20), אויך געדרוקט אין „פאָרווערטס" פון יענער צייט. די פאַבל איז געווען געצילט קעגן מ. באַראַנאָוו. וואָס פלעגט אין „אַבענדבלאַט" שטאַרק אָנפאַלן אויף ווינטשעווסקי'ן, קאַהאַנ'ען און אַנדערע פירער פון דער אָפּאָזיציע. מיט דעם פערד און דעם מוילאייזל אין דערזעלבער פאַבל האָט ווינטשעווסקי דעמאָלט געמיינט פיליפּ קראַנצ'ן און ב. פייגנבום'ען, די הויפּט־שרייבער פון „אַבענדבלאַט" אין יענער צייט.

„דער פוקס אויף צרות" (זייט 28) איז אַ קאַמפּיין־פאַבל פון יאָר 1808. זי איז שפּעטער שטאַרק איבערגעאַרבעט געוואָרן. „דער געפּאַלענער דעמב" (זייט 32) איז געשריבן געוואָרן אַ קורצע צייט נאָך דעם טויט פון יעקב גאָרדין. ווער דער יונגערמאַן איז געווען, וואָס האָט געזוכט צו פאַרנעמען גאָרדינ'ס אָרט, זאָגט דער זיידע, איז ניט וויכטיק. „דער אייזל" אינ'ם פּאַראַד" (זייט 46) גייט ניט ספּעציעל אויף אימיצן, זאָגט דער זיידע, נאָר „אויף וועמען זי פּאַסט, לאָז דער זי טראָגן"...

די פאַבלען „די בלעטער און די וואָרצלען" (זייט 35), „די קאַץ און די מייז" (זייט 43), „דער האַמעסע־" און דאָס מעסערל" (זייט 52) און „די שפּינען און די פליגן" (זייט 58) זיינען אַלע סאָציאַלע פאַבלען. די לעצטע, ווייניקסטנס איר סו־

זשעט, געפיוט זיך אין דעם זיידנ'ס א „משוגעת" פון יאָ' 1889:
„צענדליגע פליגן און שפינען" (פעליעטאָנען, ערשטער טייל, 4טער באנד, זייט 32).

דער אינהאַלט פון די פאבלן „דער שטרוים־פויגל" (זייט 55), „דער לייב און דער האָז" (זייט 56) און „שלמה המלך און דער פויער" (ז' 66) שטאַמען פון דעם דייטשן דיכטער לעסינג, נאָר זיי זיינען שטאַרק איבערגעאַרבעט געוואָרן. די פאבל „דער בלינ־דער מיטן פאַקל" (זייט 60), „דער האָן און די פלעדערמויז" (זייט 61), „דער פוקס און די פיש" (זייט 63) און „דער וואָ־ראַבייטשיק אין א שטייג" (זייט 65) שטאַמען פון דער גמרא און פון מדרשים. נאָר אין אָריגינאַל זיינען זיי זייער קורץ.

איין פאבל „דער אדעליגער קאָטער" (זייט 11) האָט פראָ־פעסאָר לעאָ ווינער איבערזעצט אין ענגליש, אין זיין „געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור" (ניו יאָרק, 1899).

אַלע 22 פאבלען זיינען פון זיידן איבערגעשריבן געוואָרן אין יאָר 1921 און זיינען דאָ געדרוקט פון מאַנוסקריפּט.

„חיים ברבורים'ס ווערטערבוך" האָט דער זיידע אָנגע־הייבן דרוקן אין דער לאָנדאָנער „פרייע וועלט" פון אָקטאָבער 1891. ער האָט עס שפּעטער איבערגעדרוקט אין „אמת" (באָס־טאָן 1895) און אין דער ניו יאָרקער „צוקונפט" פון 1902.

אין דער לאָנדאָנער „פרייע וועלט" האָט דער זיידע אונ־טערן נאָמען דער „משוגענער פילאָזאָף", צוגעגעבן צום „ווער־טערבוך" א הומאָריסטישע איינלייטונג. ער דערציילט דאָרט, אַז דאָס וואָרט „פּריוואַט־אייגנטום" איז פאַר אים, דעם „משו־גענעם פילאָזאָף", געווען א לאַנגע צייט אומפאַרשטענדלאַך. האָט עס אים „א לאַנגע צייט גערופּעט", און ער האָט אָפּט געטראַכט ווי קומט דאָס, „אַז בא אונז אידן געפינט זיך ניט א בעל־לשון, וועלכער זאָל זיך נעמען צו דער מצוה און מאַכן א מין ווער־טערבוך צו געבן צו פאַרשטיין, וואָס די אַלע נייע ווערטער באַ־טייטן. און ניט דאָס אַליין. ס'זיינען דאָ אויך אַזעלכע, וועלכע האָבן היינט א גאַנץ אַנדערן מיין. ווארום ניט מזכה זיין די וועלט און מאַכן אַזא נויטיקן ספר".

„איין טאָג" — דערציילט דער „משוגענער פילאָזאָף" — „איז צו מיר געקומען א יונגערמאַן אַ מאדים אויף שפּראַכן, און איך האָב די מעשה מיט אים אַרומגערעדט אַרום און אַרום".

„דער בחור האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט און היינט אינדער־פרי קריג איך פון אים פער פּאָסט דעם פאָלגנדיקן ווערטערבוך, וועלכן איך גיב איבער צו דער וועלט. דער מחבר, זייענדיק אַ בשת־פּנים,

וויל ניט, אַז מען זאָל וויסן ווי ער הייסט, אָבער ער זאָגט, אַז ווען ער וועט זיין ווערטערבוך פאַרגרעסערן, וועט ער אים לאָזן דרוקן אונ־טער זיין אייגענעם נאָמען — חיים ברבורים, ר' פייטל ר' יונה משה'לעס אײדים פון סלוצק".

די איצטיקע אויפלאַגע פון „חיים ברבורים'ס ווערטערבוך" איז געדרוקט פון זיידנ'ס מאַנוסקריפט פון יאָר 1921, ווען ער האָט דאָס גאַנצע ווערקל רעווידירט און איבערגעשריבן פון דאָס ניי.

אַ טייל פון די אַפאָריזמען, וואָס גייען אַריין אין אַט־דעם באַנד האָט מאָרים ווינטשעווסקי שוין פאַרעפנטלאַכט מיט אי־בער דרייסיק יאָר צוריק. ער האָט זיי געדרוקט אין די ערשטע זעקס נומערן פון „אמת" (מאַי־יוני 1895) אונטערן נאָמען: „ה אַ ר ט ע נ י ס, ראָזינקעס און מאַנדלען". נאָר אין זייער איצטיקער געשטאַלט האָט ער זיי צוזאַמענגעשטעלט און קלאַסיפיצירט אַרום 1921—1922. זיי ווערן דאָ געגעבן פון זיין מאַנוסקריפט.

די אָפּטיילונג „אַלערליי" האָב איך צוזאַמענגעשטעלט פון יענע „צושלאָגענע געדאַנקען", אָדער „בילדער, ווערטער און חקירות" א. ד. ג. פון דעם „משוגענעם פילאָזאָף", וועלכע האָבן געהאַט אַ בלויז צייטווייליקן כאַראַקטער און זיינען דערפאַר ניט אַריין אין די צוויי טיילן פעליעטאָנען (באַנד 4 און 5 פון אַט־דער אויסגאַבע). אַן אויסנאַם איז די שטימונג „עס גייט ניט קיין רעגן" (זייטן 201—212), וואָס איז געדרוקט פון מאַ־נוסקריפט, געשריבן קענטיק אין די לעצטע צען יאָר.

„גרישקאַ'ס ראָמאַן", געשריבן אין דיאַלעקט, איז, ווי דער זיידע דערציילט, אין דער צייט פון זיין פאַרעפנטלאַכונג אין „אַרבעטער פריינד", לאָנדאָן, 1890 און אַ צייט נאָכדעם, גע־ווען זייער פּאָפּולער. מ'פלעגט עס פאָרלייענען אויף אונטער־האַלטונג־אָוונטן און די צוהערער פלעגן דערביי לאַכן און וויי־נען.

די פּאַראָדיעס, וואָס גייען אַריין אין אַט־דעם באַנד, האָט דער זיידע געשריבן אין די יאָרן 1877—1895 אַ טייל פון זיי זיינען איינגעפלאָכטן אין די „משוגעתן", אין די העברייאישע פון „יגלי" און אין די אידישע פון דעם „משוגענעם פילאָזאָף". דריי פון דעם לעצטן סאָרט: „נייע צאַרישע געזעצן פאַר אידן", „אַן אלף־בית פאַר אַרבעטער־קינדער" און דער „סמאַרגאָנער בעל־

גימטריא" זיינען אריין אין צווייטן טייל פעליעטאָנען (פינפטער באנד, זייטן 95, 247 און 255).

פון ווינטשעווסקי'ס פאַראָדיעס אויף אידישע תפלות און פיוטים האָב איך דאָ אריינגעגעבן בלויז די, אין וועלכע ס'איז מסחר, וואָס דערשיינט אסרו־חג און אַלע גרין־דאָנערסטיק".

אויסער „די קאַלעקאָטקע" (זייט 25) האָט ווינטשעווסקי געשריבן אַ ריי אַנדערע פּאַראָדיעס אויף דער צוריקגעשטאַנע־נער אָדער ארבעטער־פיינטלאכער פרעסע. ער האָט אויך פאַר־עפנטלאכט א דראַמאַטישע סצענע „אַ געהרגעטער עדיטאָריעל", אָדער ווי עס האָט צוערשט געהייסן „אָפּגעבליצט" („אמת", באָסטאָן, נומערן 24—25, 1895), וואו ער לאַכט אוים אַ פראָ־ווינציעלע צייטונג. אַלס בזלאגע צום 7טן נומער „אָמת" האָט ווינטשעווסקי פּאַרעפנטלאַכט אַ פּאַראָדיע מיטן נאָמען „דער שקר" — אַ וועכנטלאַכע מאָנאַטשריפט פאַר בילדונג, קונסט און מסחור, וואָס דערשיינט אסרו־חג און אַלע גרין־דאָנערסטיק". די מאָטאָ איז געווען „כל האדם כוזב (ישעיה קאַפּ. 127)". דער „פּרייז 7 סענט" און דער דאַטום: „זיבעטער יאָרגאַנג, נומער 1, מינסק, 37טן מאי, 1985 לפ"ק. אין די לעצטע יאָרן האָט ער אויך געהאַט פּאַראָדיעס אויף מאָדערניסטישע לידער, די נייע אָרטאָגראַפיע, א. א.

מאָרים ווינטשעווסקי'ס איבערזעצונגען צו זיינע שטיקלאך גמרא זיינען אַרויסגענומען, מיט קליינע ענדערונגען, פון זיין סעריע אַרטיקלען „דער סאָציאַליזם אין לשון קודש" („צוקונפט", 1895), און פון זיינע עראינערונגען פון דעם „אספת חכמים" פּע־ריאָד. זיינע פאַרטייטשונגען זיינען אונטערגעצייכנט מיט „מ. וו." אַלע אַנדערע פאַרטייטשונגען און באַמערקונגען אין אָט־דעם באַנד זיינען מיינע.

קלמן מרמר

ניו יאָרק, 29טן אויגוסט 1927.

---

*) פּראָפעסאָר איזראַעל דאַווידסאָן, אין זיין ענגליש בוך „פּאַ־ראָדיע אין אידישער ליטעראַטור" (קאָלאָמביא אוניווערזיטעט שטו־דיען, ניו יאָרק, 1907) רעכנט אוים צען פּאַראָדיעס פון ווינטשעווסקי'ן. אין דעם חשבון גייען ביי אים אַריין דעם זיידנ'ס גאַנצע אָדער טיילן העברעיאישע און אידישע פעליעטאָנען, די דראַמאַטישע פּאָעמע „דער שטן מקטרג" (דריטער באַנד, זייט 243), וועלכע ער, דאַווידזאָן, האַלט פאַר א פּאַראָדיע אויף געטע'ס „פויסט", און „חיים ברבורימ'ס ווער־טערבוך". נאָך צוגלייך פעלן ביי דר. דאַווידזאָנ'ען אַ טייל פּאַראָ־דיעס, וואָס גייען אַריין אין אָט־דעם באַנד.

פאבלען

די שמאטע און די שמ׳ע

פארוואָרפן אויף א הינטער־הויף,
פון אלעמען פארגעסן און פארלאָזן,
ליגט בא אן אלטן רייף
צופוסן, פונם הערבסט-ווינט ארויפגעבלאָזן
א שמאטע,
וואָס איז אין אירע יונגע יאָרן
געווען בא אן אלטן ראָק א לאַטע
און איז פון אים דערלייזט געוואָרן.
נאָענט לעבן איר
האָט זיך געטוליעט, ווי א קליין פארלאָזן קינד,
צום רייף, א שוואכע שטיקעלע פאפיר,
צעקלאַפּט פון האָגל, און צעדרייט פון ווינט.
„איך מוז דיר, ליבע שמ׳ע, זאָגן", —
האָט צום פאפירל אָפּגערופן זיך
די שמאטע, ריידנדיק ווי איינער,
וואָס האלט פון זיין געליבטן „איך", —
„אז דו, מיין לעבן, טויגסט אויף אלע קלאָגן.
אָט פרעג דעם רייף, דעם ברוק מיט אלע שטיינער,
דעם באָק פון יענעם הויף און אונזער ציג,
זיי וועלן דיר דערציילן, אז איך ליג
פון יאָרן שוין אויף אָט־דעם אָרט,
און כאָטש איך ווער טאָג־און־נאכט
געמוטשעט פון די קעלטן און די היצן,
פון גרינע ווערים אויף מיין קארק,

פון רעגן, האָגל, דונערן און בליצן,
בין איך, פונדעסטוועגן, געזונט און שטאַרק.
דאַגעגן,
ביזטו געוואָרן כרופּקע אין צוויי טעג
פון ערשטן שטאַרקן רעגן,
וואָס איז געקומען אין דיין וועג,
און דיך וואָלט זיכער יעדער שוואַכער ווינט
פאַרבלאָזן,
ווען דאָס וואָלט נאָר דערלאָזן
דער גוטער אַלטער רייף, וואָס שיצט דיך ווי אַ קינד".

„מיין פריינט, דו בלאָזט אומזיסט זיך אָן" —
האָט צו דער שמאַטע, שטילערהייט, געזאָגט
די אָרעמע, פאַרוואָרפענע יתומה,
די קליינע ברעקל שמ'ע.
„איך האָב מיך נאָך דערוויל ניט באַקלאָגט
פאַר דיר,
נאָר ווייסן מעגסטו, אַז איך בין אַ שטיק פּאַפּיר,
וואָס שטאַמט פון ספרים, וואָס זיי וואַרפן
ליכט אויף דעם חשך פון דער נאַכט;
פון ביכער קום איך, וואָס זיי שלייפן, שאַרפן
מיט ריזנהאַפטע גרויסע כוחות,
און נאָר מיין אומגליק האָט מיך דאָ געבראַכט.
איך ווייס, אַז איך בין קראַנק און שוואַך,
און האָב ניט איבער זיך קיין דאַך,
פאַרזונקען מעג איך אפשר אין אַ זומפּ
(ניט בעסער איז דער אָרט, וואו איצט איך וואוין)
דו אָבער ביזט אַ לומפּ געוועזן שמאַטע-קרוין,
און בלייבסט אַ לומפּ!"
די שמאַטע האָט זיך שטאַרק פאַרטראַכט,
ווייל דענקען איז ניט איר מלאכה,

און האָט געזאָגט:
„מיין פריינט, מיר דאכט,
דו ביסט ניט גאָר איינגאַנצן אומגערעכט,
מיט דיר איז איין זאַך אָבער שלעכט:
דו ווייסט ניט, אַז דו ביסט פון מיין משפחה,
און נאָך מער, אַז אַ שמאַטע
איז אייגנטלאַך געווען דעם יחסנ'ס טאַטע".

דאָך, ווער עס האָט זיי אויפן הינטערהויף געבראַכט,
דאָס האָבן ביידע ניט באַטראַכט.
איך זאָג אייך, גלויבט מיר, בנאמנות,
עס איז אויףביידן אַ רחמנות.

מאַי 20, 1895 (דער „אמת", באָסטאָן).

דער אדעליגער קאטער.

אַ פוקס, אַ כיטרער קערל און אַ ליץ
האָט איין אָן אונטערהאַלטונג מיט אַ קאָטער
געמאַכט אַזוי פיל חוזק פון די קעץ,
אַז יענער איז אין כעס געוואָרן.
„דו ווייסט ניט, פוקסל חצוף" —
האָט ער צו אים געזאָגט מיט צאָרן, —
אַז איך געהער צום העכסטן אדל
פון חיות, ווייל איך קום פון אַ משפחה
פון העלדנקעץ, אָן פורכט און טאדל,
וואָס זיינען קיינמאָל ניט געגאַנגען אין געשפאַן,
ניט אין אַ פור, ניט אין אַ סאָכע,
צו פירן היי, צו אַקערן אַ פעלד,

צו טאָן, וואָס פּאַסט ניט פאַר אַ חיה־העלד,
נאָר לעבנדיק אין וואַילטאָג, יעדערער אַ פּאַן,
דורך ערנהאַפטן רויב.
איך שטאַם, בקיצור, פון פלינקן טיגער,
וואָס קען פאַרצוקן לייכט אַ רינד,
איך בין דעם לעמפּערט'ס שוועסטער־קינד,
דעם יאַגואַר'ס,
דעם קוגואַר'ס
און ניט זייענדיק אַליין פּיליכט
קיין העלד ניט, ניט קיין גרויסער קריגער
און ניט קיין מורא'דיקער שטרייטער,
בין איך אַ קרוב ניט קיין ווייטער
אפילו פון זיין מאַיעסטעט דעם לייב".
„אַז דו ביסט ניט קיין העלד, איז לייכט
צו זען" — האָט אים געענטפערט אונזער פוקס —
„אי פון דיין שוואַכער לאַפּהע,
אי פון דיין אָנבליק און דיין וואוקס,
און איך גלויב,
דעם קלענסטן הינטל'ס עק
(שוין ניט ריידנדיק פון זיינע ציינער)
פאַריאָגט דיך, ווי די שוואַכסטע זשאַבקע,
אין תהום אריין פאַר היילע שרעק!
דו ביסט, מיין פריינט, אַ כוואַט מיט ביינער
אין ווינקעלע אין הויז,
באַקעמפנדיק אַ שטילע הונגעריקע מויז;
איך ווייס ניט פון די מעשים־טובים
פון דיינע אַדעליקע קרובים,
נאָר דו לעבסט ניט פון "ערנהאַפטן„ רויב אַליין,
דו, ברודער, שעמסט זיך ניט צו גנב'ענען,
צו בעטלען און צו חנפה'ענען,
אפילו נאַשן איז פאַר דיר ניט געמיין".

דאָס זאָגנדיק האָט ער זיין אָנגעפּעלצטן עק
מיט שפּאָט א הויב געטאָן און איז אוועק.

***

די אַלטע וועלט
איז פול מיט דעם סאָרט קאָטערס,
יחסנים פוסטע, אדעליקע פּיפּערנאָטערס
מיט וואָנצעס לאַנגע, בליצנדיקע אויגן
אָן מאכט, אָן זין, אָן געלט,
נפשות, וועלכע טויגן
צום קלעטערן מיט פּלענער אין דער הויך,
וואָס יעדערער פון זיי גייט אוועק מיט רויך;
זיי לעקן טעלער בא דעם רייכן,
און מיאוקען זיך מיט זייערס גלייכן,
אריסטאָקראַטיש פיין צוזאמען.
אַלץ, וואָס זיי ווייסן,
איז מער נישט ווי זיי הייסן,
און דאָן... פון וועלכע טיגער־קעץ זיי שטאמען.

יוני 17, 1895 (דער „אמת", באָסטאָן)

דער פערד און די משוגונקע

„ווי קענסטו זיך, דו שטיק משוגונענער באַלוואַן,
מיט מיר פאַרגלייכן?״
האָט צוגעהירזשעט, שטייענדיק באַם באַן,
מיט די קאַפּיטעס רייסנדיק די ערד,
צום אייזערנעם לאָקאָמאָטיוו א פערד,
וואָס האָט געדינט אַן ארענדאַר א רייכן.
„איך ווייס, דו האָסט דעם טייוול'ס כוח,
קענסט שלעפּן צען מאָל אַזוי פיל
ווי איך, און פלינקער קומסטו אויך צום ציל;
דערפאַר האָב איך אויף זיך א מוח
און בין ניט בלויז א לעבעדיקע זאַך מיט א קאָפּ,
איך קען אויך גיין וואוהין איך וויל,
אַ באַרג-ארויף, אַ באַרג אַראָפּ,
אין וואַסער בראָדזשענען ביזקל די קני,
א קירעווע זיך טאָן, ווען נויטיק, אָן א זייט,
און דאַרף ניט קיין מאַשינערי,
ווי דו און אַלע אַנדערע מאַשינעס,
אַלם כוואַטסקע חברה־לייט.
כּל־זמן איר גייט אויף גלייכע, גלאַטיקע לינעס
וואָס קוים איז עפּעס ערגעץ־וואו נאָר קרום,
טראַסק, קוליעט איר זיך אום
און קענט זיך מער ניט רירן.
דו, ברודער, מעגסט ווער ווייס ווי הויך
דיר בלאָזן שטאָלצערהייט דיין רויך

און סוויסטשענען און שפּייען פייער,
דו קענסט ניט נעגן מיר שטאָלצירן.
דו בלייבסט א נאַריש מאַשין
אָן שכל, אָן באַרעכענונג, אָן זין.
און ביסט אין מיינע אויגן אסור ווערט
א דרייער".

„הער-צו, מיין ליבער הירזשעניק", —
האָט די טשוגונקע איצט געזאָגט צום פערד,
מיט א פאַראַכטונגספולן בליק
אויף אים, אין זיין געשפּאַן אין וואָגן.
„איך האָב קיין צייט ניט לאַנג
מיט דיר צו דיספּוטירן,
אַזוי פיל וועל איך דיר נאָר זאָגן,
אַז דו ביסט א בעל־שכל ניט פון ערשטן ראַנג!
באַטראַכט נאָר! דו, א דענקער,
לאָזט איבער זיך א באַלעבאָס רעגירן,
א מאַן, וואָס איז דיין טרייבער און דיין לענקער,
וואָס טוט דיר אָן, ניט מאַכנדיק קיין שאלות,
א כאָמוט אויפן האַלז, אין מויל א צוים,
און דו, מיט אַלע דיינע מעלות,
האָסט נאָר 'א מויל צו ווערן פול מיט שוים,
פון ווייטאָג און פון ריסן אַלערליי...
מיט ציינער אינווייניק נאָר צום קייען היי,
א שטאַרקן רוקן, וועלכער ווערט געשמיסן,
און לאַנגע פיינע, דינע לאַפּעס
צו גיין אין יאָך אריין,
מיט שוואַרצע קלאַפּעס
אויףביידע אויגן, און זיי זעען ניט צו וויסן,
פאַרוואָס מען שמייסט, פאַרוואָס דו מוזט א דינער זיין,
ווי מוז דיר שרעקלאַך שווין דערגיין דער לעבן

אז דו זאָלסט קריגן מוט, איין אויגנבליק
און דאַן דעם אונטערדריקער געבן
מיט כּעס אַ בריק,
קיין וואונדער ניט, וואָס דו לאָזט רק אַראָפּ
דיין פערדישן, צודולטן קאָפּ,
הגם דו האָלסט זיך אַזוי שטאָלץ און שטייף:
דו ביסט געווען און בלייבסט אַ כלאָפּ!"

דאָס זאָגנדיק, האָט מיט אַ לאַנגן פייף
זיך די טשוגונקע, רוישנדיק, אַוועקגערוקט
שנעל ווי אַ פייל פון בויגן.
דער פערד האָט אויסגעשטעלט די אויגן
און האָט איר אַ צעמישטער, נאָכגעקוקט.

***

געפינט איר זיך באַליידיגט
דורך דעם פאַרגלייך
מיט אונזער פערד און דורך די פּרעדיגט
פון דער מאַשין?
אויב יאָ, דאַן קען מען נאָר איין עצה געבן אייך:
פּרובירט און ווערט
באַפרייט פון אייער שקלאַפנזין
און גייט מער אין געשפּאַן ניט ווי די פערד.

יולי, 1, 1895 (דער „אמת“, באָסטאָן).

די קוקאווקע און דער אדלער.

(פריי נאָך קרילאָוו).

אַן אונבאַדייטנדע קוקאַווקע, מיט אַ קול
פון לעבערלאַכע, לאַנגוויילּיקע נאָטן
און גאַר אינגאַנצן ווייניק־וואָס געראָטן
האָט מיט אַמאָל
געקראָגן (פאַר וועלכע מעשים טובים,
צי פאַר זכות אבות, צוליב קרובים
דאָס וויים איך ניט אליין)
ביי זיינע מאַיעסטעט, דעם אָדלער, חן:
ער האָט געגעבן איר דעם ראַנג,
דעם טיטל פון דער נאַכטיגאַל.
און האָט באַפוילן אַז מען זאָל איר איבעראַל,
ניט אַכטענדיק אויף איר געזאַנג
און וואָס מען זאָל דערביי ניט קלערן
אָפיציעל אַלס נאַכטיגאַל פאַרערן.

קוים איז אַרויסגעקומען דער באַפעל,
האָט מיין קוקאַווקע אויפן שטעל
זיך אָנגעבלאָזן, אויפגעמאַכט
איר שנאָבל און גענומען זינגען
אַלס „מייסטערזינגערקע" ביי נאַכט
מיט שטאָלץ איר קו־קו, קו־קו־ניגון.
„די וועלט, האָט זי געטראַכט, וועט קלינגען
מיט מיר איצט, און מיט גרוים פאַרגעניגען

וועט האָרכן מיין מוזיק, איצט אין מיין נייעם משין.
א קלייניקייט א ביסל ווער איך בין!"

צום אומגליק האָט זי זיך געאירט
און האָט דאָס גיך דערשפּירט,
ווייל אזוי באלד
ווי אירע קוקו־לידער האָבן זיך דערהערט
האָט אויסגעפּלאצט דער גאנצער וואלד
מיט א געלעכטער, מען האָט זיך אָפּגעקערט
פון דער קוקאווקע־נאכטיגאל
און מאנכע פויגלען האָבן פּשוט זי געזידלט
אריין אין פּנים בעת זי האָט געלידעלט.
א שוידערהאפטער פאל!
זי פליט צום אָדלער מיט א קלאָג:
„גוואלט, אדוני מלך, זאָג,
וואָס האָט דאָס צו באטייטן,
א נאכטיגאל בין איך, לויט דיין באפעל
דיין מוזיקאלישער ארגאן — אפיציעל —
און קיינער אכטעט ניט מיין ראנג
און פונקט ווי אין די אלטע צייטן
מאכט יעדערער שפּאָט
פון מיין געזאנג".

דער אָדלער הערט אויס וואָס זי קלאָגט,
ער שמייכלט אונטער און ער זאָגט:
„מיין פריינט, איך בין א קעניג, ניט א גאָט:
איך קען די פויגלאך צווינגען

אלס נאכטיגאל דיך צו פארערן,
איך קען אָבער פון דיר
א נאכטיגאל ניט מאכן
און אויב דו קענסט ניט זינגען
קען איך, גלויב מיר,
דעם עולם ניט פארװערן ,
פון דיר צו לאכן".

יוני 10, 1897 („פאָרװערטס").

דער בייזער הונט.

„ערקלער מיר, ליבער הונט, —
האָט צו בארבאס געזאָגט א יונגע קאַץ,
אים זעענדיק ניט ווייט פון זיין געצעלט,
ביים בודקע, אויף זיין פּלאַץ —
„וואס איז דער גרונט
דערפון, וואָס דו באפאלסט די גאנצע וועלט
עס איז געווים ניט מער ווי רעכט
אז דו זאָלסט זיין געטריי דעם באלעבאָס
וואָס גיט דיר וועכנטלאך דיין פּאָרציע ביינער;
אויך פארשטיי איך אז דו ביזט זיין קנעכט,
זיין דינער מיטן קול און מיט די ציינער,
דאָך, טייערער בארבאָס,
פארוואָס זאָלסטו זיך רייסן
פון זיינטוועגן מער די גאל
ווי די בהמות אין זיין שטאל?
איך זאָג, א הונט, ער כאפּט זיך בייסן!
אָבער, צווישן זיך גערעדט,
דערויף ביזטו קיין מאדים ניט, הגם,
דאָס ווייס איך, ציינער זיינען דיין ספּעציאליטעט,
אָבער לויטער בילן: האם! האווקע־האם!
אויף יעדן, צי ער איז דיין באָס א שונא,
צי אין זיין קראָם א קונה,
גלאט אין דער וועלט אריין
ביי טאָג, ביי נאכט,

און בילן מיט אזוי פיל וואוט,
דאס איז, מיר דאכט,
ניט בלויז פאר דיר אליין ניט גוט,
ווייל דו קענסט באפן מיט א שטעקן,
נאָר אזא מין בילעריי קען דיין באַס אליין
אין זיינע שכנימס אויגן נאָר באפלעקן
און ער איז איינער,
וואָס איז אויך אָן דיין סצירן מיט די ציינער
ניט איבעריגענס נושא חן.
וואָס דארפסטו זיין אים מער געטריי,
ווי דער בעל דבר פון סטאדאָלע,
וואָס עסט פון קאָרעטע, און ניט ווי דו,
א ביינדל, וואָס מען ווארפט אים צו?
אָט ער איז אויך א קנעכט,
איז אויך ניט פריי,
פון דעסטוועגן שפילט ער (און איז גערעכט)
אנאנדער ראָלע:
ער גייט זיך רואיק אין געשפאן,
די אויגן,
מיט קלאפונעס, מיט לעדערנע פארצויגן,
און גייט זיך נאָך דעם אלטן פלאן,
ניט קוקנדיק ניט לינקס, ניט רעכטס,
ווי א סאָלדאט א דייטש.
ער וויים דערפאר, ניט פון קיין שלעכטס,
און פילט אפילו ניט דעם בייטש
וואָס הייננט ניט ווייט פון אים אין פאל
ער הירזשעט ניט „לאָיאל“.
און ער, ער רייסט זיך ניט די גאל,
און איז זיך רויט און קרעפטיק און געזונט,
דער קערקעל שטארק, די בייכל רונד,
און בעת דו בילסט, האָט ער, דער פערד,

דעם באָס מיט זיינע שונאים אין דער ערד
ניט ער, אפילו ניט דער מוילעזעל, וואס טראָגט
אויף זיך די גאנצע לאסט,
וואָס קוועלט זיך נאכאנאנד און פלאָגט
זיך אָפּ אָן רו און ראסט,
שפּרינגט ניט אזוי פון הויט ארויס ווי דו,
באפאלנדיק די קעגנער פון דעם באָס".

„הערצו!
האָט דאָ א ביל געטאָן צו איר בארבאָס,
באטראכטנדיק די מיאוקעניצע
מיט א סארקאסטישע, פאראכטונגספולע מינע,
„צו וועמען קומסטו מיט אזא מליצה?
אָט די גאַנצע ריידעריי
פון זיין צו היציק, צו געטריי
האָב איך געהערט אין ארגענטינע,
אין פראנקרייך און אין רייסען
ווייל איך בין וואס מע רופט א הונט אויף רייזען,
ווי דאָס באווייזט די הונט־ליטעראטור.
דו, קאץ, פארשטייסט ניט מיין נאטור.
זעסט פיל התלהבות אויף מיין פנים?
וואָס קימערט מיך מיין באָס מיט זיינע שונאים,
זיין לייב, זיין לעבן, זיין געזונט?
איך ביל
פארשטייסטו, ווייל איך האָב אַ אַלט, אי יונג
אין מענטשלאַכער געשטאַלט
און ווייל איך קען בטבע ניט זיין שטיל,
בקיצור, ווייל איך בין שוין אזא הונט".

סעפּטעמבער 28, 1898 („פאָרווערטס").

דער דבר־אחר און דער הונט.

פארצייטן, אין די טעג פון אונזערע ח"זל,
(עס איז ביי מיר א גרויסע סברא
אז מיין געשיכטע שטאַמט פון דער גמרא)
איז ערגעץ אין א רייכן שטאַל
ביי א גוט געפיטערטן און פעטן דבר־אחר
א הונט געווארן גאר א גאנצער מאכער.

איין אוונט, ליגנדיק קעגן מייסטער כריוק
און אים באטראכטנדיק, אים מיט זיין שניוק,
זאָגט אין א טאָן דער הונט
פון האַלב-חניפה, האַלב ליצנות:
„איך שווער דיר, ליבער שוויין ביי מיין געזונט
ביי מיין נאמנות,
אַז דיין כאַראַקטער איז דאָ אומבאַגרייפלאך
פאר אלעמען אין הויף".

„וואַ־כר־רום ?"
פרעגט כריוק אביסל שטייפלאך,
און כראָמשקענדיק, הגם ער איז שוין פול
און אָט־אָט, מיינט איר, פּלאַצט אַרום
זיין פּוזע יעדער רייף:
(ער זעט אוים ווי אן אנגעפּויזטער נול).

„ווארום?" — פרעגט איבער יענער
מיט אן ערגעבענעם, דערשטיקטן שמייכל,

„ווייל לויט נאָך אונזער קורצן שכל
— דאָס איז די מיינונג פון די הענער
פוןביידע ציגן, פון דער קו,
אַז איינער וועלכער איז ווי דו
אַזוי געוואַלטיק דיק און פעט
דאַרף, במחילה, אַזוי גראָב ניט זיין
ניט אַזאַ שרעקלאַכער האָבון
דאַרף, פּראָסט גערעדט,
ניט זיין, זאָגט מען אין הויף, אַזאַ מין שוויין".

דער דבר-אחר הערט עס אויס, פאַררייסט דעם שניוק
און ענטפערט, כלומרשט לאַכנדיק דערפון:
„נישקשה האָט איר אַלע פון אַ קוק!
גראָב, זאָגט איר, בין איך?
און קיינעם ניט פאַרגין איך?
אין איין זאַך זענט איר זיך גערעכט,
לכל הפחות אויף דעם ערשטן בליק,
נאָר זעען זעט איר שלעכט.
עס שיינט מיר, אַז איר
פאַרשטייט ניט, אַז מען קען ניט ווערן דיק,
ניט רייך, ניט פעט, ניט זייענדיק אַ חזיר."

**
*

און דאָך, ווי עקלהאַפט עס זאָל ניט זיין
אַ ציל־באַוואוסטער שוויין,
איז דאָך ניט ווייניקער געמיין
אין מיינע אויגן
און אפשר שטיי דערמיט איך ניט אַליין,
אַ הונט, וואָס קען זיך בויגן
און פאַלן כורעים
פאַר אָפּגעקאָרמעטע חזירים.

אַפּריל 7, 1906 („וואָרהייט").

אַן אסיפה אין וואַלד.

איין זומער־אָוונט איז געווען ביי די חיות
אין וואַלד אַן אונטערהאַלטונג.
מיט טענות־מענות און אַזעלכע שטאַרקע ראיות
פיין צוגעשפּיצט און אויסגעשווינדלט
וואָס וואָלטן אין פּאָליטישע פּאַרטייען
אָנגעמאַכט אַ שפּאַלטונג,
ווערט אָנגעפירט אַ סכסוך וועגן דעם,
ווי־וועך קינדלט.
קיינער וויל, חלילה, ניט פיל בראַיען
מאַנכער האָט טאַקע אַ שם
פאַר אַ בעל־דברן, אָבער צו וואָס טויגן
דרשות לאַנגע?

„איך געפין,“ —
זאָגט גלאָצנדיק די כיטרע אויגן,
ר' שועל שפּיצקאָפּ, המכונה פוקס,
און טוט דערביי אַ הויב זיין פיין געפּעלצטן עק,
(אַן עק כמעט צו־וואַזשנע פאַר זיין וואוקס).
„נו, איך“ — זאָגט ער, — „געפין ניט קיין שום זין
אין מיילנלאַנגע דרשות אָן אַ צוועק
קיין זין ניט און קיין נוץ.
און דאַן, אַזוי פאַרדאַמענדיק די ריידעריי
אַ שעה און צוויי און דריי
„מיין מיינונג איז“ — זאָגט ער צום ענד —

„הגם איך ברענג אַליין אַ האַלבן טוץ
נפשות יערלאַך אויף דער וועלט,
אַז קינדער, איבערהויפּט אָן געלד,
זיינען ניט קיין מזל־ברכה.
„און איך", — דערלאַנגט אַ בלאָז
אַרויס זיין מיינונג, ווי ניסנדיק אַ נאָז
דער קראָליק, — „איך, פּאַרקערט, ליב אַ משפּחה
און אַ גרויסע, ליב דעם קינדערשפּיל,
איך גלויב אין קינדלעך אָפּט און פיל".

איצט נאָך דער קליינוואַרג נעמט דאָס וואָרט
דער העלפאַנד, דאָן הער בער (ושמו דוב-בער)
דער הויקערדיקער קעמל, דער זשיראַף,
ער מיט דער לאַנגער האַלז, ווי ביי אַ חזן,
דער הירש, די גרויסע קעץ פון יעדן סאָרט,
(חוץ אים אַליין, דעם לייב) און נאָך, אַ-מאָלע ווער,
מען שרייט, מען מיאַוקעט, מוקעט, הירזשעט, ברומט,
און דער געפּילדער
ווערט וואָס אַ ווײַלע היציקער און ווילדער.
דאָך קומט
מען צו קיין אנדער שלום ניט ווי אָט־דיזן:
פרעגן וועט מען אירע מאַיעסטעט די קיניגין,
די לייביבע, ווי זי זיך נוהג איז אין אָט־דעם פּרט,
ווער רעכט האָט, וועט איצטער זיין באַוויזן.

גוט. אַלע שטימען איין דאַרין.
מען שיקט דעם באָק אַלס דעלעגאַט.
ער קומט, ער גלעט זיין באָרד, הויבט אויף זיין קול,
און, זיך פאַרבויגנדיק ביז דער אדמה,
מאַכט ער אַן אונטערטעניק-העפלאַכע הקדמה
און זאָגט: „מע! מאַיעסטעט, מיר קומען פרעגן,

אַט אַ שטייגער, ווען דו ווערסט געלעגן
אין אַ מזל'דיקער שעה...
איז, חייסט עס, וויפיל האָסטו אויף אַ מאָל,
ווייל ווערליג נאָך דיין גרויסער גבורה,
וואָלט ביי דיר ניט צו פיל זיין אַ שאָף..."
עד כאן דער באָק.

די קיניגין, משמעות, האָט הנאה
צו זען די נאַרישע און בלאַסע צורה
פון אַ חברה-מאַן אַזוינעם.
זי שמייכלט, טוט זיך אָבער שנעל אַ הויב
און ענטפערט שטאָלץ:
„הער אוים, שליח ציבור,
און גיב דאָס אין מיין נאָמען אַלע חיות איבער:
האָבן — האָב איך אויף אַמאָל בלויז איינעם,
דער איינער אָבער איז אַ לייב".

מערץ 3, 1926 („ווארהייט").

דער פוקס אויף צרות.

אַט וואָס איך האָב יונגערהייט ערהאַלטן
במתנה פון דעם אַלטן
בעל־משלים עזאָפּ, אָפּצוגעבן אייך:
אַ פוקס — דערציילט ער, — האָט אַמאָל אַ טייך
געדאַרפט אַריבערשווימען אין אַ ווינד.
דער שטראָם
אין אין אַ שטורעם אַ בייזער כעסן אימער,
דאָס וויים יעדעס קינד,
און שלעפּט אַראָפּ אין טיפסטן תהום
דעם בעסטן שווימער,
ווען ניט, פאַרטראָגט ער אים
אין האָצע־פּלאָצע אויב ער וויל.
אַ ווײַלע איז דער פוקס געשטאַנען שטיל,
זיך מיט דער דעה שלאָגנדיק,
און דאַן האָט ער געזאָגט: איך שווים!
דאָס זאָגנדיק,
האָט ער ראַש געטאָן אין טייך אַ שפּרונג —
אַ כוואַטסקער יונג!
זיין חוצפה האָט דעם שטראָם פאַרדראָסן,
און ער האָט זיך אַזוי צעגאָסן,
צעבושעוועט און צעפּרעגלט,
אַז מיין פוקסל האָט זאָגאַר געשוואומען,
אָבער ניט צום ברעג געקומען,
נאָר שטראָם־אַראָפּ, אַט ווי אַ שיף וואָס זעגלט
אָן אַ שיפער, אָן מאַטראָזן

און צום סוף געפינט זיך דאָרט,
וואוהין זי ווערט פון ווינד געבלאָזן.
אָנגעקומען איז ער שנעל אין אַן אָרט
אין טייך, פול מיט געהילץ פארטראָגן,
אין אַן ענגן גאָרגל — וואָלט איך זאָגן —
וואו ער איז געווען צונויפגעדריקט,
צונויפגעוועקוועטשט, כמעט דערשטיקט,
ניט קענענדיק זיך רירן און באוועגן;
עפּעס ווי אין האָלז אַ ביין,
וואָס קען ארויס ניט, ניט ארונטערגיין,
איז דאָרטן דער אומגליקלאַכער געלעגן.
איצטער ווייסט איר דאָך מסתמא,
אז ווען איינעם קריכן די גערערים
פונם לייב, טרינקט מען נאָך דערצו זיין בלוט,
ווי אויף דעם, וואָס ליגט אין דער אדמה
פאַלן אַן די ווערים.

קורץ און גוט.
אַט דאָס האָט מיט דעם פוקס פּאַסירט:
ווייל קוים איז אים געוואָרן ענג און שמאָל,
האָט ער באלד אויף זיך דערשפּירט
בלוטזויגער אָן צאָל,
געוויסע פּיאַווקעלאך אזעלכע,
וועלכע זיינען אימער בריות און חכמים
ביי געפאַלענע צו צאַפּן דמים.
אַט־די האָבן אונזער פוקס געזויגן
טראָפּנווייז און אָן רחמנות,
ביז אים איז אין די אויגן
געוואָרן פינסטער און זיין לעבן
איז געשטאַנען אין סכנות.
דאכט זיך, וואָס? אַ פּיאַווקעלע? אַ פליגל?

און וויפיל שמערצן דאָס קען געבן!
ווייטאָג? ציטנווייז זאָגאר דעם טויט!
דאָך זיינען גוטע הערצער דאָ: אַ איגל,
זעענדיק דעם שועל'ס גרויסע ליידן,
האָט געיאָוועט זיך אַלס העלפער אין אַ נויט.
„ברודער", — זאָגט דער יאָזשיק, — „הער מיר דאָרט,
דו קענסט דאָס בלוטצאַפּן פאַרמיידן;
ליידער האָב איך ניט די מאַכט
דיך גאָר אינגאַנצן צו באַפרייען,
אָבער מיינע קרעפטן וועלן סטאַיען
אָט־די פּיאַווקעס צו פאַריאָגן פון דיין גוף,
לאָז, אָט טו איך זיי אַ טרייב".
געערעדט — געטאָן.
„הער אויף!" —
שרייט יענער מיט אַ ווילדן קרעכץ, —
„דו לאָז זיי בלייבן אויף מיין לייב,
די פּלוטעס,
מחמת אויב דו זאָלסט זיי איצט פאַריאָגן,
טוסטו מיר דערמיט מער שלעכטס
ווי גוטעס.
דעם גרונד דערפון וועל איך דיר זאָגן:
אמת, איך בין אויסגעזויגט און מאַט
און פון זיי צו ווערן פּטור וואָלט געווען גוט,
אָבער אָט־די זיינען ווייניקסטנס שוין זאַט
און דאַרפן ניט אַזוי פיל בלוט
ווי יענע, וועלכע וועלן, גלייך
ווי די פאַרשווינדן, קומען צו פאַרכאַפּן

זייער אַרט.
שוין וואַרטן זיי אויף דעם אין טייך
און אויב זיי זיינען פון אַן אַנדער סאָרט,
בלוט מוזן אַלע פּיאַווקעס צאַפּן,
מער נישט — יענע וועלן קומען הונגעריגערהייט
און וועלן מיר דערזויגן ביזן טויט.

אָקטאָבער, 1908 („צוקונפט“).

דער געפאלענער דעמב.

א דעמב, א גוט באקאנטער
אין זיין וואלד,
אי פאר זיין וואוקס, זיין עלטער, זיין געשטאלט,
אי אלס פון בוימער גרויסע א פארוואנדטער,
איז איין טאג, ארויסגעריסן דורך א שטורמווינד,
געלעגן
אויסגעצויגן אויף דער ערד,
אומבאהאלפן ווי א וויקלקינד.
משמעות מער ניט ווארטנדיק אויף רעגן,
אויף א נייעם לעבן נעקסטן יאר,
נאר אויף א וואגן מיט א פערד,
וואס זאל צום זעגער מיט זיין זעג
איצט פירן אים אוועק.

איצט ווייס איך ניט אויף קלאר,
צי על־פי סיבה אדער ניט,
נאר קנאפע צוויי־דריי טריט
פונם אלטן אויסגעווארצלטן דעמבון,
איז דא דערשינען מיט אמאל
א יונגער בוים,
און מיט קניקס צום וואלד,
א חנ'דעלע צום הימל, צו דער זון,
א שטאלצן בליק ארונטער אינם טאל
— דעם כלומרשט טיפן פלאכן רוים —

האָט ער פארנומען באַלד
דעם אַלטנס אָרט, —
פון אים, וואָס האָט אים, ליגנדיק, אָן כעס,
אָן קנאה און אָן האַס,
באַטראַכט,
ניט רעדנדיק קיין וואָרט.

נערעדט האָט דוקא יענער,
דער יונגער, פילנדיק זיך אין דערהיים,
אָן איינגעפונדעוועטער אין זיין מאַכט;
די וואָרצלען זיינע זויגנדיק די זאַפט
אין מאַמע־ערד'ס געליבטן שויס
(אויף פעטע שפייז איז יעדערער אַ קענער),
האָט איצט געזאָגט דער יונגער בוים:
„איך זע ניט באַמנות וואו זיין קראַפט,
דער יחוס זיינער שטעקט, זיין גרויס;
פאַר וואָס מען מאַכט אַזוי פיל וועזן
פונם דעמב, וואָס איז ביז איצט געוועזן
דאָ, אינם בוזעם פון דער ערד!
אַ שטורעם — אויף די וויצקעלאַך אָן שליטה —
האָט זיין גאַנצע מאַכט צעשטערט.
אָן ליגט ער. פון יעדן פערד'ס קאָפּיטע
קען ער אַ בריק איצט קריגן;
זיינע הויכע, שטאָלצע צווייגן,
וואָס פלעגן צו די וואָלקנס שטייגן,
גריזשען קענען איצט די ציגן,
און איך,
אַ שוואַכער בוימל, ווי איר זעט דאָ מיך,
פאַרנעם זיין אָרט“.

„דו ביזט גערעכט, נאָר ניט אינגאַנצן“ —

האָט זיך אָפּגערופן איינע פון די פלאַנצן
אַרום אים, איצט נעמענדיק דאָס וואָרט:
„ניט רעדן וועל איך דאָ אַרום זיין שטאַלץ,
זיין יחוס, דאָס איז דאָ ניט וויכטיק,
אַגב ווילט זיך מיר מיין רעדע מאַכן קורץ,
— אָט קריכט אויף מיר אַ וואָרעם!
נאָר אָט וואָס איך וויל זאָגן:
עס מעג זיין ריכטיק,
אַז דער פלאַץ, וואָס פאַרן שטורעם
האָט אין זיך דעם גרויסן דעמב געטראָגן,
וועט מיט דיר זיך אויך ניט שעמען.
אָבער, ברודערקע, לייכט איז צו פאַרנעמען
אַזאַ מין אָרט, אויב דורך אַ צופאַל ער ווערט לער,
אים אויסצופילן, זעסטו, דאָס איז שווער.“

1910

די בלעטער און די ווארצלען *)

אמאל,
איין שיינעם טאג אין מיטן זומער,
צעשטיפן זיך די בלעטער אויפן בוים,
ארום זיך ווארפנדיק א שאטן אינם טאל,
וואס מאכט פון אים א היים
פאר רו, פאר מארגנפרייען שלומער
אויף מאמע ערד'ס געפוצטן גרינעם קישן,
אין א ווארט,
אן ארט
פאר ליבלאכקייט און לוסט.
די בלעטער פלאפלען מיטן ווינטעלע דעם זיסן,
בעת ער שוועבט ארום און האלזט און קושט
און קיצלט מיט זיין קילן בלאז
ניט זיי אליין, די שטאלצע בלעטער,
נאר אויך די שפל'ע, די נידעריקע גראז,
אזוי דערהויבנדיק ביים בוים צופוס
די געטראטענע פון אלע טרעטער,
פון אייביק אן געוואוינט צו ליידן און צו שווייגן.
און אט איז ווי די בלעטער אויף די צווייגן
מיטן ווינטל שמועסן:

„ווער ווייס ניט, ליבלאכער זעפיר,
אז מיר

---

*) פריי נאך קרילאוו.

פאַרצירן אָט־דעם טאָל דעם גאַנצן,
חוץ וואָס מיר זיינען פאַרן בוים אַליין
דאָסזעלבע, וואָס די קודליעס ביי די לייבן
זיין שטאָלץ, זיין פּראַכט, זיין קרוין?
ווער חוץ אונז ברענגט די פאסטושקעס טאַנצן
מיט די פאַסטוכלאך אהער?
פאַרליבטע טייבעלאַך און טויבן,
א ז י און ע ר ?
און וואו, אויב ניט ביי אונז געפינט דער וואַנדערער,
דער זונפאַרברענטער, מידער,
רו פאַר זיינע גלידער
און פרישע לופט
געוואָרצט מיט בשמים־דופט ?
און ווער נאָך קען אַזוי באַשירמען און באַשיצן
דעם פאַרבלאָנדזשעטן, בעת מיט דונערן און בליצן
א רעגנשטורעם, א כעסן, א מחבל
סטראַשעט מיט א מבול?
ווער ווי מיר ?
מיר זיינען... עס איז איבעריק צו רעדן,
פריינד זעפיר,
א צירונג פאַרן טאָל, פאַר מענטשן א גן־עדן.
דאָס וויסן אַלע פון קלענסטן ביזן גרעסטן".

„און פאַר איין גאַנג
קומט אונז, פאַרגעסט ניט, אויך א דאַנק"
— האָט זיך פון אונטער דר'ערד
א שטילער האַלב־דערשטיקטער קול דערהערט.

„ווער האָט דעם מוט,
די חוצפה דאָס מיט אונז זיך צו פאַרמעסטן?"
ענטפערן די בלעטער, זיך טרייסלענדיק פאַר וואוט.

„ווער זייט איר דאָס, וואָס רעדט
מיט אונז, מיט אזא חוצפּהדיקע איראָניע?"

„ווער זיינען מיר? מיר זיינען די,
וואָס גיבן אַלץ אייך וואָס מיר האָבן,
פאַרזאָרגן אייך מיט לעבנסזאַפט,
מיט גרינקייט, ליבלאַכקייט און קראַפט.
אליין פאַרבלייבנדיק באַגראָבן
דאָרט, וואו קיינער הערט אונז ניט, ניט זעט,
און לעבנדיק בשתיקה,
פאַר דער וועלט אי בלינד, אי טויב, אי שטום,
פאַרשאַפן מיר אייך אייער טעגלאַכע יניקה.
דערקענט איר אונז דען ניט?
די וואָרצלען זיינען מיר,
די וואָרצלען פון דעם בוים, דעם אַלטן,
אויף וועמעס צווייגן דאָ איר בליט,
חדרים פאַרן צערטלאַכן זעפיר,
מיט זונענשטראַלן זיך צו אונטערהאַלטן,
פון וואָלקנס פריינדלאַכע באַשפּריצט
און אָפּגעקילט,
בשעת איר פילט
זיך דורך צופיל זונענשיין צעהיצט.
נו, גוט! לאָז אייך דער וואוילטאָג וואויל־באַקומען,
פאַרגעסן טאָרט איר אָבער ניט,
אַז ווען די צייט קומט און איר שטאַרבט
דאַרף בלויז אַ נייער פרילינג קומען,
און ברענגען טוט ער נייע בלעטער מיט;

דער וואָרצל אָבער, ווען ער דאַרבט
און אויסגעטריקנט ווערט
טיף אין דער ערד
ווערט שנעל
א תל
פון בוים מיט זיינע צווייגן, גרויס און קליין,
און באַלד א סוף פון אייך אַליין.

פעברואַר 22, 1916

דער אייזל און פֿאַראַד.

יום־טוב׳דיק פֿאַרפּוצט איז גריכנלאַנד׳ס
אַלטע, קלוגע שטאָט אַטען.
אומעטום איז פּראַכט פֿאַראַן און גלאַנץ,
פֿרויען־שיינקייט, מענער־קראַפֿט,
יוגנט־פֿרישקייט, פֿול מיט לעבנסזאַפֿט,
פֿאַרב אין יעדער באַק, אין יעדן אויג אַ ברען,
בלוט אין די אָדערן צעהיצט,
און אַ שמייכל אויף די ליפּן אַלע.
ס׳דוכט זיך: אַלט אַטען ווערט איצט,
אין אַ מזל׳דיקער שעה
גאָט אַפּאָלאָ׳ס כלה!

באַלד דערהערט זיך טאַקע דאָ
קומענדיק פֿון ווייטן, פֿריילאַכע מוזיק
פֿון אינסטרומענטן אַלערליי;
אַ פֿאַראַד, פֿערד, מענטשן אין אַ ריי
קומט און ציט זיך מיילנלאַנג,
ער באַצויבערט מיט קאָלירן יעדן בליק,
יעדן אויער מיט געזאַנג,
מיט כלי־זמר־שפּיל, מיט פּויקן טאַראַראַם.

דאַן שטאָלץ פֿלאַטערנדיק אין דער לופֿט קומט אָן
פֿון דעם זונגאָט אַפּאָלאָ איצט אַ פֿאָן
צו אַן אייזלס רוקן צוגעשנאַלט.

מיט א רימען, וועלכער זעט זיך קאַם.
יע, א פראָסטער אייזל איז דער טרעגער
פון אפּאָלאָ'ס באַנער,
אין רו חמור'ס פּנים שטראַלט
בעת פיל טויזנטער פון אַטעניאַנער
זעט פון ביידע זייטן וועג ער,
בויגנדיק פאַר אים דעם קאָפּ.

דערווייל,ביים טעמפּל אָנגעקומען,
שטעלט זיך די פּראָצעסיע אָפּ.
שטום ווערט די מוזיק,
ס'ווערט ניט מער געשפּילט,
און די קרענץ מיט אַל־די בלומען
האָט, וואָלט איר געזאָגט, צוריק
מאַמע ערד, זייער געווינערין, פאַרשלונגען.
ביסלאַכווייז פאַנאַנדער גייט דער עולם
איבערלאָזנדיק די נאַר־וואָס לעבעדיקע גאַס
עלנדער ווי א בית־עולם,
פּוסטער ווי א טאַנץ־זאַל נאָכן באַל.
בעת דער אייזל, אָקאָרשט שטאָלצער ווי א גאָט
אויפן באַרג פּאַרנאַס,
איז צוריק ביי זיך אין שטאַל.

א געזעמל פון בהמות, עופות האָט
דאָ לעבן זיך אצינד ער;
זיי דערציילט ער
וועגן דעם פּאַראַד, וועגן אַל־די וואונדער
ווי אזוי ער — ער, דער אויסדערוויילטער,
אמת, אומגעריכטערהייט,
איז געערט געוואָרן
פון דעם גאַנצן פאָלק, פון קינד און קייט

סיי פון בירגער פון אַטען,
סיי פון פרעמדע, אָנגעפאָרן,
וועלכע זיינען דאָרט געווען.

די בהמות האָרכן מיט התלהבות,
בעת דער הויך־געערטער אייזל רעדט.
„פלא־פלאים! כ׳לעבן, אַ טשיקאַוועס!“
זאָגן בעק, און ציגן שאָקלען מיט די בערד.
„בראַוואָ, הירזשענען פיר פערד
אין אַ קוואַרטעט,
בעת אַ יונגע קליאַטשע, שטאַרק סענטימענטאַל,
פילט מיט איר ענטוזיאַזם אָן דעם שטאַל!

„דו פאַרגעסט אַפאָלאָ׳ס פּאַן!“ —
קרייט צום אייזל מיט אַמאָל
פון זיין ווינקל צו אַ האָן.
„אַל די נסים ונפלאות,
אָט דער גלאַנץ“ — זאָגט ער, — „דער שיין
זיינען אָן אַ ספק זייער פיין.
אָבער, חמור־קרוין, דו לעבסט אין טעות,
אויב דו מיינסט, עס האָט געקוקט
אויף דיר דער גרויסער עולם,
אַז מען האָט פאַר דיר זיך דאָס געבוקט
דאָרטן אין דער פּראָצעסיאָן.
הייליק, לאָמיך גלייך דיר זאָגן,
כדי דער ענין זאָל דיר ווערן קלאָר,
הייליג איז אַפילו ניט די פּאָן,
וואָס דו האָסט געטראָגן.
אויך אַ גאָט׳ס סטאַטוע איז אַ הוילער גולם
אויסער דורך דעם גייסט,
וועלכן זי שטעלט פאָר.

דאָס איז דער גייסט וואָס ווערט
פאַרערט...
בשעת דו שפּרייזט
צווישן יום־טובדיקע יובלענדיקע מאַסן
אין די אויסגעפּוצטע גאַסן,
דו אַליין, אָן שכל, אָן טאַלאַנט
פאַררייס ווי הויך דו ווילסט דעם נאָז,
ביזט און בלייבסט אָן אייזל אין געזיכט,
אין געמיט אַ האָז,
און דיין גדלות איז אַ שאָטן אויף דער וואַנט,
וועלכער אויף איר פאַלט
ביים ליכט פון אַ געטלאַכער געשטאַלט.

יוני, 1919

די קאַץ און די מייז.

ביים הונט איןביידל פאַרנט אינם הויף
קומען זיך באַקאַנטע מייז צונויף.
יעדערער געפינט דאָרטן אַ פּלאַץ,
ווייל פריינדלאך איז צו זיי דער הונט.
מען שמועסט אַרום דיזעס און יענעס,
אַרום די קאַטשקעס מיט די גענז,
אַרום די הינער און דעם האָן,
ביז אַן אַלטע מויז הויבט אויף אַ קלאַגע
אויף דער קאַץ.

„זאָג, האַם-האַם, זיין זאָלסטו געזונט!
כ'בעט דיך, ענטפער אויף מיין פראַגע:
וואָס האָבן מיר אַזוינס געטאָן
וואָס מען דערגייט אונז דאָ אין הויז
די יאָרן? נאָר אין אמתן אַ מויז
אַ פרייען מוט ניט ווייזן?
ניט אַריבערטרעטן ערגעץ-וואו אַ שוועל,
וואו עס זאָל זיך אויפן שטעל ,
אַ קאַץ אַ שלעכטע ניט באַווייזן ?
איך זאָג, אַ הונט אַן ערלאַכער, געטרייער,
וואָס גייט אָפּט פאַרן באַלעבאָס
אין וואַסער און אין פייער!
אָבער קעץ! די פאַלשע ברואים,
וואָס טוען אונז אָן אַלערליי עינוים,

אליין כסדר נאשנדיק בשתיקה,
דאָ מילך, דאָ פּוטער, קעז און וואָס
אַ מויל קען רעדן, גרויס און קליין
אליין גנבים, וואָס קריגן נאָך דערביי געצאָלט
מיט אַ פולער האנט, אַ געבנדיקע,
און מען האָט דערצו זיי האָלט;
זיי קריגן, ניט ווי דו, אַמאָל אַ ביין,
אַ מאָגערן; זאָל איבער אונז אַ וועכטער,
אַ היטער, זאָג איך, זאָל אַ קאָץ דאָס זיין?
כ׳לעבן, אַ געלעכטער!
און נאָך עפּעס, מיין בעסטער:
בּארעכן!
וואָס גנב׳עט אונזערע אַ שוועסטער?
אַ קערנדל אין שייער,
אַ ברעקעלע אין שטוב, —
קען דאָס זיין אַ פּארברעכן?
צי קאָסט עס ווירקלאך אַזוי טייער?
פון וואַנען נעמט זיך דאָס געזעץ,
וואָס האלט פאר דאָס פארשיקט אונז אין אַ גרוב,
וואָס איז ערלויבט די קעץ?
איך בעט דיך, זאָג!"

„מה נאמר ומה נדבר!" — זאָגט דער הונט.
איך פיל דיין ווייטאָג זע דיין וואונד.
דיין שמערץ געשריי,
און מיר פאר דיר טוט אמת לייד.
דאָך וואָס העלפן אַל־די רייד?

אזוי, משמעות, פירט זיך שוין די וועלט.
באטראכט דעם מענטשן מיט זיין פּאָליציי
לגבי די וואָס גנב'ענען דריי פּרוטות געלט,
און דו וועסט זען, אז גערעכטיגקייט
איז ווייניק וואָס פאראַן
פאר א מויז, ווי פאר א מאַן,
ביי די פיינסטע לייט.

1878—1921

דער פוקסל.

אין ערגעץ אַ מדינה,
אין וועלכע — איז אַ קליינע נפקא־מינה,
איז זיך אַמאָל פאַרציייטן
געקומען אין אַ דאָרף צו פאָרן
אַ פאַסטוך, וועלכער איז אַלס פיינט פון וועלדער
(איר ווייסט געוויס, וואָס דאָס האָט צו באַדייטן)
און אויך אַלע פריינט פון פעלדער
אין קורצן ביסלאַכווייז באַקאַנט געוואָרן.
דער אַלטער — ער איז געווען באַיאָרנט —
האָט לעבן זיך געהאַט אַ סטאַדע באַלד
פון יונגע שעפּסעלאַך געשאָרענע און שוואַכע,
וואָס זיי האָט ער געלערנט, און געוואָרנט
פאַר וועלף פון וואַלד,
פאַר שלאַנגען כיטרע, זייער גאַנג און שפּראַך,
און האָט זיי אויך ערקלערט פון מאָל צו מאָל,
אַז שעפּסן וואָלטן האָבן זייער וואָל
און זייער פעט פאַר זיך
אַליין,
ווען זיי, די נאַרן, וואָלטן נאָר פאַרשטיין
צו קעמפן אייניגלאַך;
ווען יעדער איינציקער וואָלט פאַר דער סטאַדע
מיט לייב און זעלע לעבן;
בעת דער כלל, דאַגעגן,
וואָלט יעדן שטיצן, יעדן הילפע געבן,
קוים שרייט ווער „הילף!“

זיך שטעלנדיק פאר אים אנטקעגן
די בייזע וועלף,
פאראייניגט און בארייט
צו יעדער צייט
אין פעלד, אין לאנקע און אין אלע ערטער.

אט־דיזע ווערטער,
ווי אלץ, וואס ווערט מיט לוסט עמפאנגען,
האט יעדערער פון זיי געדענקט.
און וואו דער פאסטוך האט גע'טענה'ט,
איז גערן יעדערער געגאנגען.
זיי האבן אויך פארשטאנען, אז ניט ווערן
אן אויבערהאר וויל ער אויף זיי, ניט א טיראן
און אז ער איז אויך ניט דער מאן
צו היטן שעפסעלאך, כדי שפעטער זיי צו שערן.
— אויף אט־דעם ארט איז זיך געוואקסן אונזער סטאדע
אין צאל, אין מוט, אין קראפט,
אין אחדות און אין ברודערשאפט,
ניט בעטנדיק, ווי פריער ביי די חיות גנאדע,
זיך מער ניט שרעקנדיק פאר קיינעם
און מיטן אלטן לעבענדיק אינאיינעם
נו, מיט דער צייט
איז דאס געקומען אזוי ווייט,
אז ער, דער פאסטוך, האט גענומען קלערן
די יונגע פריינט זיינען איצט גענוג
שוין קלוג,
אליין זיך ניט צו לאזן שערן
אפילו אנדערע צו לערנען זיך צו היטן
פאר וועלף, פאר שלאנגען און באנדיטן.
ביי אים איז דאס נאך זיכערער געווארן,
ווייל דאמאלט גראד איז אין דער סטאדע אנגעקומען

פון ווייטע לענדער אַנגעפאָרן
איין יונגער פאַסטוך נאָך דעם אַנדערן,
געצוואונגען דורך אַ טיגערס וואוס,
וואָס האָט געהאַלטן אין איין ברומען,
און האָט געלעכצט נאָך זייער יונגע בלוט,
פון הויז און היים אוועק צו וואַנדערן.
די יונגע פריינט און זיי האָט איצט זיין ברכה
דער מאַן געגעבן, זיך צו האָדעווען און צו גערייען,
צו האָבן גליק, פון בייז זיך צו באַפרייען,
דערגרייכנדיק אַ שיינעם עלטער און אַ הויכן וואוקס.
ער איז אוועק און האָט אויף זיי השגחה
פון וויטן
געהאַט, פון יענעם טאָג, צו אַלע צייטן.

צום אומגליק האָט זיך איינגענאַדיעט אויפן לאַנקע
אַ פוקס
אַ כיטרע חיה, מיט אַ קעפּל
מיט פולווער פול אַזוי ווי אַ פיסטאָנקע,
און שפּיציק ווי אַ קרעפּל.
אַ נפש'ל מיט שכל פון — אַ אינגל,
נאָר מיט אַ גלאַטן שאַרפן צינגל.
אָט-דער פוקס, ווייס אים דער גוטער יאָר אַליין
וואָס איז געווען זיין מיין,
האָט אָנגעהויבן זיך צו קויפן חן און גנאַדע
ביי מאַנכע פון די יונגע לעמער
און האָט אָנגעמאַכט אַ בורענינע אין דער סטאַדע.
— אַ שטייגער ווי אַ קרעמער,
וואָס וויל געפינען קונים פאַר אַ נייע סחורה,
האָט ער גענומען האַלטן
בשתיקה דרשות
אַנטקעגן יענעמ'ס תורה,

צו ווייזן, אז עס איז ניטאָ קיין שום ממשות
אין אַלע לערן פון דעם אַלטן.
נאָר איידער ער האָט דאָס געקענט זיי ווייזן,
האָט ער גענומען זוכן גרייזן
דאָ שווערערע, דאָ גרינגערע
אין יעדן וואָרט וואָס איז געפאַלן
פון אַלע פאַסטוכער די אינגערע;
דעם אַלטן גופא איז ער דאַן באַפאַלן.
אין אָנהויב איז דאָס שווער געגאַנגען.
נאָר מיט דער צייט האָט ער אַ פּאָר געפאַנגען,
דערנאָך מיט כיטרע ריידעריי
נאָך עטלאַכע, דאַן נאָך צוויי־דריי.
און טריט ביי טריט איז עס געקומען אזוי ווייט,
אַז ער האָט עפנטלאַך געמשפּט און געראַנדזיעט
און האָט געהאַט שוין אויף זיין זייט
פיל דומע שעפּסעלאַך, פאַרטומלט און פאַרבלאָנדזעט.
וואָס זאָל איך פיל אייך ברייען,
מען האָט אין סטאַדע באַלד
גענומען שושקענען זיך, רעדן און דאַן שרייען,
אַז ער, דער אַלטער, מיט זיינע שוואַכע אויגן
קען גענג וועלף פון וואַלד
צו היטן שעפּסן מער ניט טויגן;
אַז ווען עס איז ליב זיין וואָל
און ווער עס וויל זיין פליש ניט לאָזן עסן,
דער מוז און זאָל
אָן אַלטן פאַסטוך גאָר פאַרגעסן,
דערהויפּט ווייל ער געהערט צו די באַלוואַנעס,
וואָס האָבן ליב די שעפּסן, אי באַראַנעס.
בעת יעדער ווייס, דער פוקס ערקלערט,
אַז קיינער איז ניט אזוי שעדלאַך פאַרן שעפּס,
אפילו ניט דער וואָלף און דער טיראַן,

— איר הערט? —
ווי דער באַראָן,
וואָס גייט רק הינטערווייַלאַך ווי אַ קרעבס,
בקיצור,
אַז שעפּסן ווערן לעמער און דער פוקס איז דער באַשיצער,
אַז פירן אַ מלחמה
דאַרף יעדער איינציקער צוערשט מיטן באַראָן
און דאַן,
פיליכט אויך נעמען פון די וועלף נקמה
אָן טענות, אָן מענות, אָן פאַרדרוס
איז באַלד געפּאַסט געוואָרן אַ באַשלוס
דעם פוקס אַליין פאַר אַ בעל־עצה איצט צו האָבן,
זאָגאַר צו לאָזן
אים אונטערגראָבן און באַגראָבן.

דער אַלטער, נעבאַך, ווען ער האָט געזען,
וואָס דאָ אין סטאַדע איז געשען,
און אַז זיין גאַנצער אויפטו איז פאַרדאָרבן,
האָט זיך'ס צום האַרצן שטאַרק גענומען,
איז אין אַ קריינק אַריינגעקומען
און איז אוועקגעשטאָרבן.
דאָך וואונדערבאַר ! קוים וואַר ער טויט,
נאָך איז זיין גוף געוועזן וואַרעם,
האָט זיך דערהויבן אַ געשריי
כמעט פון העלערהויט,
אַ טומל און אַ ליאַרעם
און שעפּסעלאַך פאַרווירטע אַלערליי.

וואָס זיינען מיט אמאָל געוואָר געוואָרן,
וואָס פאַר אַ פריינד זיי האָבן דאָ פאַרלאָרן.
זיי האָבן מיט ביטערן געוויין
געיאָמערט און געקלאָגט.
עס האָט געוויינט דער פוקס אליין —
הגם מיט קראָקאָדילן־טרערן —
דאָך אים דעם פוקסל האָבן זיי פאַריאָגט,
באַגראָבנדיק דעם אלטן מאַן מיט ערן.

1891

דער האַקמעסער און דער מעסערל.

פאַרגעסן האָט, משמעות
על פּי טעות,
זיין פעדערמעסערל אויף אַ טיש אין קיך
דער באַלעבאָס.
(פרעגט מיך בחרם צוליב ווערמען און צו וואָס
דער מאַן איז דאָרט געווען.
איך ווייס נאָר, אַז דאָס איז געשען:
דער מעסערל, דער קלענער,
האָט איינגעפונען זיך)
ניט ווייט פונם האַקמעסער, דעם אַלטן,
אַ ביסעלע פאַראָסט, נאָר אַ יונג מיט ביינער,
און ביידע האָבן זיי זיך אונטערהאַלטן
ניט זייער פריינדלאַך, מוז מען זאָגן

„וואָס פאַר אַ קאָפּ דער באַלעבאָס מוז האָבן" —
טוט זיך דער מעסערל באַקלאָגן:
„צו לאָזן מיך אין קיך, דאָ לעבן דיר!
וואָס וויל ער? איך זאָל אפשר בולבעס שאָבן?
אַ קירבעס זאָל איך פאַר אים עפענען?
זיך אפשר גאָר
מיט דיר אין יחוס רעכענען?
דערצו, פריינד האַקמעסער, בין איך צו שטאָלץ,
מיר ביידע זיינען ניט קיין פּאָר;
דיין חבר איז דער גרויסער טאָפּ

דער קאָכלעפל און דער וואַלגערהאָלץ,
מיין אָרט איז אין אַ לעדערנעם פּוטליאַר
אין וועסטל־קעשענע ביי אונזער האַר.
אמאָל קום איך אַ (פּערלמוטער) נאַקעטער אַראָפּ
צום שרייבטיש אין זיין קאַבינעט,
ניט שטאַרק פאַרהאָרעוועט,
מיט אַן אַרויסגעשטעקטן קלינגל: אַ בלאַנקן
פּאַר לייטן זיך צו ווייזן.
בקיצור, איך בין גאָט צו דאַנקען,
ניט אַ פאַרראָסטע,
אומגעלומפּערטע און פּראָסטע
שטיק אייזן;
איך קום — דאָס מעג איך זאָגן אויפן קול —
אַרויס פונם פיינסטן שטאָל".

„דו האָסט זיך, ברודערל, דאָ שטאַרק „צולאָזן",
זאָגט איצט דער האַקמעסער צו אים —
דאָךביידע שטאַמען מיר פונם זעלביקן מעטאַל,
ווי הויך דו זאָלסט ניט אויפהויבן דיין שטים
וויפיל דו זאָלסט זיך דאָ ניט בלאָזן,
דו ביסט, ס'איז אמת, מער געשליפן,
וואָס ס'איז שייך צו די קלינגלאַך דיינע:
אַ האַרץ האָסטו אויף יעדן פאַל
אַ האַרטערע ווי מיינע.
דאָך, זע איך, האָסטו קיינמאָל ניט באַגריפן
אַז דער פיל שלייפן מאַכט
די מינדעסטע פּגימהלע אויף דיר

באמערקבארער א סך מער, ווי אויף מיר.
ועל כולם, פריינד, בעט איך דיך, באטראכט
בין איך א קרוב פון דעם אקער און דעם רודער,
אין וואסער, אויף דער ערד;
בעת דו, מיין בעסטער, ביסט א ברודער
פון דעם מעדדערישן שווערד.

נאָוועמבער 9, 1921

דער שטרויס-פויגל. *)

א הירש צום ערשטן מאָל דערזעט
דעם שטרויס-פויגל אין א געלאַף,
און זאָגט: „ א לויפער איז ער? עט!
נאָר באַטש ער איז אויף די פיסלאך שלאַף.
קלער איך, ער מוז א גרויסער פליער זיין.
אַ, יאַ! פליט זיכער פיין!

אָן אנדער מאָל זעט פליענדיק דעם שטרויס
דער פויגל קיניג פון ד'ער הויך
זיין מיינונג גיט דער אדלער אויך,
דאָך אויף אַן אנדער אַרט ארויס:
„איך קען ניט זאָגן" — מאכט ער, — „אז איך האלט
פונם שטרויס אַלס פליער זייער פיל,
אָבער מיט אַזאַ פּאָר פיס
מוז ער געוויס
לייכט קענען קומען צו זיין ציל,
מוז קענען לויפן גאָר א גוואלט".

**
*

איך זאָג ניט צו קיין האלבן וואָרט,
איך זאָג נאָר: איך קען א רעדנער-שרייבער פון דעם סאָרט.

נאָוועמבער 9, 1921.

---

*) פריי נאָך לעסינג.

דער לייב און דער האָז.

(נאָך לעסינג)

עס האָט זיך יעדער זיין שגעון,
דער גרויסער קינסטלער און דער גאון,
פריי זיינען אויך דערפון ניט חיות,
דאָס הייסט די גרעסטע צווישן זיי.
און אָט, אָנשטאָט צו ברענגען ראיות,
און פשט'לען פשט'לאך אַלערליי,
וועל איך אייך דאָ אַ מעשה'לע דערציילן,
ווי לעסינג האָט באַפוילן.

געוועזן איז אַמאָל אַ לייב,
וואָס האָט, ווי פילע מענטשלאַכע מלכים,
אין זיינע צייטן, פאַר אים, נאָך אים,
געלעבט ניט פון קרייטיכער און גראָז,
נאָר, פראָסט געזעגט, פון רציחה און פון רויב.
איין שוואַכקייט נאָר האָט ער געהאַט,
ער האָט ביי זיך געהאָדעוועט אַ האָז,
און דוקא ניט צום עסן, נאָר אַזוי גלאַט.
ער האָט אים פרייהייטן געגעבן,
געפרעגט האָט קשיות אים דער העזל,
און האָט אין אַלץ אַריינגעשטעקט זיין נעזל,
פונקט ווי געגאַנגען וואָלט עס אים אין לעבן.

איין טאָג פרעגט דער האָז זיין מאַיעסטעט,

צי דאָס איז אמת, אז די שטאַרקע לייבן
אַנטלויפֿן אָפּט דערהערנדיק א האָן,
וואָס קרייט.
„ווי לאָזט זיך אזא מעשה גלויבן?"

„דאָס איז אָן ספק אמת, ליבער פריינד"
זאָגט יענער. „וואָס דאַרפסטו מער?
דער העלפאַנד: א חיה אויך ניט אבי-ווער,
גילט פאַר א חכם ניט פון היינט,
איז שטאַרק און גרויס אָן א ברעג, —
און ער ווערט א צעהיצטער פאַר שרעק,
ווען ער דערהערט... וואָס מיינסטו קאָן דאָס זיין?
דו טרעפסט ניט? נו, דאָס קוויטשען פון א שוויין."

„מיר אַלע גרויסע חיות, מיין גאַנצע הויזגעזינד,
מיר האָבן אזא שוואַכקייט, ליבער יונג".
„אָט, איצט פאַרשטיי איך" — שרייט אויס דער האָז,
דערלאַנגענדיק א שפרונג,
„פאַרוואָס
מיר האָזן שרעקן זיך פאַר הינט".

נאָוועמבער 9, 1921.

די שפינען און די פליגן.

א גריל
באטראכט דעם קונציקן געוועב פונם שפין
און זאגט: „דו ווייסט, איך בין
ניט אויסן דיך צו ערגערן, חלילה,
איך וויל
דיר עפעס פרעגן בלויז צו וויסן:
ווי קענסטו, זאג מיר, פאנגען א פליגעלע אפילו
אין א געוועב, וואס ווערט צעריסן
אזוי לייכט און אזוי שנעל
וואס ווערט א תל,
קוים רירט מען אן אים... ניט מיט שטאנגען,
נאר מיט א פינגער פון א האנד?
חוץ אלעמען, ארבעטסטו דאך אזוי אפן
און — לאמיך האפן —
עס בעט זיך ניט קיין פיל פארשטאנד
אום ניט צו קריכן אין סכנות
ווי דיינע ארעמע קרבנות
דאס טוען אלע טאג?
איך בעט דיך, ברודער, זאג!"

„מיין ליבער, גוטער גריל", —
אים ענטפערט מייסטער שפין,
„דאס איז א קליינינקייט, א קינדערשפיל.
איך בין דער ערשטער ניט, דעם עסק צו פארשטיין.
דו דארפסט בלויז קענען מיינע פליגן.

מיין פריינד, זיי זיינען אזוי דום און שוואך,
אז זיי אין נעץ קריגן
באדארף מען ניט קיין מי א סך;
זיי זעען טעגלאך ווי איך כאפ אריין אין נעץ,
די ברידער זייערע גאנץ גוט,
זיי גלויבן אָבער אין דעם כוח פון געזעץ,
און אם איז געווים אויף זייער זייט:
ארויסצוקומען, ווידער פעלט זיי מוט
און, ווי געזאָגט, זיי זיינען ניט געשייט.

***

איר קענט אויך אויף דער בערזע קריגן
צו זען, ווי שפינען פאנגען פליגן.

1921

דער בלינדער מיט דעם פאקל.

(מסכת מגילה 24)

אין א פינסטער־חשכ׳דיגע נאכט
גייט א בלינדער מאן און האלט
א ברענענדיקן פאקעל אין דער האנט.
עס טרעפט אים איינער. ער באטראכט
דעם בלינדן; צוקט די אקסלען און באשליסט:
אזא מענטשן פעלט פארשטאנד.
ער פרעגט אים: ר׳ קרוב, נאר וויבאלד
דו קענסט ניט זען, ווייל דו בּיסט,
ווייזט אויס, לחלוטין בלינד,
טא וואס־זשע טויג די פאקעל דיר?

דער בלינדער ענטפערט אים געשווינד:
„ווי הייסט וואס טויג דער פאקעל מיר?
איר דארף איך ניט פאר זיך,
איך דארף אים פאר דעם וואנדערער,
וואס גייט מיין וועג און זעט מיך
דא גייענדיק, אדער ס׳זעט אן אנדערער,
ווען איך דארף א גאס אריבער,
פארהיט ער מיך פון גראבנס און פון גריבער".

נאוועמבער 11, 1921

דער האָן און די פלעדערמויז.

(מסכת סנהדרין, 98)

פאַרן אויפגאַנג פון דער זון,
בעת עס שלאָפט נאָך גאַנץ געשמאַק די הון,
זיצט אַ האָן און וואַרט אויף ליכט,
גאָר ניט ווייט פון דעם ישוב'ניקס הויז.
לעבן אים זיצט אויך אַ פלעדערמויז
מיט דער מרה־שחורה אין געזיכט
און וואַרט משמעות אויך אויף עפּעס וואָס.

אַ ווײַלע זיצן זיי אָן ווערטער
אויף די ערטער,
ענדלאַך דרייט זיך אום צו איר דער האָן
און פרעגט די שכנה: „וואָס איז דאָס?
מילא, איך וואַרט אויף דער זון,
האָב איך פון איר שיין הנאה,
בעת אירע שטראַלן וואַרעמען מיך אָן,
און אין צייט פון נאָך אַ פערטל שעה
וועל איך אויסקרייען: עס טאָגט!
אָבער דו, אַ פלעדערמויז, וואָס האָסטו דערפון?"

זי ענטפערט אים און זאָגט,
זיך דערלאַנגענדיק אַ הויב:
„ביסט גערעכט, איך באַדאַרף די נאַכט,

דער חשך איז מיין פריינד,
ער באַשיצט מיך אין מיין רויב,
און די זון — איר האָב איך אמת פיינט,
דאָס זאָג איך דיר גאַנץ אָפן.
אָט וואַרט איך אָפּ ביז זי דערוואַכט,
דאַן גיי איך שלאָפן.

דער פוקס און די פיש.

(מסכת ברכות, 61)

א פוקס, א הונגעריקער און א בלאסער
שפאצירנדיק ביים ברעג
פון א טייך, א טיפן,
זעט, ווי ס'פליושקען זיך און שטיפן
און פירן אפשר גאר אן א געשלעג
די פיש, זיך ווארפנדיק אין וואסער.
א בעלן איז ער צו פארשטיין אויף קלאר
וואס איז דער גרונד פון דער מהומה,
סיידן דאס איז סתם א שטיפעריי.
מיט אמאל ווערט ער געוואר,
אז אנטקעגן אים שווימט אום א
פלאנדערקע, געמיטלאך פראנק און פריי.
און איר פרעגט ער:
„קרוין-הארץ, זאג,
וואס איז דאס אויף די פיש היינט פאר א קלאג
(אדער איז דאס א הוליאנקע)?
וואס מיינט די גאנצע בורענינע?"
די פלאנדערקע מיט א זיס-זויערלאכע מינע
ענטפערט:
„זעסטו גאר נישט? האסטו אויגן קראנקע?
נעצן שרעקלאכע זיינען דאך פארשפרייט
אין גאנצן טייך, אונז אלעמען צו פאנגען.
איך לאך פון זייער קאפ: בין בארייט

צו גיין צום טויט, ווען דאָס זאָל ווער פאַרלאַנגען,
פריער אָדער שפּעטער.
אָבער מיינע טייך־גענאָסן זיינען אויפגערעגט,
נו, דאָס איז אַלעס, פעטער".

דער פוקס, ער מאַכט זיך קוים תמ'עוואַטע
און כלומרשט פרעגט:
„אויב אַזוי, פאַר וואָס־זשע זאָלן ניט די פיש
אַרויסקומען אַהער,
צו אונז, מיט אונז צו לעבן פרייע, זאַטע,
אייביק יונג און פריש,
וואו מען וועט זיי אַכטן, ערן..."

זאָגט די פלאָנדערקע: „ווי ווער...
פערזענלאך גלויב איך ניט,
אַז מען וועט דיך הערן:
גענוג געפאַרן זיינען, כ'לעבן,
דאָ אויף שריט און טריט,
אין טייך,
וואו מיר לעבן.
אַ פּשיטא שוין ביי איך,
אויף דער יבשה,
וואו מיר שטאַרבן איינס־צוויי־דריי!
מחשבות'ן! נישקשה
פון אַ חכם ביזטו, ערלאך און געטריי!"

דער וואָראָבייטשיק אין אַ שטייג
(פּסיקתא, 24)

אין אַן אָפּענעם פענסטער, אין אַ שטייג
פון דראָט פאַרזילבערט, מיט אַ געגילטן דאַך,
שטייט אויף אַ שטענגעלע, וואָס זעט אויס ווי אַ צווייג,
אַ וואָראָבייטשיקל אַ צאַרטער
איבער גוטע פוטער און אַ סך,
שטייט און פּיקט וויפיל עס נעמט
זיין שנעבעלע אריין אין זיך.
איבער אים שטייט אַ פויגל, ווי פאַרשעמט,
שטייט און וואַרט. אויף וואָס־זשע וואַרט ער?
דאָס ווייסט ניט ער אַליין, ניט איך.
איך וויים, ער איז דעם וואָראָביי מקנא
און ענדלאָך זיפצט ער דאָס אַרוים:
„ווי גוט דיר איז!" — זאָגט ער, — „אַ פולע הויז
האָסטו פאַר זיך. דו קריגסט פון אַל־דאָס־גוטס,
אָן שום געוויין, אָן טענה־מענה,
אַמאָל נאָך איידער דו האָסט צייט
צו בעטן".

„דו זעסט", — זאָגט יענער, — בלויז דעם פּוץ,
די שיינע פאַרבן אין מיין שטייגל,
דו זעסט אַרום מיר פיינע לייט
און אונטער מיר מיין מאָלצייט פיין און העל,
דאָך וואָלט איך בעסער הונגערן אויף אַ צווייג
פון אַ בוים,
פון קיינעם ניט געבאַלעוועט.
איידער דאָ אין טורמע, וואָס דו רופסט אַ היים.

שלמה המלך און דער פויער.

(פריי נאָך לעסינג)

אַן ערלאַכער גרייז־גרויער אַלטער
האָט אין אַ הייסן זומערדיקן טאָג
באַארבעט, שוויצנדיק, אין פעלד,
און ניט אַלס אייגנטימער, אַלס פאַרוואַלטער,
וואָס פאַסט אויף אַרבעטער געדונגענע פאַר געלט,
נאָר ביים אַקער טאַקע, ווי אַ פאַראַבאָק.

מיט אַמאָל באַוויזט זיך אינם שאָטן פון אַ לינד
אַ וואונדערבאַרע, הימלישע געשטאַלט,
ניט יונג, ניט אַלט,
גרויס ווי אַ מאַן און ליבלאַך ווי אַ קינד.
דער פויער לאָזט פון אַקער אָפּ זיין האַנט
און שטעלט אָפּ די בהמה.
מיט אַ טויט־שרעק אין זיין שטים:
„ווער ביסטו?" — פרעגט ער אים.

„איך קום פון אַלטע צייטן, פון אַ ווייט לאַנד.
איך בין" — זאָגט ער, — „דער גייסט פון קיניג שלמה.
נו, וואָס טוסטו דאָ אין פעלד, דו אַלטער מאַן?"
„וואָס איך טו דאָ?" — פרעגט דער פויער איבער
מיט אַ האַלבע מויל,
„ווי דו האָסט באַפוילן דאָן,
אין דיין קלוגן בוך,

דו, קיניג זיסער, ליבער!
בין איך ביי דער מילב געוועזן מיט א באזוך,
האָב אירע וועגן גוט מיר אָנגעזעזן
און בין ניט פויל, ווי דו קענסט זען".

„דו", — זאָגט דער גייסט מיט עטוואָס צאָרן אין זיין בליק,
„האָסט נאָר האלב געלערנט דיין לעקציאָן,
גיי צו דער מילב צוריק,
און דו וועסט וויסן, אז זי — וועגן איר ווינטערצייט
קומט ביי איר, ווי דיין עלטער, אָן, —
פון איר זומער'ס שווערע האָרעוואניע לעבט,
אָן ארבעט, ווי אַן אורח אין אכסניא,
און דאָס איז, וואָס מיין שפרוך באטייט.

.1921

חיים ברבורים׳ס
ווערטערבוך

א

א ב אָ נ ע נ ט, דער „ליבער לעזער“ פון דעם צייטונגס־שרייבער, זיין שטענדיקער קרבן.

אַ ב ע ל ע'ס ק ר י י נ ק, אַ שטיפשוועסטערקינד פון „קדחת מיט כשר'ע פּאָדים“.

אָ ב ע ר, אַ וויכטיק וואָרט אין פּלפּול, אין דיפּלאָמאַטיע, אין אַ צוזאָג און אין איידעלע לשון הרע.

א ב ר ה ם, דער ערשטער פרומער איד, וואָס האָט גערעדט מיט גאָט און האָט געדאַרפט אַ מעטרעסע צו דער ווייב.

א ג ו ל נ ע, ווי מען קויפט לינגס אין אַ צייטונג.

אַ ג ר י ק ו ל ט ו ר, לאַנדאַרבעט, די חכמה פון בראַנגעווען, אַקערן, זייען און שניידן תבואה, כדי אַז די הונגעריקע זאָלן ניט האָבן וואָס צו עסן.

אַ ד ו ו ע ר ט י י ז מ ע נ ט, אַ באַצאָלטער שקר אין אַ צייטונג.

אַ ד י ע, אַ וואָרט, וואָס די פראַנצויזן האָבן געמאַכט און די טייטשן געברויכן.

א ד ם, דער ערשטער מענטש, וואָס האָט געגעבן נעמען אַלעמען חוץ זיך אַליין; דער וואָס האָט געזאָגט דעם און טאַקע דעם אויבערשטן אין פּנים אַריין; דער איינציקער מענטש, וואָס האָט ניט עובר געווען אויף כבוד־אב; וואָס האָט באַצאָלט מיט אַ ריפּ פאַר אַ ווייב.

אַ ד מ י ר אַ ל, איינער וואָס פירט אָן דעם מאַסנמאָרד אויפן ים.

אָ ד ע ס, אַ שטאָט, פון וואַנען בערדיטשעווער אינטעלי־גענטן קומען,—זיי און אַנדערע, אַמאָל זאָגאַר געוועזענע ליטוואַקעס.

אָ ד ע ר, אין קערפּער אַ בלוט-ראָר, אין דייטשלאַנד אַ טייך, אין לוח אַ חודש, אין ריידן אַ ברירה.

אַ ד ה ע ם, וואָס מען געדענקט ניט; וואָס מען באַהאַלט פון מענטשן, וואָס האָבן אייך געליען געלט, אָדער וואָס ווילן פון אייך אַנטלייען.

אַ ה י ן־צ ו־צ ו, אידישע אידיש.

אַ ו י ט אָ ר, אַ פּאַרפאַסער פון אייגענע אָדער פרעמדע שריפטן.

אַ ו ל י י ר ח ם, מיט וואָס אַ איד הויבט אָן אַ ביזנעס אָן געלט.

אַ ז י ל ו ם (אַסיילום), אַן אָרט, וואו מען האַלט אויף אָרימע לייט און אַ משגיח,—איבערהויפּט דעם משגיח.

אַ ז ל אָ־ג י ר ש, דער איד: אזלא, ער גייט, מחמת גירש, מען טרייבט אים.

אַ ח ד, איינער, וועלכן מען ציט אַזוי פאַנאַנדער אין שמע-ישראל, אַזוי ווי מען וואָלט וועלן נאָכטאָן די קריסטן און פון איי-נעם מאַכן דריי.

אַ ח ד ו ת, זע: אייניקייט.

אַ ח ר, אלישע בן אבויה, וועלכן די גמרא באָיקאָטירט און דערמאָנט ניט זיין נאָמען, מחמת ער האָט געדיינקט אַנדערש ווי אַנדערע.

אַ ח ר י ו ת, פּאַרטייטשט מען: אחריות.

אַ ט ע א י ס ט, וואָס יעדער איז געווען פאַר אברהם אבינו און דעם אויבערשטן האָט דאָס ניט געאַרט.

אַ י י־א י י־א י י!!, גרויסע התלהבות.

אַ י י נ י ק י י ט, אַן אַרטיקל אין פּאַרטייען, וואָס מען דאַרף, כדי זיך צו קענען שפּאַלטן.

אַ כ ס נ י ה, אַ האָטעל, וואו עס האַלטן זיך אויף אידישע אָרימע סוחרים, פּרייסלאַך, וואָנצן און (פּאַרצייטן) סבאָרשטשיקעס.

אַ ל ב ו ם, אַ קבר פאַר פּאָרטרעטן.

אַ ל ט, אין וואָס די הייליקייט פון הייליקטימער באַשטייט;

וואס אן ארבעטער ווערט פאר דער צייט; וואס העכערט דעם פרייז פון פידלען, וויין, בילדער, ספרים, אמונות, גאמעטקעס, יחוס, סקעלעטן, מלכים, מטבעות עלעפאנטן און רבנים; וואס מען דארף זיין, כדי נושא חן צו זיין ביי אינשורענס קאמפאניעס; וואס מתושלח האט שוין מגזם געווען; וואס בינעזער און אידן זיי־נען היינט מער ווי אלע וואס מען ווערט, ווען מען איז גוט צו עלטערן,—מען ווערט גרוי און אלט—זאגט אמעריקע.

אלמאזן, אפשר על מזין, יעדנפאלס א נדבה אין טייטש.

אלשיך הקדוש, א הייליקער געלערטער, וואס איז געווען א בריה אויף פרעגן קשיות.

אמביציע, ביים ארים-בחור די מלמדות מיט א פעטער קנעלונג; ביים לערן־אינגל צו ווערן א מייסטער מיט א פעטער ווייב; ביים קאניבאל צו דערלעבן צו עסן א פעטן בישאף, האבנדיק זיך געקארמעט מיט מאגערע מיסיאנערן; ביי א דייטשן סטודענט צו פארמאגן אן אייגענע ברויז; ביים אנטיסעמיט און דעם פרומען אידן צו דערלעבן שופר משיח.

אמונה, פאקן, וואס מען שטעלט מענטשן, כדי זיי צו פארהיטן פון דער רעוואלוציע, רחמנא ליצלן.

אמוראים, תלמוד'יסטן, וואס זיינען געקומען נאך די תנאים (פון דער משנה) און האבן געמאכט פון א ווארט א קווארט.

אמעריקע, אן אויסלענדישע מדינה, ווערליק נאך דעם גרעסטן טייל פון איר באפעלקערונג: זי איז אויף אזוי פיל אמערי־קאניש וויפיל יין צמוקים איז וויין.

אמת, א מת אין די מייסטע לענדער,—א מת, וואס ווארט אויף תחית המתים.

אנאנים, אלע עדיטאריעלס אין אנגלא־זאקסישע לענ־דער: אין די מייסטע פאלן זיינען די מחברים גערעכט, אויב זיי שעמען זיך מיט דעם געשריפץ און שרייבן ניט אונטער זייערע נעמען.

אנטיסעמיט, א פארברייטער פון אידישקייט סענן זיין ווילן; א נאר.

אַ ס ט ר אָ ג, אין רוסלאַנד אַ תכריכים שפּינערייַ פאַר דער טיראַנייַ.

אַ פּ ג אָ ט, זייער גאָט.

אַ פּ ד ר אַ נ ק ע ן, אַן „אָטסטאַווקע“ פון „סלוזשבע“ ביי די טייטשן, פונם לעבן—ביי אידן.

אַ פּ ד י נ ג ע ן, פון וואָס ווייבער קומט צו געזונט און (וואָס די מענער רופן) שמאַטעס.

אַ פּ ז אָ ג ן, וואָס אַ איד טוט מיט אַ צענדליק קאַפּיטלאַך תהלים, מיט אַ דינסטמיידל, מיט אַן אָרימאַן, מיט אַ מת (פון דער חברה) און מיט אַ ירושה אויף עולמות.

אַ ב י ו ו אַ ט ע ל, דער מאָסקיטאָ אין ניו־דזשוירזי.

אַ ב ל אַ ו ו ע, בודק חמץ זיין.

אַ פּ מ אַ ך, וואָס מען האַלט, ווען עס לוינט זיך, ווען מען קען און ווען מען מוז.

אַ פּ נ אַ ר ן, דעם רבונו של עולם מיטן קונה שביתה זיין; מיטן עירוב תבשילין; מיטן פאַרקויפן חמץ; מיטן עירוב צום טראָגן אום שבת; מיט'ן שלאָגן מלקות; מיט דער פאַרשטעלטער שבת'דיקער ליציטאַציע אויף עליות; מיט'ן נעמען פּראָצענט מיט אַ היתר עיסקא; מיט'ן עפענען האַלב און האַלב די קראָם חול-המועד; מיט אליהו'ס כוס; מיט'ן שרייען: כל דכפין ייתי ויאכל אין דער הגדה; מיט'ן געבן חליצה; מיט'ן נעמען חלה; מיט'ן שיקן שלח־מנות; מיט דעם מתיר נדר זיין; מיט.ן תשליך ראש השנה; מיט'ן שלאָגן כפּרות (מיט געלט) ערב יום־כפּור; מיטן כלומר'שטדיקן בודק חמץ זיין; מיט'ן פּדיון הבן; מיט'ן „הנותן תשועה למלכים“ פאַר אַ צורר היהודים; מיט'ן צוזאָגן אים (דעם רבונו של עולם) אַלץ אין דער וועלט יום-כפּור און „פאַרגעסן“ אָן דעם פאַר סוכות.

אַ פּ ש י י, וואָס דער איד האָט פאַרן גוי.

אַ פּ צ אָ ל ן, איבערצאָלן.

אַ פּ ק ו מ ע ן, עסן מצה אַ גאַנצע וואָך פּסח; האָבן אַ שוויגער אין הויז, ליבנדיק די ווייב; שטיין יום-כפּור אין פּאָליש מיט אַ שווערן מחזור אין האַנט; זיצן מיט דער ווייב'ס ליובאַווניק ביי

איין טיש; עסן אפיקומן, ווען עס קריכט ממש פון האלז; זיצן אין אפערא מיט א מוזיקאלישער פרוי, ווען אליין איז מען דארטן ווי דער האן אין בני־אדם; זיין אין אידישן טעאטער ביי געוויסע פיעסן.

אפאריזם, אין ליטעראטור דאס זעלביקע וואס פלייש־עקסטראקט צווישן שפייזן. אויב דער אפאריזם איז גוט, דאן גיט ער די עסענץ פון א גאנצער ליטעראַרישער גרויסער שיסל יויך.

אקטן, וואס די אקטיארן טוען אפ אויף אונזער בינע.

ארבעט, וואס מען דארף קענען אויסמיידן, כדי צו מאכן א בכבוד'ן לעבן.

ארבעטער, א שפייזער פון ליידיקגייער, א נאר.

ארכיוו, א בית-הקברות פאר דאקומענטן און רעפארם־פלענער אין רוסלאנד (1902).

ארמיי, מענטשן-שוחטים ארגאניזירט.

ארץ־ישראל, ביז ניט לאנג ארץ־ישמעאל, היינט כמעט ארץ־אנגליה.

אש און רויך, איבערגעברענטע התלהבות.

אשמנו, א ליסטע פון פארברעכן, צווישן וועלכע עס געפינען זיך פעלשונג, גזלה, רציחה, ניאוף, אלע זאכן פאר וואס אידישע קליינע קינדער זיינען זיך מתודה ימים נוראים.

אתה בחרתנו, א פעטער ביסן פאר אנטיסעמיטן.

ב

באבע, א פערזאן, פאר וועלכער מען האט נאך ווייניקער בושה ווי פאר דער מאמען.

באביצע, אן ערלאכער, אלטער מאן.

באבקע, אין דער ליטע א שבועות'דיקער מאכל ניט שווערער צו פארדייען ווי די אקדמות; אין טיף ראסייע א פרוי, וואס קען ניט צונעמען א קינד, נעמט אבער פארט צו.

באגאזש, דעם קבצנ'ס טלית און תפלין, זיין דלות און פעקל צרות.

באַגאַמאַלקע, אַ רוסישע פּרומאַטשקע, וואָס טאָר ניט איינרייסן מיט גאָט, מחמת זי האָט געזינדיגט מיט מענטשן.

באַזאַר, אַן אָרט, וואו רייכע דאַמען זיינען קרעמערקעס פון מצוה וועגן און קאָקעטקעס פון מענער׳ס וועגן.

באַטינקעס, וואָס פרויען קויפן מיט אַ נומער קלענער פאַרן פוס.

באַי, אויף ענגליש אַ אינגל, אויף רוסיש אַ שלאָגעריי, ביי נארישע מענטשןביידע אין איינעם.

באל, אַן אָרט, וואו ליידיקגייער פארזוכן דעם טעם פון האָרעווען, שוויצן און לאָזן די כוחות ביז שפּעט אין דער נאַכט.

באַמבע, וואָס מער ווי קאַפּיטאַליסטן טאָר קיינער ניט געברויכן קעגן אַ שונא.

באנק, וואָס סטאָליארעס מאַכן פאַר מענטשן צום זיצן און סוחרים צום אָנזעצן.

באנקראָט, וואָס אַ האַנט-ארבעטער קען ניט מאַכן, אַ סוחר—לייכט, אַ קאָמפּאַניע לייכטער ווי אַ סוחר, אַ רעגירונג לייכטער ווי אַ קאָמפּאַניע; וואָס אמונות מאַכן, ווען די פרומע קומען איינמאָנען זייער עולם-הבא.

באסטארד (אַ ממזר), אַ קינד, וואָס איז געקומען אויף דער וועלט אָן אַ הכשר פון אַ גלח, אָדער אַ רב.

באק, אַ זאַך, וואָס ווערט אַלץ מער באַמערקבאַר וואָס קראַנקער און, דערפאַר, געשלאָגענער זי ווערט, אַ שטייגער, ווי דער טראָסט אויף דעם קאַפּיטאַליסטישן פּנים.

בארבער, אַ „ריידעוודיקער" מענטש מיט אַ זינדיקער פּרנסה.

באַרגן, אַנטלייען, וואָס מענטשן טוען, כדי צו האָבן וואָס ניט אָפּצוגעבן, וואָס דאָס פּאַסירט ביי געלט אָפט, ביי רעגנשירעמס אָפטער און ביי ביכער שטענדיק.

באַרשט, אַ דייטלאַכער באַוויז, אַז פון אַ דבר-אחר אַ האָר איז אויך גוט".

ב ב א־מ ע ש ה, אַ פּאַטריאָטישע מעשה פון כיטרע פּאָ־ליטישענס איינצושלעפּערן גרויסע אומרואיקע קינדער.

ב ו ד ק ע, דעם הונט'ס אַפּיס.

ב ו ז י ם-פּ ר י נ ט, איינער וואָס קען אייך גוט באַ־רעדן, ווייל ער ווייסט אַלע אייערע חסרונות.

ב ו י ד ע ם, אין ליטווישע און פּוילישע בתי־מדרשים אַן ארכיוו פאַר אויסגעדינטער און פאַרשימלטער הייליקייט.

ב ו י ך־ו ו י י ט אָ ג, וואָס מען קריגט אין די מייסטע רעסטאָראַנען במקח השוה; דער אָנהויב פון דעם מענטשן אויף דער וועלט, דער אויסלאָז פון אַ ווילנער פעטן רעטשישניק.

ב ו י ם, וואָס וואַקסט אין דער הויך און אין דער ברייט, ווייל ער ווייסט ניט יונגערהייט פון קיין פאַבריק, פון קיין שטיפּ־טאַטן, פון קיין בייזן רבי'ן און ווייל ער שטאָפּט זיך ניט מיט אַלערהאַנט פּאַסקודסטווע ווי אַ קינד.

ב ו ך, אַ זאַך, וואָס איינער לייענט און פאַרשפּאָרט צו קויפן און אַן אַנדערער קויפט און פאַרשפּאָרט צו לייענען; וואָס ווערט, ווי אַ לוין־שקלאַף, געבונדן אַן שטריק; פון וואָס אַ צענ־זאָר האָט ארבעט און זעגמת־נפש; אין וואָס מענטשן האַלטן כתובות, ליבעסבריוו, אַלטע לוחות, אַ צעקוועטשטע רע־זעדא, אַ לעזעצייכן, שמעקטאַבאַק, פּאַפּיראָסן־פּאַפּיר, אַ פּאַספּאָרט, אַן אַלטן שיר-המעלות און אַלץ וואָס גייט אריין, אַמאָל אפילו שוועבעלאַך; אַ זאַך, וואָס קריגט ביי אָרים-בחורים העגטשקעס און ביי קינדער אָפּגעשניטענע יאָרן; וואָס איז גאָלד צום קויפן און בלאָטע צום פאַרקויפן; וואָס מען לייענט צום שרייבן און מען שרייבט צום לייענען; וואָס ווערט באַנוצט פאַר אַ שלאָפטרינק, צום אָנפילן אַ ביכער־שראַנק, צו העלפן דעם שפּאַקולן־געשעפט, צו האָבן וואָס איבערצולאָזן אין רעסטאָראַן, אונטערצושטעלן אונטער אַ הינקעדיק פיסל פון אַ טיש, צו ווארפן אימיצן אין קאָפּ, צו האָבן אָרום וואָס צו ריידן און אויסצווזען אַ משכיל; אַ זאַך, וואָס מען דאַרף צו לעזן ביים עסן, כדי ניט צו פילן קיין טעם אין די מאכלים,

צו באַווייזן די שמוציקייט פון מענטשלאַכע פינגער, צו קאַרמענען מיט צימעס, — בקיצור צו אַלץ, אפילו צום לעזן.

ב ו ל ט, בוילעט ניט בולט (מיט אַ שורק).

ב ו נ ט, אַ מיאַטעזש, אַ נפל, וואָס די רעוואָלוציע איז צייטנווייז מפיל.

ב ו ש ה, זע „אַפּשיי".

ב ט ל־ב ש ש י ם, אַן ערלאַכער מאַן אין מאַרק; דעם אָרי־מאַנ'ס פּלייש אין שיסל צווישן די ביינער; דער אמת צווישן אַ דיפּ־לאָמאַט'ס רייד; עכטע ליטעראַטור אין צייטונגען; די קונסט אין אַ שונד־טעאַטער.

ב י ל, אַן ענגלישער וואָרט, וואָס באַטייט אַ צעטל, אַ וועקסעל, אַ שנאַבל, אַ רעכענונג, אַ געזעץ־פאַרשלאַג, אַ לאַך, אַ שפּייז־קאַרטע, אַן אַביאַוולעניע, אַ פּראָגראַם פון אַ פאַרשטעלונג, אַן אַסיגנאַציע, און אַ מענטש וואָס הייסט וויליאַם.

ב י מ ה, אַן אָרט, וואו די שטילע גרייזן פון דער קהילה ווערן אויסגעשריען אין דער הויך.

ב י נ ט ל, נאָר לאָז זיין.

ב י ס ן, וואָס איינער דעם אַנדערן רייסט פון מויל.

ב י נ ע, אַ סטיידזש, דער איינציקער אָרט, וואו פאַרשטעלטע מענטשן זיינען ניט דוקא צבוע'יאַקעס.

ב י ר, אַן אָפּשוואַכונגס־מיטל פאַר דער דייטשער רעוואָ־לוציע.

ב י ת ד י ן ש ל מ ע ל ה, אין אַמעריקע אַ נאַציאָנאַ־לער סופרים־קאָרט.

ב י ת ה מ ד ר ש, אַן אָרט, וואו פּרושים לערנען גמרא איבערן עמוד און וועלטלאַכע חכמות אונטערן עמוד; וואו עס קומט אָן די ערשטע נייעס אין מלחמה־צייט; וואו אָרים־בחורים עסען, שלאָפן, לערנען און באַקן בולבעס; וואו אידן זאָגן סליחות, תהלים, דעם פּרק און אַמאָל אַ דעה; וואו מען הערט דעם חזן, דעם מגיד, תקיעת שופר און דעם גערוך פון אויסגעברענטע ליכט; וואו מען קלאַפּט המנ'ען, שילט זיין ווייב זרש, שלאָגט הושענות, אַ

יונגאַטש און זיך אין הארצן על חטא; וואו מען בענטשט גומל, ציצית, אתרוג און ברוך שפטרני; אַ בנין, וואָס וועט גיין אויף רעדער קיין ארץ־ישראל, ווען משיח וועט קומען—אפילו פון אַמעריקע, מחמת דער גרויסער ים וועט האָבן די איידלקייט זיך צו שפּאַלטן.

בית עולם, אַן אָרט, וואו מען באַגראָבט רייכע לייט נאָכן טויט און אָרימע לייט פאַרן אָנהויבן לעבן, וואָס דערפאַר רופן עס אַנדערע „בית חיים“.

בכורה, וואָס יעקב אבינו האָט געקויפט פאַר אַ טאָפּ לינזען: די ערשטע אידישע ווילדע מציאה.

בלאָפן, אַ געאידישטער אַמעריקאַנער גלאַגאַל, וואָס באַטייט: באַטריגן, פאַרדרייען, פאַרשווינדלען, ליגן־זאָגן, זיך באַרימען, סטראַשענען, איינריידן, מאַכן אַ גרויסן וועזן פון גאָרניט, שפּאַסן, אָנדולן אַ מוח און אַלץ וואָס איינער וויל. אין געוויסע רעדאַקציעס איז אפילו פאַראַן געבלאָפטע ליטעראַטור א. א. וו.

בלוזע וואָס מיידלאַך און ווייבער מאַכן אין דערהיים צום טראָגן, אין אַמעריקע צום פאַרקויפן.

בלוט, וואָס קיינער טאָר ניט פאַרגיסן סיידן ער איז אַ קיניג, אַ פירשט, אַ גענעראַל, אַ שוחט אָדער אַ תליון; וואָס אַ ציר־ולניק לאָזט, אַ באָס צאַפּט, אַן ענגלאַנדער עסט (אין סטייקס) און אַ איד זאַלצט אַרויס, כדי אָפּצוקומען אויף דער וועלט.

בלום, וואָס ווערט אָפּט אָפּגעריסן אין מיטן בליען, ווי אָרימע קינדער'ס יאָרן.

בלינדע־קו, אַ שפּיל, וואָס דער מזל שפּילט מיט דעם אָרימאַן און די רייכע צווישן זיך אויף דער בערזע.

במקום־גבאי, וואָס אַ היגער וויים־פּרעזידענט אין אַ שול וואָלט געבאָך געמוזט זיין אין דער ליטאַ.

בן־יחיד, יעזוס ביים רבונו של עולם.

בנין, אַ געביידע, למשל, אַ דאַמען־הוט.

בנעימות, ווי מען רעדט בשעת מען קומט נאָך אַ גמילת־חסד.

בעזים, וואָס ווערט באַשמוצט פון דער סאַמע בלאָטע,

וואָס ער וויל אויסקערן: אַ שטייגער, ווי דער רעפאָרמער אין אַמע־ריקע.

ב ע ט, דעם אַרבעטער'ס רו־פּלאַץ, דעם פּויער'ס גן־עדן, דעם קראַנקענ'ס תפיסה; אין געוויסע הייזער אַ פאַרזאַמלונגס־לאָקאַל פאַר וואַנצן; אַן אָרט צום טרוקענען בלעטער לאָקשן; אין וואָס מען האַלט ווארים שבת'דיקע טיי און אָפּגעקילטע חסידים.

ב ע כ ע ר, אַ זילבערנע כלי צום טרינקען, צום פאַרזעצן און צום געבן אַ שכנ'טע אַ שטאָך אין האַרצן.

ב ע ל ן, אַ ווילנער אויף חזנים, אויף רעטשישניקעס און אויף הייסע, „זודיקע באָבעס"; אַ מלמד אויף שמעקטאַבאַק און גוטע צופּלינקעס צום שמייסן; אַ שוחט אויף קישקעלאַך; אַן אָרים־בחור אויף הייסע בולבעס און פּלעצלאַך; אַ סוועטער אויף גבאות; אַ חסיד אויף 95-ער שפּירימוס; אַ שיינע מיידל אויף שפּיגעלאַך; אַן אַלטע ענגלענדערקע אויף קעץ; אַ גאַזעטשיק אויף מלחמות; אַ אידישער משכיל אויף פראַנצויזישע פראַזן; אַ פּרוש אויף ריידן וועגן מיליאָנערן און אַ מיליאָנער אויף אַן אָרעלדיקן איידים.

ב ע נ ט ש ן, צוליב וואָס אַ איד דאַרף עסן.

ב ע ק ע ר, איינער, ביי וועלכן אַרבעטער ווערן אי פאַר־שוואַרצט, אי פאַרוויסט.

ב ע ר, אַ חיה, וואָס לעבט אַ צייט פון יאָר, זויגנדיק די איינענע לאַפּע, לגבי צווייפיסיקע חיות, וואָס זויגן אויס פרעמדע „הענט".

ב פ ר ה ס י א, טאָן אַ נאַרישקייט פאַר אַלעמען אין די אויגן, אַ שטייגער: ווי האַלטן אַ דרשה, ווען מען האָט ניט וואָס צו זאָגן; ווי שפּרינגען קעגן דער לבנה, זיך לאָזן שמייסן ערב יום־כפור, טאַנצן שיכור'ערהייט שמחת־תורה אויף דער גאַס.

ב ר י ט וו ע, אַ זינדיקער מעסער.

ב ר י ר ה, קנעלן אָדער שטאַרבן.

ב ר כ ו ת, וואָס אַ פרומער איד גיט דעם אויבערשטן הונ־דערט אַ טאָג, מחמת זיי קאָסטן ניט טייער.

ב ש ת - פ נ י ם, א שעמעוודיקער, ניט פאר אמעריקע גע-דאכט.

ב ש ת י ק ה, פון דער ווייב, א „הויכער" פינאקל.

ב ת - מ ל כ ה, ביים ליבהאבער זיין שיינע געליבטע.

ב ת - ק ו ל, פארצייטן א שטימע פון אויבן, היינט א סוברעטין.

ג

ג א ו ל ה, אויף וואס אידן ווארטן מיט מער געדולד ווי אויף דער פינפטער ציאונג אין דער לייפציקער לאטעריע; וואס סאציאליסטן ווילן האבן פארן ביאת הגואל.

ג א ו ן, א אידישער זשעניע, וואס פארשטייט זיך ניט אויף א צורת־מטבע; מאכט ר"שי: דער לעצטער גאון איז שוין איבער 150 יאר טויט.

ג א ל ד, א זאך פאר פוסטע ציינער און פוסטע מוחות.

ג א ל ע ר י ע, א הויכער ארט פאר די נידעריקע קלאסן; די אויבערשטע פאלע אין טעאטראלישע שוויצבעדער פאר די, וואס שוויצן ביי סוועטערס.

ג א מ ע ל ק ע, א מין קעז, וואס איז אלט, הארט און דריי-עקיק, ווי די קריסטלאכע אמונה.

ג א נ ז, די שטאלצע מוטער פון אמאליקע פעדערן צום שלאפן און צום שרייבן.

ג א ס ט ר א נ א ם, א פיינער נאמען פאר א פראסטן זולל-וסובא.

ג א ר ט ן, פון דעם לענדלארד'ס שטאנדפונקט א שטיק איז ניוועץ געבראכטע רענט.

ג ב ו ר ה, וואס מען האט באדארפט צום הרג'ענען מענטשן איידער עס איז אויפגעקומען פולווער מיט ביקסן, הארמאטן און אנדערע מלאך־המות געצייג. (עס איז, משמעות, אלעמאל געווען א שייכות צווישן גבורה און קבורה).

ג ב י ר, א מענטש, וואס קען זיך פארגינען א מויערל איבער זיין קבר.

ג ד ו ל ה, א שיינע יונגע ווייב, וואָס דערלאַנגט אַ פּיינעם, פּעטן צימעס אויף אַ שיינעם בלאַנקענדיקן טאַץ בעת דער שטאָט־מגיד זיצט ביים טיש.

ג ט, די איינציקע זאַך, וואָס קאַטאָליקן זיינען אונז מקנא; דער אויסלאָז פון חתונה האָבן און דער אָנהויב דערפון. דערפאַר איז גט גוט פאַר שדכנים, בדחנים, חזנים, רבנים, שמשים, סאַרווער און כלי־זמרים.

ג י י ס ט, וואָס אַ גרויסער מאַן האָט, אַ רייכער מאַן דינגט, אַן אַבערגלויבער זעט, און קיינער פאַרשטייט ניט אויף קלאָר.

ג ל א ט - א ז ו י, אַ קלאָרער ענטפער אויף אַלע פראַגן.

ג ל אָ ק, אַ קריסטלאַכער שמש צום רופן אין שול אריין.

ג ל ח, דער שליח־צבור אין טעמפּל עמאַנואל.

ג ל י ק, וואָס אַ יונגער מאַן זוכט ביי זיין געליבטער, געפינט ביי זיין כלה, פאַרלירט ביי זיין ווייב און זוכט ווייטער.

גם ז ו ל ט ו ב ה, עט! דאָס רעדט זיך אַזוי!

ג מ ר א, זע תלמוד.

ג ע ו ו א ל ט, דעם שטאַרקנ׳ס טאַט, דעם שוואַכנ׳ס געשריי.

ג ע ז ע ץ, די סטראַשידלע אינם קאַפּיטאַליסטישן גאָרטן.

ג ע ל ט, אַלץ, אומעטום, צו אַלע צייטן, ביז די גאולה וועט עס אויסבריינגען.

ג ע נ ע צ ן, אַ זאַך וואָס קומט: פון מויל; פון ניט־דערשלאָפן; פון מעטאַפיזיק; פון הערן אומפאַרשטענדלאַכע (פאַר אונז) רייד; פון האָבן ארום זיך מאַנסבילן, ווען מען איז פאַרליבט אין אַ מיידל; פון זיצן מיט אַ מחבר, וואָס לייענט שלעכט פאַר זיין שרייבעריי; פון די יוצרות פון פרשה פרה; פון אַ פאָרטראַג איבער וויצן און פון יאַלעווע דרשנים.

ג ע נ אָ ס ן, חברים, וואָס סאָציאַליסטישע ארבעטער רופן איינער דעם אנדערן, ווייל זיי געניסן ניט און ווערן גענאָסן.

(1895)

ג נ ב, אַן אומגעזוועצלאַכער דיב; איינער וואָס לעבט פון יחידים בעת ער איז פריי, און פונם כלל בעת ער איז אין טורמע.

ג ע צ אַ צ ק ע ט, אַ געשריפט מיט צוקעס.

נ ע ק ר ו י נ ט ע ק ע פּ, קעפּ וואָס האָבן אויף זיך אַ קרוין אָדער אַ פּ....

נ ע ר י כ ט, אויף אידיש אַ פּאַטראַווע, אויף טייטש אַ זאַך, וואָס מען ווייכט דערפון סיידן מען איז אַליין אַ לאַיער.

נ ע ש ע פ ט, עליות (שבתים און ימים-טובים); פּסוקים פון אתה הראית; פּתיחת הארון; חתן-תורה און חתן־בראשית שמחת תורה; דער ערשטער אות פון בראשית; שטעט אין שולן און שולן אין שטעט; הושענות; לולבים; אתרוגים; גבאות; רבנות; חזנות; שמשות; מגידות; ברחנות; שחיטה; קבורה; מצוות און עברות; פדיונות; כפרות; התרת־נדרים; מצה שמורה; כריין פאַר מרור; דער האַנדל אין ספרי־תורות; ציצית; תפלין; מזוזות; קמיעות און הונדערטער אַנדערע זאַכן, וועלכע מען טוט אים, הענט-ניט־געוואַשן, צוליב.

נ ר אָ ב י אַ ן, אַ מענטש, וואָס רעדט וואָס ער מיינט.

נ ר אַ ד ק ע, אַן אָרט פאַר ספרים, גאַמעלקעס, צינענע טעלער, פּסח'דיקע כלים, אַלטע תפלין, איינגעמאַכטס, שו-וואַקס, עסיק, שאיריים פון שלש סעודות, גערשטן פאַר הינער, זויערמילך פאַר דער קאַץ און אַלץ וואָס גייט דאָרטן אַרויף, חוץ קאַטשקעס און אינדיקעס, כל זמן זיי לעבן.

נ ר אָ ז, וואָס וואַקסט פון זיך אַליין, לאָזט זיך טרעטן אונטער די פיס און ווערט אָפּט אָפּגעשניטן, כדי צו פיטערן בהמות, — אַלץ פונקט ווי אַן אַרבעטער.

נ ר אַ מ אַ ט י ק, אַ סוואָד זאַקאָנאָוו פון ווערטער, וואָס אידיש און (צום טייל) ענגליש האָבן ניט, און אַזוי וואויל איז זיי.

נ ר אַ ף, ביי אידן אַ גרויסער טאָפּ אין שטוב, ביי די אומות העולם אַ גאַנצער קאָך־לעפל אין לאַנד.

נ ר אָ ש ן, אַ מטבעה, וואָס דער אָרימאַן זעט ניט אָן און דער רייכער קוקט ניט אָן.

ג ר ו ם, ביי אַן ענגלישן גביר אַ דינער ביי זיינע פערד.

ג ר ו נ ט, וואָס מען מיינט, אַז דער ים האָט ניט, און וואָס קאַפּע האָט יאָ, אָפּט איבערגענוג.

ג ר ו נ ט אָ ו ו נ ע, אַ דיקלאַכע שטיק אידישקייט, מיט אַ לאַנגען געדיכטן באָרד, צען־טוויזנט קערבלאַך אונטערן קישן, אַ הויז אין גאַס און אַ בריה אַ ווייב.

ג ר ו ס, וואָס יעדער גביר, אפילו אַ קמצן, פאַרגינט זיך צו שיקן צו אַן אָרימען קרוב.

ג ר ו פּ ע, אַ הייפל מענטשן, וואָס פאַראייניקן זיך, כדי צו קענען פאַנאַנדערפאַלן.

ג ר ו ש ה, אַ קאַנדידאַטקע אויף חופה און קדושין, וואָס איז שוין ניט קיין פריץ.

ג ר י ב ע נ ע ס, אַן וואָס מען דערקענט פון וויטן אַ אי־דיש הויז.

ג ר י נ ה אָ ר ן, איינער, וואָס ווייסט ניט, אַז „פויסט" הייסט ערשטער, ערשטער און ניט אַ קולאַק; וואָס ווייסט ניט פון אַ סטופּ אין אַ שטוב און פון „טאָפּ" (פלאָר), אין וועלכן מען קען ניט קאָכן; איינער, וואָס ווייסט ניט, אַז אַ שיין קומט פון שו־וואַקס און וועש פון אַ טשאַינאַמאַן; אַז אַ „סאַלאָן" איז אַ שענק, אַ משוגענער אַ „קרענק" און אַ „טענער" אַ שכן. בקיצור, אַ מענטש, וואָס זינדיקט כסדר קעגן דער מאָדע און דעם לשון פון לודלאָוו סטריט.

ג ר י נ ע ר־אָ פּ ע ר י י ט אָ ר, אַ מענטש, וואָס זינגט מיטן ניגון פון איכה אונטער זעק, אונטער אַ סוועטער און אונטער דער באַגלייטונג פון זינגערס (מאַשינען) אָרקעסטער, וואָס דער־פאַר הייסט ער אָפּערייטאָר, אַן אָפּעראַזי... ניט אָפּערע־זיפּצער, נאָר אָפּעראַ־זינגער.

ג ר י פּ, אַן אַלטע חלאת, עטאַבלירט אונטער אַ נייער פירמע.

ג ש ם, אַ תפילה אויף רעגן, ווען עס האַלט שוין ביי שניי.

ד

ד א ג ו ת, וואָס מאַנסבילן האָבן און ווייבער נעמען זיך.

ד א ו ו נ ע ן, אָפּבורבלען אַ בקשה צו גאָט און זיך נאָכ־דעם וואונדערן וואָס ער הערט ניט.

ד אָ ל אַ ר, די אַמעריקאַנישע דריי־איינזיקייט: גאָלד, זילבער און פּאַפּיר; וואָס איז גאָר ניט אַזוי מעכטיק, ווען ער איז איינער אַליין.

ד א מ ע, אַ פרוי, וואָס איז זייער ביזי, גאָר נישט טוענדיק.

ד אַ נ צ י ג, אַ שטאָט, וואָס הייסט, משמעות, נאָכן חיי אדם (ר' אברהם דאַנציג).

ד אַ נ ק, אַ פּוסטע צערעמאָניע אין געבן און אַ גלייכגילטיקע אין קריגן.

ד אָ ק ט אָ ר, אַ מענטש, וואָס האָט ניט קיין מנוחת־שעה, ווען ער האָט אַ נאָמען; איינער, וואָס מען האָט צוטרוי צו אים, ווען ער האָט אַ גוטן אויטאָמאָביל; וואָס זוכט אין אַמעריקע אַ לאַדזש און פּלוכט זי, ווען ער קריגט איר; וועמען מען רופט ניט, אויב מען ווייסט, אַז ער **ק ו מ ט** גלייך; איינער, אָן וועלכן מען באַגייט זיך ביים לעבן, אָבער ניט ביים שטאַרבן.

ד ו מ ה י י ט, וואָס דער קלוגער זעט אין זיך און דער נאַר אין אַנדערע; די געדולדיקע, שווער־באַוועגלאַכע טשערעפּאַכע, אויף וועלכער עס האַלט זיך די געלט־אָרדענונג און די וועלט־אָרדענונג.

ד י ז, פון וואָס מען קען ווערן דיק, אויב מען קריגט פּעטע פּסק־געלט.

ד י ר ה, וואו מען וואוינט און—צייטנווייז—וויינט.

ד י ס ט י ל י ר ן, מאַכן שלעכטע בראַנפן פון גוטע שפּיריטוס.

ד י ס פּ ו ט, אַ מחלוקת אָן קלעפּ.

ד י ס ק אָ ס ט אָ, נעמען פּראָצענט און דאָס ניט רופן „וואוכער".

ד י ס ק ו ס י ע, רייד נאָך אַ פּאָרטראַג, וואָס האָבן גע־ווייַנטלאַך אַ שייכות מיט אַלץ, חוץ מיט דעם פּאָרטראַג.

ד י פּ ל אָ מ אַ ט, אַ פּראָפעסיאָנעלער ליגנער.

ד י ק, וואָס דער איד פון טיף ראָסייע רופט ווילד, דער ליט־וואַק—גראָב, און דער טייטש — פעט.

ד י ק ט אַ ט אָ ר, אַ דעספּאָט, וואָס מען קריגט אין אַ רעוואָלוציע, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פּטור צו ווערן פון דעס־פּאָטן; אַ געשוויר אויפן האַלז נאָך אַן אויסגעהיילטער מכה אויפן רוקן.

ד ע ב אַ ט ע, אַ ויכוח צווישן צוויי מענטשן, וואָס ווילן אָדער קענען איינער דעם אַנדערן ניט פאַרשטיין; צו וואָס מען קומט, כדי צו זען „ווי אונזערער וועט אייערן אָנרייבן אַ מאָרדע".

ד ע ג ן, אַ שפּאַגע, וואָס מיניסטאָרן טראָגן ביי אַ פּאַראַד, כדי צו ווייזן דעם עולם, אַז דער טויט פון די וואָס קאָרמענען זיי איז נאָך אַלץ אין זייערע הענט.

ד ע ז ע ר ט י ר ן, אַנטלויפן פון סאָלדאַטן, ניט האָבנדיק קיין מוט צו ווערן אַ שוחט.

ד ע ל ע ג אַ ט, איינער וואָס טוט וואָס ער וויל, ווען זיינע דעלעגירער ווייסן ניט וואָס זיי ווילן.

ד ע מ אָ ק ר אַ ט, אין איראָפּע אַ פּאָליטישע פלאָנדערקע, צו דאַר פאַר אַ העכט און צו ברייט פאַר אַ הערינג; אין אַ אַמעריקע — אַ בודלער, וואָס איז ניט קיין רעפּובליקאַנער.

ד ע נ ט י ס ט, איינער וואָס נעמט געלט פאַרן רייסן צייַנער, אויב ער טויג דערצו, אָדער רייסט געלט פאַרן נעמען צייַנער, אויב ער טויג ניט.

ד ע נ ק ע ן, קריינקען.

ד ע ס פּ אָ ט, אַ לעבעדיקער באַווייז, אַז די פעלקער זייַנען נאָך אַלץ פעלקער.

ד ע ק אָ ל ט י ר ט, האַלב נאַקעט.

ד ע ק ט ו ך, מיט וואָס מען פאַרדעקט ביי אונז אַ כלה, כדי זי זאָל ניט זען, וואָס פאַר אַ שלימזל זי קריגט.

ד ר א מ א , אין דעם אידישן טעאַטער, אַ פאָרשטעלונג פון אָפּערעטישע, אָפּעראַ־בופיקע, טראַגי־קאָמישע פּורים־שפּילעריי מיט ניגער־טענץ, באַלאַגאַן־טאַראַראַמסטוואָ, אין אַקטן, בילדער און ער־שיינונגען פון טויט, תחית־המתים און גראַבע וויצן פון אַלערליי שפּראַכן חוץ ליטווישע אידיש.

ד ר ו ק , אַן אָרט, וואו עס פלעגן פאַרשוואַרצט ווערן אי דאָס פּאַפּיר, אי דער זעצער, אי דער פּרעסער, אי דער שרייבער, אי דער ענין פון דעם געשריפט.

ד ר ו ש , חריפות, וואו גלייכע פּסוקים ווערן פאַרקרימט, כדי דער בעל־דרשער זאָל האָבן וואָס אויסצוגלייכן.

ה ר י י ד ל ע ך , וואָס אידישע אינגלאַך מאַכן חנוכה און לומדים אַ גאַנץ יאָר.

ה

ה אָ ב ן , נעמען, כאַפּן, אויסנאַרן, געווינען, קריגן אויף אַנ־דערע אופנים, אַמאָל ערלאַכע, אפשר ניט.

ה אָ ג ע ל , פאַרפראָרענער רעגן, אַ שטייגער ווי די רייכע לייטס צדקה קומט אָן צו די אביונים.

ה אָ ד ע ו ו ע ן , איבערפירן קינדער דורך קושן און דורך שמייץ.

ה אָ ב ן , אַן עוף, וואָס איז דער עיקר, ביים גוי צום עסן, ביים אידן אויף כפרות ; אַ שרייבער, וואָס האַלט זיך גרויס מיט זיין קול נגינה צווישן הינער, ווי אַ דאַמעניענער צווישן פרויען.

ה אָ ז , אַ חיה'לע וואָס האָט ניט קיין מוט ביים לעבן און קיין טעם נאָכן טויט, אָבער אַ שטאַרקן ריח ווי לימבורגער קעז.

ה אָ כ צ י י ט , אַ חתונה ביי פיינע לייט.

ה אָ ל ץ , אַ שטיק צוהאַקטער בוים, וואָס מענטשן נוצן אויס פאַר אַ וויגעלע און פאַר אַ קבר, און אונמענטשן אויף ביינקלאַך צום שמייסן קינדער און אויף תליות צום הייגען גרויסע.

ה אָ מ ע ר , אַ געצייג, וואָס קלאַפּט ביז עס ווערט אַליין צו־קלאַפּט, אָט ווי דער סאָלדאַט אין דער מלחמה.

האַמעטנע, באַצאָלן אַ חוב מיט אַמאָל, בעת דאָס געלט קען ווארעמען דעם אייגענעם טייסטער.

האַנאָראַר, וואָס מען גיט אַ גרויסן מאַן, ווען דער רב קריגט פאר צייט-פארלוסט, דער לערער געהאַלט און דער פּראָסטער ארבעטער שכירות.

האַנט, אַ טוער, לגבי דעם מויל — אַן עסער; וואָס אַ יונגע „דאַמע" גיט, כלומרשט ניט ווערנדיק, אַ יונגער „מיידל" (מיט הארציגקייט), וואָס אַ בעטלער שטעלט אויס, אַ גנב שטעלט אריין (אין קעשענע) און אַ איינגל שטעלט אונטער (ווען עס קומט דער פּאַטש); מיט וואָס אַ מגיד מאַכט, אַ חזן האַלט אונטער די באַק, אַ דענטיסט רייסט ציינער און אַ סוחר וואָס ער קען; וואָס אַ מוזיקאַנט דאַרף צום שפּילן, דער דיריגענט צו פירן דעם ארקעסטער און דער עולם צום פּאַטשן בראַוואָ; וואָס איז געוואָרן ביי פּרעה'ס טאָכטער אויסגעצויגן, ביי ירבעם בן נבט אָפּ־געדארט און ביי דעם רוסישן קיסר אַ גזירה־אונטערשרייבונגס-אינ־סטרומענט; וואָס דאַמען באַדארפן פאר דימענטע רינגען און ווייבער צום וואַלגערן לאָקשן; וואָס אידן באַדארפן צום לייגן תפלין און אידינעם צו האַלטן זיך פאַרן קאָפּ; וואָס מענטשן האָבן צו צווייי, אבעזיאַנעם צו פיר, באָסעס צו הונדערט, צו טויזנט און אַ פּרוש צום האַלטן אין די הינטערשטע קעשענע, ווען ניט אין בוזים.

האַנדעל, רייסן פון טויטע און פון לעבעדיקע; פאַר־קויפן דעם ארבעטער זיינע ברידערס ארבעט און לעבן פון אים און פון זיי.

האָסען, ניט קענען הערן דעם אמת.

האָפנונג, די מוטער פון דער געדולד; דעם אָרעמאַנס לאָטעריי-צעטל, וועלכער קומט כמעט קיינמאָל ניט ארויס מיט אַ געווינס.

האָצע־פּלאָצע, אַ שטעטל, וואָס געפינט זיך ניט אויף אַ גוי'שע לאַנדקאַרטע.

ה א ק ע ן א י ן ט ש י י נ י ק, א געגנערם דרשה.

ה א ר ץ, א זאַך, אַן וועלכע אַ סך שירים וואָלטן געבליבן ניט געשריבן; וואָס איז ווייך, ווען דער מאָגן איז ליידיג; וואָס פּלאַצט און ווערט קיינמאָל ניט צופּלאַצט; וואָס פאַלשע ליבהאָבער ברעכן, אָבער קיין שטיקלאַך זעען זיך ניט; מיט וואס א פרוי זעט, און א טויבער הערט; וואָס קלאַפּט ווי א זייגער, און גייט אויך אמאָל צו האסטיק, בעת אמאָל קריכט עס; וואָס איז אַם העכסטן אנטוויקלט ביי א מאַמען און אמאָל אויך ביי א באָבען.

ה ו ב ע ל, א געצייג, וואָס מאכט געזונטע, גראָבע פלעקער גלאַט, אָבער פיל שוואכער: די היינטיקע בילדונג טוט דאָס זעלבע.

ה ו ט, וואָס דער מענטש האָט ערפונדן פארן קאָפּ, צו זיין זיכער אז ער וועט ניט געזונט זיין.

ה ו נ ג ע ר, א כראָנישע קראַנקהייט אין רוסלאַנד.

ה ו ס ט, דעם שעמענדיגן אָרעמאַנס אָנמעלדונג בעת ער קומט צו א רייכן קרוב, וואָס איז „ביזי“.

ה ו פּ ע ן, איבערהיפּן, אויסלאָזן אין א בוך די ערטער, וואָס זיינען ערנסט, כדי וואס גיכער צו קומען צו דער מעשה, פונקט ווי איינער ביים עסן הופּט איבער די פיש מיט די פלייש, כדי צו קומען וואָס גיכער צום פודינג.

ה י ג י ע נ ע, די חכמה, ווי אזוי פארהיטן די געזונט, צו וועלכע מען דערגייט ווען עס איז שוין ניטאָ מער וואָס צו היטן.

ה י נ ע ר פּ ל ע ט, א מין (לעטארגישער) שלאָף, ווען א מענטש איז ניט טויט, ניט לעבעדיק, א שטייגער ווי די אמעריקאַנישע ארבעטער־באוועגונג.

ה י מ ע ל ר י י ך, א מתנה פאר ע ר ד ן־ד ל ו ת, וואָס דער גוטער קריסט וועט באקומען אויף יענער וועלט.

ה כ נ ס ה־כ ל ה, מאכן פון אן ארעמע מיידל אן אָרעמע ווייבל און אן ארעמע מאַמע פאר ארעמע קינדער.

ה נ א ה, וואָס מען האָט דערפון, וואס מען האָט, וואָס יענער האָט ניט.

הספד, ליגענס נאָך א טויטן.

העבר־עאַיש, לשון קודש, אַ שפּראַך, וואָס אַ רב שרייבט אַלץ ערגער וואָס מער לםדן ער איז ; וואָס אַ פרומע ווילנער אידע-נע פלעגט באַדאַרפן ביים אָפּנאַרן אַ גויע: "חיענקע, למשל, נתן די ערל'טע אַ צנצנת־חלב, ניט מלא, מעורב'דיק מיט מים און לקח'ע אַ גוטן מקח".

העזה, פאַרלאַנגען אַ באַווייז אויף די פייערדיקע קאַרעטע מיט די פייערדיקע פערד, מיט וועלכע אליהו הנביא איז אַרויף אויפן הימל.

הערבה, אַ פיש, וואָס שלינגט איין קליינע פּיצעלאַך און ווערט דערפון פעט, אַשטייגער ווי די ראָקפעלערס מיט די קאַרנע-גיעס ווערן רייך פון די קליינע קאַפּיטאַליסטלאַך, וואָס זיי פאַר־שלינגען.

העולד, איינער וואָס איז זיך מוסר נפש פאַרן כלל און פּירט אויס; אַ־ניט איז ער אַ נאַר, אַ משוגע'נער און אַ פּלוט.

הענקער, אַ תליון, אין אַמעריקע אַ גענגער פון עלעקס-טריציטעט.

הערען, די שווערסטע זאַך פאַר אַ רעדנער.

הערשער, איינער, וואָס וואַיעוועט איבער מענטשן און שינדט די קעפּ נאָכדעם ווי ער האָט זיי געשאָרן ; זאָגט יגלי :דער וואָרט הערשער קומט אַרויס פון הער און שער.

הפטורה, אַ צוצעפּעניש צו דער סדרה : אַן עקסטראַ אַרטיקל אין אונזער שבת'דיקן אָקשן־סייל אויף עליות

הפקר־וועלט, שדוכים אָן שדכנים.

הקדמה, דעם שרייבער'ס אויסהוסטן זיך איידער ער הויבט אָן צו ריידן.

השלמה, וואָס מען רופט אין דער ליטע כאַפּן אַ לעק פון אַלע וויסנשאַפטן, כדי זיך צו קענען גרויס־האַלטן פאַר אַן ערלאַכן בעל־מלאכה און צו טאָן אַ שידוך מיט דעם מלוה'ס טאָכטער.

ו

וואזע, אין יעדן זאַל א שיינע זאַך אָן א נוץ: עפּעס ווי א שיינע מיידל, וואָס האָט ניט קיין שכל.

וואָך, א צייט פון זיבן טעג, וואָס מיר רופן אָן אכט-טאָג.

וואלגערהאָלץ, א מין כלי־זיין אין א מלחמה צווישן מאַן און ווייב.

וואסער, וואָס שרייבער באַנוצן, כדי צו געבן דעם עולם א גרויסע שיסל שיטערע יויך; מיט וואָס מען מאַכט אין אמעריקא (און ניט דאָ אליין) פון 100 דאָלאַר „סטאָק" צען טויזנט; מיט וואָס מען וואַשט אַלץ, חוץ וואַסער אַליין.

וואָרט, וואָס איז לייכטער צו געבן ווי צו האַלטן.

ווילדע, די וואָס טראָגן ניט קיין ווייסן כאָמוט אויפן האַלז, קיין ווייסע צילינדערס אויף די הענט (קראַגנס און מאַנזשעטן); מענטשן, וואָס דערפינדן ניט קיין מאַשינען, כדי צו פאַרהונגערן זייערע מיטמענטשן, און וואָס באַגייען זיך אָן עלעקטריציטעט, כדי צו מאָרדן געזעצלאָך די, וואָס מאָרדן אומגעזעצלאָך.

ווינט, פון וואָס א סך אידן מאַכן א לעבן.

וויץ, אין אידישן טעאַטער זייער אָפט א שוואַך צוגעשפּיצטע גראָבקייט; וואָס ערגערט דעם פלאַכן געגנער אין א דעבאַטע; מיט וואָס וואָלטער אין פראַנקרייך האָט באַקעמפט די רעליגיע און בערנע אין דייטשלאַנד די רעאַקציע, פאַר וואָס טיראַנען האָבן מורא.

וויקלשנור, מיט וואָס מען פייניקט א קינד און מען מאַכט אים ענג און שמאָל נאָך איידער ער קען טועם זיין דעם טעם פון די אידישע תרי"ג מצוות, מיט אַלע זייערע פרטים, כללים און דקדוקים.

וועגווייזער, א בלינדער וואָס זיצט אויף א הינטערדיקן.

וועגעטאַריער, א מענטש, וואָס האַלט פון צער בעלי חיים פאַר בהמות, עופות און פיש, און קימערט זיך אָפּט זייער ווייניק וועגן מענטשן.

וועזואוויוס, איינער פון די בערג, וואָס שפּייען פייער, ניט זייענדיק בטבע קיין כעסן.

וועכטער, איינער, וואָס היט הייזער, טורמעס, געהילץ, פּרוכט-גערטנער, קינדער, גאַסן, אָטאָמאָבילן, פערד — אַלץ, חוץ זיך אַליין.

וועלט, די וועלט און יענע וועלט; מענטשן ווערן דערצויגן צו וויסן מער וועגן יענער, וואָס זיי זעען ניט, ווי וועגן דער, אין וועלכער זיי לעבן.

ווערט-פּאַפּירן, אַקציען; אָפּט ווערטלאָזע פּאַפּירן; גרויסע, ברייטע, לאַנגע קאַרטן צום שפּילן אָקעגן אויף דער בערזע.

ווערים, שרצים, וואָס האָבן הנאה נאָכן טויט פון די, וואָס האָבן הנאה געהאַט פונם לעבן.

ז

זאָגער, א פּוסטער מגיד, אין א גרויסער טון, אין א ווייבערשער שול, אין די ליטווישע שטעט, אין די אַלטע צייטן.

זאַלבענאַנד, פאַר דער חתונה ביים קושן און האַלזן זיך, נאָך דער חתונה ביים קריגן און שלאָגן זיך.

זאמד, וואָס מען שיט אין די אויגן; מיט וואָס מען ריכט איין די פּאָדלאָגע גלייך נאָכן וואַשן און סקראָבענען.

זאַקאָן, פאַר רוסישע אידן אימער א גזירה; פאַר גוים אַמאָל אויך.

זאָקן, וואָס ביי אידן מוזן זיין ריין, פאַרהעפּט און גאַנץ תשעה באב און ערב יום-כפור.

זון, איינער וואָס האָט וועמען ניט צו פאָלגן.

זומער, א צייט פון יאָר, וועלכע די גאַז-קאָמפּאַניעס וואָלטן גערן אָפּשאַפן.

זונטיק, אַ טאָג אין דער וואָך, ווען אין פרומע קריסט־לאַכע מדינות רוען אַלע—חוץ: די וואָס אַרבעטן ביי דער אייזנבאַן, אויף קאַרס, אין שענקן, אין רעסטאָראַנען, אין טאַבאַק־געשעפטן, אין אַ סך ציימונגען, אין פרוכט־קראָמען, אין דעליקאַטעסן־סטאָרס, אין אַפּטייקע, ביי סאָדאַ־סטענדס, אין האָטעלן; אין די הייזער: ביים רייניקן, בעטן־מאַכן, קינדער אויפפּאַסן, קאָכן, דערלאַנגען, אַראָפּנעמען, טעלער־וואַשן; אין די קירכן: ביים פּרעדיקן, געלט־קלייבן, אויסקערן, גלאָקענקלינגען; אין טעאַטערן; ביים אויפראַ־מען, שפּילן (פריער אין קאָרטן, נאָכדעם אויף דער בינע); אין די פּאַרקס: ביים בייזבאָל און פוטבאָל־שפּיל, אָפּראַמען דאָס פעלד, פאַרקויפן טיקעטס, שפּילן; מצד דער פּאָליציי: רעגולירן „טרעפיק״, אויפפּאַסן, ברעכן אַרבעטער־קעפּ אין זינדיקע דעמאָנסטראַציעס; אַרבעט אין די מואַווי און וואָדעוויל־הייזער און אין אַ סך אַנדערע ערטער, — בקיצור, זונטיק רוען אַלע, חוץ אַ טייל פון די מענער און אַלע אָרימע ווייבער.

זופּ, וואָס מען גיט אָרימע לייט, ווען זיי בעטן ברויט.

זיטלאַכקייט, זאַטלאַכקייט.

זינען, פון וואָס אַ קלאָרער גייט אַראָפּ און אַ חוב — אַרויס.

זיס, דעם צוקערניק'ס שיינע טאָכטער אין דעם ישיבה־בחור'ס אויגן.

זכר למקדש כהלל, אַ כריין־סענדוויטש.

זמן, די צייט, ווען אידישע קינדער ווערן געקנעלט און געקוועלט ביים רבי'ן, זיך לערנענדיק, צווישן אַנדערע זאַכן, טראָגן וואַסער פאַר דער רבי'צין און שמעקן דעם רבי'ס טאַבאַק.

ח

חאַנדריאַנע, מאַכט אַלכסנדר האַרקאַווי: „אַ וואָרט, וואָס קומט פון דעם פּוילישן „אַנדראָני״, אַ נאַרישקייט, מיט דעם צוזאַץ פון אַ אידישן ח״; בעסער ווי אַ פּוילישער פּאָגראָם

מיט דעם צוזאַץ פֿון אַ אידישער פּאָגראָם-פּיעסע.

ח ב ר ה ק ד י ש א, זייער אַ הייליקע חברה, וואָס האָט ניט פֿיינט אַ שנעפּסל.

ח ב ר י ם, וואָס כל ישראל זיינען אין אַ צרה, ווערן אָבער גלייך נאָך דעם אויס־חבר.

ח ג א, אַ יום־טוב ביי זיי ביניהם.

ח ד ר, וואו קינדער אין אמעריקע לערנען אידישקייט, כדי צו האָבן וואָס צו פֿארגעסן.

ח ו מ ש, זע תורה.

ח ו פּ ה, וואו מען לייגט צייטנוויז דעם פֿונדאַמענט פֿאַר אַ קינפֿטיקן גט.

ח ו צ פּ ה, זע העזה.

ח ו ט־ה מ ש ו ל ש, דריי אין איינעם, די קריסטלאַכע דריי-אייניקייט; אַ מלמד, וואָס איז אַ שמש און שדכנ'ט אונטער בין הזמנים.

ח י ל ו ק י־ד ע ו ת, אַמאָל בטלנות, אַמאָל דער אָנהויב פֿון אַ פּראָגרעסיווער באַוועגונג.

ח כ ם, איינער וואָס ווייזט ניט ארויס זיינע נאַרישקייטן; גיט ניט קיין עצה, וויסנדיק, אַז מען וועט אים ניט פֿאָלגן; רעדט ניט איידער ער דיינקט און שרייבט ניט איידער ער קען.

ח ל ה, וואָס פֿרומע ווייבער „נעמען", באַקן און עסן.

ח ל ו מ ו ת, וואָס מען קען פֿאַר אַ שכן אויסלעגן לייכטער ווי געלט צענזור־פֿרייע געדאַנקען (זאַפּיר).

ח נ י פֿ ו ת, וואָס מיידלאַך נעמען אָן פֿאַר קאָמפּלימענטן, און שרייבער פֿאַר דעם ריינעם, ערלאַכן אמת.

ח ר ט ה, אָפּט אַ חודש נאָך דער חתונה.

ח ר ם, וואָס נעמט אָן אַ נייעם פּנים אין יעדן דור; וואָס וועט ניט אויסגיין כל זמן דער אמת וועט בלייבן פֿאַראַכטעט.

ח ש ק, וואָס אַ חסיד קריגט, פֿאַרבייגייענדיק אַ שענק, אָדער טרעפֿנדיק אַ שיינע שיקסע; וואָס אַ לאַנדאָנער אידינע קריגט, דערשמעקנדיק דעם ריח פֿון געפּרייעטע פֿיש.

ח ת ן, איינער וואָס זעט אויס ווי אַ נאַר אין דער ליטע און ווי אַן ענגלישער קעלנער אין ציוויליזירטע לענדער.

ט

ט אַ ב אַ ק, אַ ביטערע עבירה שבת ביי אידן און ביי אַלע־מען אַ גאַנץ יאָר.

ט אָ ג, וואָס אין חומש איז געוואָרן (די נאַכט אויך) איידער די זון איז באַשאַפן געוואָרן; ווען אַ בעקער, אַ וועכטער, אַ גנב שלאָפן; וואָס אַן אָרים־בחור עסט, אַ קראַנקער דערוואַרט מיט אומ־געדולד און אַ פאַרליבטער האַט פיינט.

ט אָ ג-ל ו י נ ע ר, איינער וואָס קריגט אַ טאָג לוין פאַר צוויי טעג אַרבעט.

ט אָ ו ו ל, דער שמוציקער טייל פונם ספר, וועלכן דער פרומער איד קושט, ווען ער פאַלט אַראָפּ אויף דער ערד און ווערט נאָך שמוציקער.

ט אָ כ ט ע ר, אַ ניט־גאַנגבאַרע מטבעה, וואָס מען איז צו־פרידן אויסצוגעבן.

ט אַ ל י ע, דער געקרעמפּעוועטער טייל פון דעם פרויען־קערפּער.

ט אַ נ צ ן, אַ זאַך, וואָס פירט צו שידוכים, צום שיכל־קראַם און צום דאָקטאָר.

ט אַ ק ט י ק, ביי קאָנסערוואַטיווע פּאַרטייען—טיקטאַק, טיקטאַק, אייביק דער זעלביקער גאַנג, רק אָנגעצויגענערהייט.

ט אָ ר ב ע, מיט וואָס אין דער ליטע גייען איבער די הייזער אַלע אָרימע לייט, חוץ קליינשטעטלדיקע חזנים.

ט אַ ש נ ט ו ך, הענדקערטשיף, אָן וואָס עס מוז אויסקומען שבת אַ פרומער נאָז.

ט ו י ט, דער אויסלאָז פונם לעבן, ביי די גלוביקע—דער אָנהויב.

ט ו נ ק ל, וואָס גראַמט זיך מיט קונקל-מונקל און איז דער־צו טאַקע באַהילפלאָך.

ט י נ ט, אַ מיטשולדיקער אין אַ סך ליטעראַרישע פאַר־ברעכנס.

ט י פּ ש, אַ טיפּישער נאַר.

ט י ר, אַ גוטע זאַך פאַר סופרים פון מזוזות.

ט י ש ל, אַ ספּיריטואַליסטישער שפּרינגער אָן פערזענלאַכע התלהבות.

ט ע ל ע ג ר אַ ף, איינער פון די ווינציקע גראַפן, וואָס האָבן זיך ניט צו שעמען מיט זייער נאָמען.

ט ע ל ע פ אָ ן, דעם טעלעגראַפ'ס אַ לייבלאַכער ברודער.

ט ע מ פּ ל, אַ קלויז פאַר טעמפּע פרומאַקעס.

ט ע נ אָ ר, ביי חזנים איינער, וואָס איז ניט קיין באַס און ניט קיין קוויטש און זייער אָפט קיין טענאָר אויך ניט.

ט ר אַ כ ט ן, דענקען, נאָכדענקען, אַ געפערלאַכע זאַך אין די אויגן פון דער רעליגיע און דער מאָנאַרכיע.

ט ר י י ס ט ן, ארויסוואַרפן רייד, גאָרנישט געבנדיק און גאָרנישט פאַרלירנדיק.

ט ר ו י ע ר, וואָס די רייכע לייט טראָגן און די אָרימע פילן.

י

י אַ, דאָס זעלביקע וואָס יאָ, יע, יעס און יעפּ (אין אַמעריקע).

י אָ ג, דער גרויסער ווילנער משה יאָג, וואָס פלעגט זאָגן, אַז אויף דער וועלט זיינען דאָ דריי משה'ס: משה רבינו, משה יאָג און זיין פעטער הלל.

י אַ ד ר ע, די האַרץ פון אַ נוס, אָפט פאַרדאָרבן ווי די האַרץ פון אַ שיינהייט, בעת די שאָלאַכץ פון דרויסן איז פיין און גלאַנציק.

י אָ ו ו ן, אַ מענטש, וואָס פלעגט אין רוסלאַנד עסן די ערגסטע סוכאַרעס, כדי אַז דער פּאָדריאַטשיק זאָל קענען האָבן די פיינסטע מאַרציפּאַנעס.

י א כ ט, מיט וואָס אַ קייזער אַמוזירט זיך, טויטנדיק חיות, ווען ער אַמוזירט זיך נים, טויטנדיק מענטשן.

י א ר מ ע ל ק ע, וואָס פאַרהיט אַ פרומע קאָפּ פון פרישער לופט.

י ו ג נ ט, די צייט פון לערנען האָפן, גלויבן, ליבן און פון טאָן די קלינסטע נאַרישקייטן.

י ו ד נ ט ו ם, היינטיקע צייטן דאָס, וואָס זעט אויס אַלץ מער און מער ווי קריסטנטום.

י ו פּ י ט ע ר, אַ גריכישער גאָט, וואָס האָט געהאַט אַ ווייב און אַ געליבטע.

י ו ר י ס ט ן, אַ קלאַס מענטשן, פון וועלכן איין טייל מאַכט אומפאַרשטענדלאַכע געזעצן און דער צווייטער טייל מאַכט אַ לעבן פון זייער אומפאַרשטענדלאַכקייט.

י ע ס, וואָס פיל אַמעריקאַנער קענען נים אויסריידן צוליב דעם טאַבאַק, וואָס זיי קייען.

כ

כ א ב א ר, וואָס אין רוסלאַנד נעמט אַ מעקלער און אין אַמעריקע אַ סענאַטאָר.

כ אָ ל ע ר א, אַ קריינק, וואָס גרייפט אָן די אָרימע צו־ערשט, נאָכטוענדיק איר ברודער, דעם קריג, און איר שוועסטער־קינד, דער אויסצערונג.

כ א פּ ן, האָבן.

כ א ר א ק ט ע ר, וואָס איז אָפט פאַרשלייערטע עקשנות.

כ ו ש, אַ מדינה, צוליב וועלכער אידישע שרייבער לעגן אוים קוש מיט אַ שין.

כ י ט ר ע, וואָס מיר רופן קלוג.

כ י נ ע ז י ש, אַ לשון, וואָס אַן אייראָפּייער קען זיך אויס־

לערנען, ווען ער האָט די געדולד פון אַ באַרבעער צווישן שכורים, דעם זכרון פון אַ געשמיסענעם חסיד'ישן רבי'ן, און די התמדה פון אַ וואויל־לערנער אין קליין־שס.

כ ל א ב ן , וואָס, אויף אונזער לשון, גוים פלעגן טאָן בשעת זיי פלעגן טרינקען, ווי זיי פלעגן לאָפען בשעת זיי פלעגן עסן און שעקן בשעת זיי פלעגן שלאָפן.

כ ל אָ ר אָ פ אָ ר ם , אַ מיטל צו קענען שניידן אַ לעבעדיקן מענטשן און ער זאָל עס ניט פילן; פּאַת די פעלקער געברויכן די הערשער פּאַטריאָטיזם אַלס כלאָראָפאָרם.

כ ל ה , וואָס אַ מיידל ווערט און מאַכט זיך דערמיט שונאים צווישן די מיידלאַך, אויב דער חתן איז שיין, און צווישן די יונגע לייט, אויב זי אַליין איז שיין.

כ ע ל ע ם , פון וואַנען עס קומען אַלע נאַרן, חוץ די אויס־געבילדעטע און די איינגעבילדעטע.

כ ע ס , אומגערעכט.

ק ר י ס ט ל אַ ך ־ ס אָ צ י א ל , אַ כשר'ער העם־סענדוויטש.

ק ר י ס ט ע נ ט ו ם , אַ אידישע דערפינדונג, פון וועלכער אידן האָבן כסדר געליטן.

כ ש ר , אידישע שפייזן אין רוסלאַנד, אידישע רעסטאָראַנען אין אַמעריקאַ.

ל

ל א ב ו נ ג , אַ טרונק קוואַס שבת בייטאָג נאָכן שלאָף.

ל א ג ע ר ־ ב י ר , זע ביר.

ל אָ ז ן , זיך ניט קענען העלפן: ווען מען לאָזט מ ו ז מען, חוץ אין דעם פאַל פון לאָזן בלוט (מעשה צירולניק).

ל א ט ו ט ע , אַ לאַפּאַצאַן; איינער וואָס לעגט איין רעפאָרם־לאַטע אויף דער אַנדערער און פאַרשטייט ניט, אַז די בעסטע לאַטע קען לאַנג ניט האַלטן, וואו די זאַך גופא איז אינגאַנצן צעפוילט.

ל א ט ק ע ס, א לייכטע אכילה, וואָס לעגט זיך שווער אויפן מאָגן.

ל א כ ן, ערגערן א מרה-שחורה'ניק; פון וואָס מען קען געהיילט ווערן, לייענענדיק געוויסע ענגלישע וויצבלעטער.

ל א נ ד, וואָס דער אויבערשטער האָט באשאפן צוליב בלאָ־טע, רענט, טעקסעס און בהמות, וואָס פיטערן זיך אויפן געמייזאכץ.

ל א פ ק ע, וואָס מען נעמט מיט דער לאפע; זע „כאבאר".

ל א ץ, וואָס א איד באדאַרף אין א בגד צום רייסן קריעה, א פראנט—כדי צו האָבן אן אָרט פאַר א בלום, אן אָרים־בחור—צו האָבן וואָס צו פארגאַווערן ביים עסן.

ל אָ ר ד, אין ענגלאנד א פוסט־און-פאסניק א געבוירענער.

ל אָ ק ש ן, אן אכילה פארן גומען און פארן באָרד.

ל ו ד ע ר, א וואָרט, מיט וועלכן די טייטשן מוזן ווי-עס־איז דורכקומען, ניט האָבנדיק אונזער „נבלה, פאדלע און פגירה".

ל ו ח, וואָס איז וואָס א יאָר אלץ ווייניקער ווערט, ווי א שיינע מיידל.

ל ו ט ע ר, א מאַן, וואָס האָט רעפאָרמירט די קריסטלאָכע רעליגיע, כדי צו קענען נעמען א ווייב, וואָס דאָס איז דער היפך פון אונזער רבינו גרשום, וועלכער האָט רעפאָרמירט די אידישע רעליגיע, ווייל ער האָט ניט געקענט פטור ווערן פון א ווייב,—געהאַט האָט ער עס צווויי, נעבאך!

ל ו מ פ, א שמאַטע, וואָס איז געוואָרן פארעכטלאך זינט מען האָט צו אים גענומען צוגלייכן געוויסע פערזאָנען; דער פאָטער פון פאַפיר, וואָס יענע פערזאָנען באנוצן.

ל ו פ ט, וואָס די נאַטור גיט און די דירה־געלט נעמט אוועק.

ל ו ק ס ו ס, קינדער ביי אן אָרימאַן; א רייכער ניינציק־יאָריקער פאָטער ביי זיינע יורשים; דער אכטער טאָג פסח; דער ניינטער טאָג סוכות, דער צווייטער טאָג שבועות און א סך תעניתים.

ל י ג ן, א זאַך, וואָס אדם הראשון האָט דער ערשטער אריינגעבראַכט אין דער מאָדע און דזשאָרדזש וואשינגטאָן האָט אויסגעבראַכט; וואָס צווישן מאַן און ווייב מוז מען ענטוועדער

זאָגן, כדי ניט צו ליידן, אָדער ליידן כדי ניט צו זאָגן; דאָס, וואָס ליגט ביים קלוגן אפֿן לונג, נאָר אפֿן צונג און ביים בודלער אומעטום; וואָס ביי די קריסטן איז דערלויבט דעם ערשטן אַפּריל און... אַ גאַנץ יאָר; וואָס מען רופט אין דער דיפּלאָמאַטישער שפּראַך: דיפּלאָמאַטיע, לעגענדע אומוואַרהייט, ערדיכטונג, דאָס־וואָס־איז־ניט (סוויפט), ענטעל, קאָמפּלימענט, מולירן, שבחים, צייטונגס־רעפּאָרט וכדומה.

ל י ב ע ר א ל, קומט ניט אַרויס פון די ווערטער „ליבער אַל"־עמען ווי זיך... ער איז גראָד דער היפּך דערפון.

ל י ט װ א ק, אַ איד פון שבט אפרים, וואָס קען ניט אויס־ריידן אַ שין אַנדערש ווי סין; איינער, וואָס דער דייטשער איד רופט אים פּאָלאַק און דער פּאָלאַק — ליטוואַק.

ל י י ב, אַ גוף; ביי די פרומע אידן אַ טרייפע שטיק חלב אַרום דעם הייליקן נשמה־קנייטל; אַ גראָבער יונג, וואָס ווערט גערפיניקט פאַר די זינד פון דער עדעלער נשמה; וואָס רייכע מייד־לאַך פאַרקויפן און אָרימע פאַרדינגען; וואָס ווערט ניט וואָרים פון אַרבע כנפות און ניט זאַט פון תרועות.

ל י י ד ן, ליבן, האַסן.

ל י י ע ן, געבן, ניט ווילנדיק.

ל י י װ נ ט, מיט וואָס דער איד איז פאַרזאָרגט אויף לאחר מאה שנים.

ל י י כ ט, אַלץ וואָס איז ניט שווער, חוץ אַ שוויגער.

ל י כ ט, אַ זאַך, וואָס שטאַרבט פון אויסצערונג, כדי אַן אַנדערן זאָל זיין ליכטיק, אַ שטייגער, ווי דאָס טוט דער אַרבעטער, וואָס גייט אויס בויענדיק אוניווערזיטעטן און קאָרמענדיק פּראָ־פעסאָרן.

ל י נ ק, וואָס איז—אין דעם פּרט פון מאכלים—אפשר טאַקע ניט רעכט, אָבער גוט.

ל י ב ע, אַ וואָרט, וואָס וועט אויספּירלאַך פּאַרטייטשט, דערקלערט און באַשריבן ווערן אין דער נעקסטער אויסגאַבע, ווען דער אַרויסגעבער האָפט צו זיין רייך גענוג צו קענען צולעגן עקס־

טרא דריי־פיר טויזנט זייטן, ענג געדרוקט מיט די קלענסטע אות׳יאַלאַך, וואָס מען קען ערגיץ־וואו געפינען.

ל י פ ן, וואָס די ליבע געברויכט צום קושן, דער האָס צום פלוכן, די אָרים-בחורים צו שמאַקען זיך איבער אַ געבראָטענעם הערינג.

ל ע ב ן, ביי אָרימע לייט אַ פּאָרבאַרייטונג צום אָפּנאַרן די ווערים; ביי קצינים — אַ קאָרטנשפּיל, אין וועלכן דער טרומף איז אַמאָל דאַמע הארץ, אַמאָל קעניג קריג, וועלכער שלאָגט דעם פּויער פּיק,—דעם פּויער מיט דער לאָפּאַטע.

מ

מ אַ ב, זייער עולם.

מ אַ ג אַ ז י ן, אַן אָרט פאַר געוויינטלאַכער סחורה אין דער אַלטער היים און פאַר ליטעראַטור אין אַמעריקאַ: אי דאָ אי דאָרטן מייסטנס שונד.

מ אָ ג ן, אַ קערפּערטייל, נעבאַך, וואָס ליידט סיי פון הונ-געריקייט, סיי פון איבערגעשטאָפּטקייט, בעת די פּולע און די פּוס־טע בייכער—ביידע זאָגן: „איך לייד פון מאָגן".

מ אָ ג ע ר, (פּאַרצייטן) דעם מלמד׳ס באַהעלפער׳ס ברוי־דערל׳ס חלק כפרה האָן ערב יום־כפור.

מ אַ ג ו ו אַ מ פּ, אין אַמעריקאַנער פּאָליטיק איינער, וואָס באַלאַנגט צו קיין פּאַרטיי ניט, מחמת ער וויל ניט קיין בודעל, אָדער מחמת ער קריגט עס ניט.

מ אַ ג י ק ע ר, אַ שוואַרצע קונצן מאַכער, וועמען פרומע גלויבן ניט, בעת ער ווייזט זיי פאַר די אויגן זיינע נסים ונפלאות, הגם זיי גלויבן אין די נסים פון דער תורה, וועלכע זיי זעען ניט, למשל, אין קריעת ים-סוף.

מ אַ ג נ ע ט, וואָס ציט צו שטאָל און אייזן, ניט זייענדיק געגוג קאַפּיטאַליסטיש, כדי צוצוציען גאָלד און זילבער.

מ א ד א ם, א מאָדיסטקע, אַן אַקטריסע, אַ פראַנצויזקע, אָדער (אין אמעריקא) סתם אַ רייכע ניט היגע פרוי.

מ אַ ד י י ר א - ו ו י י ן, ניט פאַר אייך געדאַכט.

מ א ד י ם, איינער, וואָס קערט איבער א וועלט, אָבער קערט ניט אוים א הויז.

מ אָ ד ע ל, דעם מאַלער׳ס נסיון.. ..

מ אָ ד ע, דאָס איינציקע, וואָס גייט קיינמאָל ניט ארוים פון דער מאָדע.

מ א ה אָ מ ע ד, א נביא א פרא־אדם, ווי זיין עלטער־על־טער־עלטער זיידע ישמעאל.

מ א כ ע ר, איינער, וואָס מאַכט קיין זאַך ניט, חוץ געלט; א שווינדלער, א ליִגן, א תקיפֿ.

מ א כ ע ר י י ק ע, (אין געוויסע רעדאַקציעס) א ליד, א געדיכט, א וויץ, א מעשה, א מעשה׳לע, א סקיצע, אַן ארטיקל, אַן אינטערוויו, א קריטיק, א רעצענזיע, אַן עדיטאָריעל, אַן ערנסטער ארטיקל, א לייכטער ארטיקל, אַליץ—חוץ א שונד-ראָמאַן.

מ א ל ע ר, א „פּיינטער", א מענטש, וואָס מאָלט ניט מעל, נאָר בילדער; איינער, וואָס שטאַרבט אָפט פאַר הונגער ביים לעבן און לעבט אויף נאָכן טויט.

מ א מ י ן, איינער פון די וכל מאמינים פונם מחזור; א מענטש, וואָס גלויבט אין אַליץ, וואָס ליגט זיך ניט אויפן שכל, און צווייפלט אין דעם, וואָס ער זעט מיט די אויגן.

מ א נ ע - ק א ש ע, א גרויסער געריכט אין דער ליטע, וואָס פּויזט אייך אָן און זעטיקט ניט.

מ אָ ס, וואָס איבערטרייבער כאַפּן אריבער און קרעמער כאַפּן ארונטער; פון וואָס ווייבער האָבן 9 (מאָס) און מאַנסבילן די איבעריקע 91.

מ א נ ס ב י ל, איינער, וואָס האָט געהאַט דעם שכל ניט געבוירן צו ווערן א ווייבל און האָט קינדער אָן יסורים.

מ א ן, ווייניקער ווי א מענטש ביי זיין ווייב, מער ביי זייטיקע מענטשן.

מ אָ ס ט אָ ר ד, אין אַמעריקאַנער אידיש: אַ זענעפּט־פּלאַס־טער, עפּעס אַזוינס, וואָס ציט אָן און לאָזט איבער אַ רויטקייט, אַ שטיינער, ווי אַ שונד־דראַמאַן.

מ אָ ס ק ו ו ע, אַמאָל די צווייטע רוסישע הויפּטשטאָט, היינט די ערשטע, איינציגן די הויפּטשטאָט פון דער וועלט.

מ ב י ן, אויף חזנים אַ ווילנער, אויף רעדנער אַ ניו־יאָרקער, אויף ברויט אַן אָרים־בחור, אויף קישקעלאַך אַ שוחט'יכע, אויף מילך אַ קאַץ, אויף קינדער אַ בעזדיעטניק, אויף אַלץ אַ דייטשער יהודי.

מ ב ק ר ־ ח ו ל ה ז י י ן, גיין זען ווי לאַנג דער רייכער פּעטער קען נאָך לעבן.

מ ג ן ־ ד ו ד, אַ אידישער צלם אויף די רעפאָרמירטע קלויזן; אַ טרפה ביי אַסימילאַנטן.

מ ד ב ר, אַ ווילדערניש, וואו אונזערע אבות האָבן צוגע־בראַכט 40 יאָר, וואָס דאָס איז נאָך ניכר אויף אונז עד היום.

מ ה ו מ ה, אַמאָל: אַ דעבאַטע אינם עסטרייכישן פּאַרלאַ־מענט.

מ ו ז י ק, ארום וואָס מבינים ריידן בעת אַנדערע ווילן הערן וואָס מען שפּילט.

מ ו ט, וואָס דער איד האָט... צווישן אידן.

מ ו ט ע ר, טעאָרעטיש: זייער אַ טייערע פּערזאָן.

מ ו ט ע ר ש פּ ר אַ ך, מיט וואָס דער איד שעמט זיך, בעת זיין מוטערשפּראַך שעמט זיך מיט אים.

מ ז ל, וואָס דער אָרימאַן באַדאַרף און דער רייכער האָט.

מ ח ב ר, נעבאַך אַן אביון.

מ ח ז ו ר, אַ ספר פול מיט צעקאַליעטשעטער עברי.

מ ח י ה, אַ פּעטער צימעס נאָך אַ גוטן מה־יפית.

מ י ס ט ע ר, וואָס אַ גרינע רופט איר מאַן, אַ שטיינער: „מיין מיסטער"—ווען ער איז ניט דערביי.

מ י ס ט ק אַ ס ט ן, אַ ווינקל הינטערן טיר אין שטוב, ניט דאָ געדאַכט.

מ י ש מ א ש, דער תיקון־שבועות.

מ כ ו ל ה, אין בערלינער טייטש א באַנקראָט.

מ ל ב ו ש, א שבת'דיקע קאַפּאָטע, וואָס ווערט נים אויס־געטראָגן, נאָר צעגעסן פון מאָיל (מאָט).

מ ל כ ו ת, א געקרוינטער ראקעפעלער.

מ ל ק ו ת, כלומר'שט שמיץ.

מ מ ש ו ת, וואָס (ביי אונז) קיין זאַך האָט ניט, חוץ בודעל, בלאָף און בייזבאָל.

מ ע ב ל, זאכן צום נוצן, צום שטיין אין וועג און כדי ווייבער זאָלן האָבן וואָס צו „דאָסטן".

מ ע ד א ל, וואָס איינער קריגט פאַרן ראטעווען פון טויט און אן אנדערער פאַרן באפרייען פון לעבן.

מ ע ד י צ י ן, א זאַך, וואָס העלפט דעם דאָקטאָר, דעם אפּטייקער און אַמאָל אפילו דעם חולה.

מ ע ל, מיט וואָס מען קאַלכט א בעקער.

מ ע ל ד ן, מיט וואָס מען הויבט אָן א אידישן בריוו און וואָס שפּילט א הויפּט־ראָלע אין אָקשאָן־פּינאָקל.

מ ע ס ע ר ל, א וויכטיקער טייל פון א ישיבה־בחור.

מ צ ר י ם, א לאַנד, וואו אידישע אַרבעטער זיינען אמאָל געזעסן איבער א טאָפּ פליייש.

מ ק ר א ד ר ד ק י, כלומר'שט א מלמד.

מ ר ש ע ת, א שנור, וואָס איז קליגער פאַר דער שוויגער.

מ ש ו ג ע, איינער, וואָס קלערט וועגן זאכן, וואָס ברייגגען ניט איין קיין געלט; א בייערישער קעניג און א דייטשער קייזער (אמאָל).

מ ת נ ה, א פרומען אידנ'ס א פּאַטש פאַר א פרעמדן זינדיקן אינגל.

נ

נ א ב א ר, א קוואל פון טרערן אין אמאליקע יארן ביי אידן.

נ א ג ל, א זאך, וואס וואקסט אויף להכעיס ווי א שטיף-קינד.

נ א ד ל, די אידישע הויפט־פרנסה; פון וואס א הון ווערט טריף און א באס פעט.

נ א נ ט, משיח'ס קומען אלע פרימארגן ביים דאווענען.

נ א ו ו י נ ע, א פוטערקוכן פאר א געזונטן אין סלאבאד-קער ארימען קווארטאל.

נ א ז, אונטער וואס די פראנצויזן רעדן; וואס מען רוקט אין פרעמדע עסקים; וואס ווערט רויט, זיך שעמנדיק פארן שכור; וואס קריגט קאטער, ווען מען פארקילט זיך; וואס פארנוצט מער טיכלאך ווי יעדער אנדער גליד; א שמעקער, וואס ניעזט און בלאזט זיך; אן אומגליק פאר א אידן, וואס וויל, נעבאך, אויסזען ווי א גוי.

נ א ך ־ נ א ך, וואס דער פיאווקע'ס טעבטער, אמעריקאנער פאליטישענס און זייערס־גלייכן שרייען.

נ א מ ע ן, א זאך, וואס אפילו אן ארימאן קען זיך פארגי-נען צו האבן; וואס א איד בייט איבער אין א קריינק, אדער ווען ער קומט קיין אמעריקא; וואס אדם הראשון האט גענעבן אלעמען, חוץ זיך אליין; פון וואס יתרו האט געהאט זיבן און משה צען; וואס ווערט ביי קעניגן, קיסרים און רוימישע פאפסטן נומערירט, ביים רבונו של עולם פארשוויינן, אין טורמע פארשווארצט; וואס ווערט געשריבן אין ראשי תיבות ביי אידישע גאונים (למשל: ר"שי, מהרש"א) און ביי פרעה'ס מכות (דצ"ך, עד"ש, באח"ב); וואס מחברים גיבן אפט זייערע ביכער, כדי מען זאל ניט טרעפן וואס אין זיי שטייט; וואס יעקב אבינו האט געענדערט נאך זיין קאמף מיטן מלאך און א סך אייניקלאך זיינע נאכן שמד; וואס א דינסט-מיידל אין ענגלאנד טאר ניט האבן, אויב דאס איז איר בעל-הבית'-טעס נאמען; וואס פיל אמעריקאנער שטעט האלטן בסוד; פון וואס ביי א טורמעניק ווערט א נומער און איבערגעביטן ביי אן ענג-לישן לארד; וואס ביי אידן קומט פון חיות (בער, לייב, הירש,

וואָלף), פון בהמות (שעפסל, רחל), פון עופות (הינדל, טייבל, פייגל), פון פלאַנצן (רויזע, בלומע, צמח, שושנה), פון הארצן (לי־בע, דאָברע, פרומע), פון בראנפן (שמחה, ישכר), פונם חורבן (בן־ציון, בן־יקיר), פון שלים־מזל (אַלטער, אַלטע), פון שאָטן (בצלאל), פון וואסער (משה, פישל), פון מינעראַלן (פערל), פון מויל (ליפ־מאַן), פון דעם מאָנארכיסטישן פרינציפּ (מלך, מלכה), פון פאַר־קרימעניש (נפתלי), פון געריכט (דן), פון גריכיש (טודרוס־טעאָדאָ־ראָס, קלמן־קלעמענס, קלונימוס־קאַלאָנימאָס), פון לאַטייניש (בו נים־באָנום), פון מיטאָלאָגיע (פייבוש—שרגא־פייבוש—פעבוס, גאָט פון ליכט), פון טרייסטן (מנחם, נחום, נחמן, נחמיה), פון מלחמה (שלום), פון די צדוקים (צדוק), פון גבורה (יחזקאל—חאצקעל).

נ א ס ק י י ט , די הויפּט־אייגנשאַפט פון קוואַס.

נ א ק ע ט , וואָס מען לאָזט ביי אידן ניט גיין אַ ספר־תורה.

נ א ר , אַ גוטער מענטש; איינער, וואָס ווייסט ניט ווי גוט אים איז; וואָס מען רופט איינעם וואָס קען קיינעם ניט אָפּנאַרן; וואָס זאָגט דעם אמת און קריגט דערפאַר געשלאָגן; וואָס קען ניט פאַרליידן קיין פרעמדע עולה; וואָס גלויבט, אַז אַלע זיינען אַזוי ערלאַך ווי ער; וואָס קריגט געוויינטלאַך אַ קלוגע ווייב; ווי אַ גע־לערנטער זעט אויס אויף דער בערזע; דער גרויסער פּויק און די באַנדורע אינם אָרקעסטער; אַן ארבעטער; אַ חריף צווישן בעלי־עגלות; יעדער טאַטע פון דעם ערשטן קינד; אַן אינדיק בשעת ער בלאָזט זיך; אַ פּאָליטישן, וואָס שטאַרבט אַן אָרימאַן; אַ פאַרליב־טער; אַ זאָגער פאַר ווייבער בשעת ער שטייט אין טון; איינער, וואָס מיינט, אַז מען דאַרף זיין פרום צו ווערן אַ רב אין אַמעריקאַ; ווי אַ מענטש זעט אויס, ווען זיין שוויגער קומט צו פאָרן; איינער, וואָס קען לייכט באַטריגן מיט זיין ערלאַכן פנים; דער וואָס איז דעם ערשטן מאָל אַן עדות אין געריכט; איך.

נ א ש ע ר , אַ ווילנער.

נ ב ו א ה , אַ זאַך, וואָס איז לייכטער צו זאָגן ווי צו גלויבן; אין אַמעריקאַנער שלעכטע געוואוינהייט.

נ ב י א, פארצייטן א האלבער נאר, היינט א גאנצער.

נ ג י ד, (ביים ארים־בחור) איינער, וואס וואשט ניט אליין זיין פאציילקע אין מרחץ.

נ ד ב ה, וואס דער אויבערשטער הייסט געבן זיי, וועמען ער אליין גיט גארנישט. (ער, כביכול, פלעגט יונה דער מלוה זאגן, איז א בעל צדקה אויף פרעמדע קעשענעס).

נ ד ן, אן וואס א מיידל איז ווי אן א האנט.

נ ח ת, וואס מען האט פון קינדער איידער זיי וואקסן אויף; וואס דער פרומער קלייבט און דער רייכער האט.

נ ו י ט, וואס ברעכט אייזן; צוליב וואס מען עסט וויים־ברויט,—סוודן מען לייגט די ציינער אויף דער פאליצע; וואס, ביי די רוסן, שפרינגט און טאנצט און זינגט לידעלאך.

נ ו ל, א זאך, פוסט ווי די לאך פון אן אויפגעגעסענעם בייגל און שפילט א ראלע הינטער א ציפער.

נ ו מ ע ר, אן וואס מען דערקענט א היגע גאס, א הויז, א קאנדוקטאר, א וואגן, א פאליציי‌סקן, א טורמעניק, א „סיט“ אין שול, אין טעאטער א. א. וו.

נ ו ס, א הארטע זאך צום קנאקן מיט א צווייפלהאפטער יאדרע אינעווייניק, א שטייגער, ווי א הארבער פלפול.

נ ו ץ, דער היפך פון לוקסוס, א שטייגער, א חיי אדם לגבי א קב הישר אין שטוב.

נ ח מ ה, וואס א איד דערלעבט, ווען זיין קאנקורענט באנ־קראטירט.

נ י ט, א ווארט, וואס די זעצערס האבן א טבע ארויסצולאזן.

נ י ק א ל א י (דער בעל מופת), א גוי'ישער ר' מאיר בעל־הנס.

נ ע ל ם, איינער, וואס איז ניט צוגעשריבן צו קיין שום פארטיי — אין אמעריקא.

נ פ ש, א גארנישט א איד.

נ ק מ ה, א פריווילעגיע פונם רבונו של עולם, שטערבלאכע מענטשן טארן עס ניט פראקטיצירן.

נ ש מ ה, היינטיקע צייטן: אַ האַרץ, אַ מוח, אַ געדאַנק און אַלץ וואָס איר ווילט, חוץ אַ זעלע.

נ ב ל ה, דער גוף פון אַ טויטער בהמה, אָדער פון אַ לעבע־דיקן פוילן מענטשן.

ס

ס א ד ל ע, אַ אידישע טאָכטער (אין דער ליטע), וואָס האַלט אַ ליכט ניט צווישן צוויי פינגער, נאָר מיט דער גאַנצער האַנט; זע „שמאַדעלניצע"; אַ סאַדלע קען אויך זיין אַ איד.

ס אַ ל ד אַ ט, אַ גערונגענער, געצוואונגענער, אָדער פרייוויליקער מענטשן-שוחט.

ס אַ מ אָ ו ו אַ ר, אַ כלי, וואָס ברענט אינעווייניק און מאַכט קאָכן אַרום זיך, ווי אַ יונגער ענטוזיאַסט, וואָס ווערט אויך ווי דער סאַמאָוואַר גיך אָפּגעקילט.

ס אַ נ י נ י ז ם, פאַרגליווערטע פרייע ליבע; אַן אינטער־מעצאָ־שפּיל אין רוסלאַנד צווישן די רעוואָלוציעס פון 1905 און 1917.

ס אַ פ אָ, אַ גריכישע דיכטערין, וואָס האָט געלעבט אַרום דער צייט פון חורבן בית ראשון און זאָל האָבן אַראָפּגעשפּרונגען פון אַ הויכן פעלז דורך אַן אומגליקלאַכער ליבע.—זי האָט ניט באַלאַנגט צו י. ל. פּרץ שרייבער פאַראיין.

ס אָ ר ט י ר ע ר, איינער וואָס קען אויסקלייבן פון פרעה'ס צען מכות די בעסטע.

ס אַ ש אַ, אַ אידישער פידלער, וואָס הייסט ניט מישאַ, טאָשאַ, יאַשאַ אָדער אַליאָשאַ.

ס ג ו ל ה, אַ שבועות'דיקע פּאַמפּושקע צו אַן איינגעשני־טענעם פינגער.

ס ד ו ם, אַ שטאָט, וואָס איז צעשמערט געוואָרן פון אַ וואולקאַן און איז ניט געווען פאַרזיכערט אין אַן אַסעקוראַנץ (אינשורענס) געזעלשאַפט.

ס ו ד , וואס א אידינע קען האלטן כל זמן עס איז פאר איר אליין אויך א סוד.

ס ו פ ל י א ר , א מענטש אין אידישן טעאטער, ווענען דער עולם זעט ניט, אדער הערט אמאל בעסער ווי די אקטיארן.

ס י ג א ר ע ט , א סחורה, וואס גייט אוועק מיטן רויך.

ס י ט י ז נ ע ר , א גאנצער יא-טעבע־דאם ארום עלעקשאן־צייט; א קרוב פון דעם קארפענטער, פיינטער און ליסטער.

ס ל ו פ , איינער, אויף ווענען עס האלט זיך דער גאנצער קהילה־בנין; א פרנס חודש, א גבאי ראשון, כמעט א אידישער קליוטשוואיט.

ס כ נ ת נ פ ש ו ת , עסן—אין א תענית—פארן דאווענען — אן א היטל — טרפות — געקויפט אום שבת — אום שבת געקאכטע.

ס ם , מיט אמאל — גיפט, בּיסלאכווייז — מעדיצין: יש אומרים טאקע אויך גיפט.

ס מ א ל , דער שטן, דער מקטרג אויף אידן, ביי ווענען די אנטיסעמיטן האבן צוגענומען זיין דזשאב, וואו ער זעט זיך נאך פארט ער אין א „פארד".

ס פ י ר ה , וואס פרומאקעס ציילן און די אפיקורסים ציילן ניט איבער, זיך פארלאזנדיק אויף די גאטספארכטיקע ציילער, א שטייגער : מסתמא שטימט דער חשבון.

ס ר ס ר , א שדכן פאר סוחרים און סחורות; איינער וואס ברענגט צונויף א בארג מיט א בארג—אויב ער קען.

ע

ע ב ר , די פארגאנגענע צייט—פון זופיצעס מיט שטריימע־לאך; פון נסים ונפלאות; פון שדים און רוחות; פון נביאים און נביאות, — פון אלץ חוץ...

ע ג ל ה ע ר ו פ ה , א קאלב, וואס ברעכט האלז און גניק, כדי צו באווייזן, אז מענטשן האבן דערמארדעט א מענטשן: דער

שעיר לעזאזל איז אירער א שוועסטער־קינד, און די פרה אדומה— א לייבלאכע מומע.

ע ד ן, זע גן־עדן.

ע ב ד י ם ה י י נ ו, א תירוץ אויף אלע קשיות, חוץ: ואם תאמר מה נאכל?

ע ב ד כ נ ע נ י, א פּרעסער׳ס אַסיסטענט אין א סוועט־שאפּ, נאַר־וואָס אריבערגעקומען פון יענער זייט ים.

ע ב ו ר - י אָ ר, א שלעכטער יאָר פאר מלמדים, 12 חדשים הכנסה און 13 חדשים הוצאה.

ע ב ר י ־ ט י י ט ש, אידיש, וואָס מען רעדט, אָבער מען שרייבט ניט; „מאַכט דער טייטש“—דער עברי־טייטש, ווייט פון בערלין.

ע ג ו נ ה, א אידינע, וואָס איז אומגליקלאך אָדער גליקלאך געננג צו האָבן אַן אנטלאָפענעם מאַן.

ע ד ו ת, א מענטש, וואָס שווערט פאַלש אין געריבט 9 מאָל פון 10.

ע ו ב ר - ב ט ל, פּרעזידענט ווילסאָן און די מערסטע גע־וועזענע מענטשן.

ע ו ל ם - ה ז ה, א געבראָטענע קאטשקע, געפּרעגעלט אין פּוטער, אויף א געזונטן מאָגן, אין א מיטן מיטוואָך, אָן דאגות פרנסה, בעת עס שטאַרבן בלויז אָרימע לייט.

ע ו נ ג ־ ש ב ת, א פעטער קוגל, זמירות, א האַלב־שעה שלאָף, ווען אפילו סמבטיון רוט און די ווייב שילט ניט, און די קינדער לאָזן שלאָפן און חובות צאָלט מען ניט.

ע ז ו ת ־ פּ נ י ם, איינער וואָס שטעלט זיך קעגן דעם רב, הערט ניט דעם מגיד, מאַכט חוזק פון דעם חזן, און פּאַטשט דעם שמש.

ע ל - ח ט א, וואָס איך פלעג זאָגן צו זיבן יאָר, זיך קלאַפּנ־דיק אין הארצן אויף „בועידת זנות“ און אנדערע אַזעלכע עבירות.

ע ל ע נ ב ו י נ ן, וואו א איד פלעגט קושן דעם פּריץ מיט „א קריינק דיר אין מוח, פאַן!“

ע ס־ה א ר ץ, איינער, וואָס זינדיקט ניט וויסנדיק, אַז מען טאָר ניט,—ניט ווי די לומדים.

ע מ ע ר, טייטשט דער ישוב'ניק: „קול מבשר, מבשר ואומר"—אַ כלי מיט וואסער, מיט וואסער אַן עמער.

ע צ ה, וואָס מען האָט האַלד צו געבן און פיינט צו נעמען; וואָס מען גיט צו ווייזן, ווי קלוג מען איז, און מען נעמט ניט צו פאָלגן.

ע ק, אַ נאָכשלעפעניש ביי אַ בהמה און אַ חיה, וואָס דער מענטש האָט אמאָל געהאט און האָט עס אָפגעזעסן, אָבער ניט ווי אַ יאָר טורמע.

ע פ ע נ ע ן (אַן אָדער), וואָס אמאָל פלעגן טאָן צירולניקעס און היינט בלויז גענעראַלן און פאָלקאָווניקעס.

ע ק ש ן, אַן איינגעשפּאַרטער מענטש, ווען ער איז געגן אונז; אַ מענטש מיט כאַראַקטער, בעת ער איז אויף אונזער זייט.

ע ר ל, אַ גוי, וואָס נעמט אַראָפּ די לייכטער און באַדינט אונז אום שבת, און פאַרשטייט אידיש, ווען מען רעדט וועגן אים.

פּ

פּ א ד ל ע, זע נבלה.

פּ אָ ז ע, אַ שטעל מעשה אַקטיאָר, פאַרשטייט איר מיך!

פּ אָ ט י י ט ע, אַ בולבע אין אַמעריקאַנער אידישן אידיש.

פּ א ט ר א ו ו ע, אַ געריכט אין פּוילישן אידישן אידיש.

פּ אָ מ א ד ע, אַ מיטל צו קריגן פרי גרויע האָר.

פּ א מ ו נ י צ ע, דעם געגנער'ס אַרגומענטן.

פּ אָ פּ ו ג א י, איינער וואָס ווייסט ניט וואָס ער רעדט, ניט זייענדיק ניט שכור, ניט חסר דעה.

פּ אָ ק ן א ו ן מ אָ ז ל ע ן, ווען אַ קינד פירט אויס יעדן קאַפּריז.

פּ א ר א ב אָ ק, ביי די פּריצים אַ באָק, וואָס איז באַהאַנדלט געוואָרן ערגער ווי אַ הונט.

פ א ר ו ד א ו ו א י !, וואָס מען הערט אין א רוסישער שוויצבאָד און אין א אַמעריקאַנישן וואַל־קאַמפּיין: „האָט עיר" אי דאָ אי דאָרטן.

פ א ר ש ו י ן, א פּערזאָן; פון דער פאַמיליע פון „צוויי זילבן!" (פאַר צוויי פאַרשוין!)

פ ו ב ל י ק ו ם, אין טעאַטער די מענטשן לגבי די אַק־טיאָרן: „ווערטעס, געערטעס פּובליקום" אין די אויגן און „די משה'ס" אונטער די אויגן. — די צייטונגס־שרייבער אינם פּוב־ליקום זיינען די „טיי־טרינקער".

פ ו ז ע, א רייכנ'ס בויך, וואָס שטאָפּט זיך ביז עס פּלאַצט.

פ ו ך, ווייכע פעדערן פאַר איידעלע קערפּערס, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט גראָבע פּוזעס.

פ ו ל, וואָס אַן אָרים־בחור וואָלט באַדאַרפט אין אַמעריקע, כדי צו האָבן אין די זיבן טעג פון דער וואָך אַכט טעג צו עסן.

פ ו ס ט ע ר, א מענטש, וואָס זיין קאָפּ איז פול מיט פוסטקייט: א באַנדורע אָן סטרונעס און אָן א סמיטשיק.

פ ו ץ, פאַר וואָס ווייבער האָרעווען און דאַמען לעבן.

פ ו ר י ם, א יום־טוב און ניט קיין יום־טוב. מען מעג עפּעס אַלץ... ווי קומט צו אידן אַזאַ טאָג?

פ י ־ ת מ י ד, אַן אַנטי־פּראָהיבישאָן געזעלשאַפט.

פ ע ס ט, א נודניק.

פ ע ק־ צ ר ו ת, ניט שווער, ווען יענער שלעפּט זיי.

פ ר ו ש, איינער, וואָס לעבט געשידן פון זיין ווייב, כדי צו לערנען תורה, און טראַכט (מסתמא) וועגן אַנדערע ווייבער.

פ

פ א ב ל, א מין דיכטונג, וואָס פאַרשפּרייט ליגנס וועגן דעם, אַז דער ערלאַכער עזל איז א נאַר; אַז די חיה רעה לייב איז א קיניג,

אָדער אַז דער רויב-פויגל אָדלער איז דער מלך פון פליענדיקע ברואים.

פ א ג, א ספּעציעלע מכת־חושך פאַר לאָנדאָן, וועלכע מען קען ממש פילן, ווי אין פּסוק שטייט: „וימש חושך“.

פ אַ ד י ם, וואָס מען קושט אין ארבע כנפות; וואָס קען זיין כשר אָבער ניט טריף.

פ אַ י אַ נ ס, וואָס מען ברעכט לטובת המסחר, און מען ברויכט אויף להכעים די שכנים.

פ אַ ך, אַ פּראָפעסיע, וואָס עס האָט אַ איד אַ מלמד, וועל־כער איז בין מנחה למעריב אַ למדן; און דאַוונט שחריתים אַרום ימים-נוראים; און העלפט זיין ווייב שפּינען ציצית; און שאַרפט חלפים פאַרן שוחט; און מעלקט די ציג; און טראָגט וואַסער פון טייך; און דאַוונט ביי אַ רייכן אבל צום מנין; און קלייבט פאַר פסח מעות חטים; און פּאַסט אויף אויפן נר־תמיד אין קלויז; און איז אַ סאַרווער ביי אַ חתונה; און לערנט אויס אַ אינגל פון אַ בעלי-בתי'שער הויז אַ דרשה צו בר־מצוה; און העלפט שטויסן מצה; און מאַכט דעם עירוב אין שטאָט; און זאָגט תהלים ביי אַ גוסס; און שרייבט מזוזות און קמיעות; און גיסט דריידלאַך אויף חנוכה; און מאַכט גראַגערלאַך אויף פּורים; און וועקט צו סליחות; און איז דאָ ביים מעסטן פעלד, חוץ וואָס ער איז סתם אַ נוצלאַכער מענטש.

פ אַ ל ד, וואָס מען מאַכט אַ אינגל פון דער ליטע אויף דער קאַפּאָטקע צום אויסוואַקסן.

פ אַ ל י ק ע, חולי נופלים אין דערהיים אַמאָל, דאָ איצט מסתמא: פאַלנדיקע, פאַלעדיקע, פאַליקדיקע א. א. וו.

פ אַ נ אַ ט י ק ע ר, איינער, וואָס איז פאַרקאַכט אין זאַכן, וועלכע אינטערעסירן אונז ניט.

פ אַ ס ט ן, זע תענית.

פ אַ צ י י ל ק ע, וואָס אַ איד טאָר ניט טראָגן אום שבת, און פוילט זיך מיטצונעמען אין מיטן וואָך, ווען ער טראָגט אַן אַלטע קאַפּאָטע און קען באַנוצן פאַרן נאָז אַן אַרבל.

פ אַ ק ל, וואָס מען דאַרף אין לאָנדאָן אין אַ פאָג, כדי אַרי־בערצוגיין אַ גאַס.

פ אַ ר ט ו ך, וואָס אַ אידינע דאַרף צום פאַרהיטן די קלייד, צום וויינען, צום ווישן דעם נאָז, צו טראָגן אַ טוץ אייער, צו פאַר־שטעלן דעם פּנים, צום אָפּשטויבן מעבל און צו אַנדערע זאַכן.

פ י ג ו ר, אַ ציפער; אַ מאָדעל פון האָלץ צום מאַכן קליידער פאַר פלעקער, פלאַקענטעס און מענטשן.

פ י ד ל, (פ י ד ל ע ר), אויף אידישע חתונות אַן אינ־סטרומענט צו מאַכן וויינען מער ווי לאַכן.

פ י ז י ק ע, „נאָ שטאָ מניע?"—פרעגט דער גראָבער יונג.

פ י ל ן, אָנפילן, ווערט היינט אויסגעלייגט ווי פילן (פיהלן) און פילע (פיעלע), לויט דער מאָדערנער אויסלייגאַכץ.

פ י נ ס ט ע ר, זע פענסטער.

פ י ס, אויף וואָס אַ מענטש און אַ בהמה שטייען און גייען; וואָס פערזן, טישן, בענק, שטולן, עופות האָבן; „פיש" אין דער ליטע.

פ ע ז, אַ רויטע טערקישע יאַרמאַלקע, וואָס זיי האָבן פאַר־געסן צו פאַרבאָטן אין אַמעריקאַ. (1919)

פ ע ט ס, ניט געפּרעגלטע שמאַלץ פון אַ רייכער קצב'טע.

פ ע י ר, אַן ענגלישער וואָרט, וואָס באַטייט: שיין, בלאָנד, יושר'דיק, רעכט, אַ יאַר-מאַרק.

פ ע כ ע ר, מיט וואָס דאַמען קילן זיך און ווערן ניט אָפּ־געקילט, ווייל דעם פעכער באַדאַרפן זיי אינעווייניק, ניט פון דרויסן.

פ ע ל ד, וואָס אידן מעסטן און גוים באַארבעטן.

פ ע נ ס ט ע ר, אַ געגנער צו פינסטער.

פ ע ר ד, אַ בהמה שטאָלץ אויף איר חלק אין גרויסע מלחמות צווישן גרויסע גענעראַלן; אַ מיוחס אין רייסעס, וואו זיין שלשלת היוחסין איז באַקאַנט ביזן דריטן און פערטן דור—אַרויפ־צוצו; וואָס גייט, פונדעסטוועגן, אין געשפּאַן און לאָזט זיך שמייסן, ווי אַמאָל אַ ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט.

פ ר אָ ש, פרעה'ס צווייטע מכה.

פ ר י י נ ט, איינער, וואס בארגט ביי אייך געלט; עסט ביי אייער טיש; שלאפט אין אייער בעט (ניט אלעמאל אליין); טוט אייך א טובה פון לייטנ'ס וועגן, אדער ווייל דאס באצאלט זיך אים; און טוט אייך א רעה, ווייל ער איז, אין גרונט הארצן, אייך א שונא פאר דער טובה, וואס איר האט אים געטאן; איינער, וואס געפינט זיך אויף אלע אייערע שמחות און וועט אויך קומען אויף אייער לויה.

פ ר י י ד, זע שמחה.

פ ר י י ה י י ט, א זאך, וואס מען נעמט זיך, אויב מען וויל עס האבן; וואס מען קריגט פון קעניגן שווערער ווי א צאן זיי פון מויל; וואס די באסעס גיבן אייך צום סקעבן, אדער צו קרעפירן פאר הונגער.

פ ר י י ז י נ י ק ע ר, א פאליטישע פארטיי אין דייטש-לאנד, וועמעס מיטגלידער האבן ניט קיין זין פאר פרייהייט.

(1889).

צ

צ א ל, איין גאט; צוויי פורימ'ס (פורים און שושן-פורים), צוויי ברידער (קין און הבל), צוויי תורות (שבכתב ושבעל פה); דריי אבות; שלש רגלים; דריי מצות צום סדר; פיר מאמעס (שרה, רבקה, רחל, לאה); פינף חומשים; זעקס סדרים (משניות); זעקס וואכנטעג; זיבן מיט שבת; אכט טעג פסח; ניין טעג סוכות; ניין חדשים ביי דער מאמען אין בויך; צען פרעה'ס מכות, המנ'ס זין, משה'ת נעמען, עשרת הדברות; צוועלף שבטים; צוועלף חדשים אין יאר; דרייצן אין אן עבור-יאר; דרייצן עיקרים; אכצן (ח"י) גדולים; שמונה-עשרה ברכות; פיר און צוואנציק שעה אין טאג; דרייסיק טעג אן אבל; ניין און דרייסיק מלקות; ניין און פערציק שערי טומאה; 248 אברים; 365 אדערן; תרי"ג מצוות; טויזנט יאר אין דעם רבונו של עולמ'ס טאג א. א. וו.

צ א פ, ביי מיידלאך, כינעזן (אמאל) און נזירים—א באווייז, אז זיי האבן א קאפ.

צ א צ ק ע, א רייכן מאַנ׳ס איידים, וואָס נעמט אָפּ די נדן און אנטלויפט א וואָך נאָך דער חתונה, זיך אויסלאַכנדיק פונם שווער און פון דער ווייב.

צ ב ו ע׳ י א ק, איינער, וואָס מאַכט א מוציא אויף א העם־סענדוויטש.

צ ד ק ה, דער שטעקל פון דער בארנע, וואָס איר עסט אויף, פאַר אָרימע לייט.

צ ו ר ת־ מ ט ב ע, וואָס געוויסע אידישע פרומאַקעס וויסן כלומר׳שט ניט...

צ י ב ע ל ע, א מיטל צו מאַכן טרערן אין א מלוה׳ס אויגן בעת ער זאָגט על חטא.

צ י ג ל, א זאַך, ווי משה רבנו׳ס סנה, וואָס ברענט און ווערט ניט פאַרברענט,—איידער עס ווערט פאַרטיק.

צ י ט ע ר ן, וואָס א פיש אין וואַסער טוט ארום ימים־נוראים צייט.

צ י י נ ע ר, וואָס מען קען היינט אין אמת׳ן לייגן אויף דער פּאַליצע אפילו זאַטערהייט.

צ ל ם, וואָס די אידיש־קריסטלאַכע רעפאָרמירטע שבת־זונטיקדיקע סינאַגאָגן קענען זיך נעבאַך ניט פארגינען.

צ ע ר ב ע ל י ח י י ם, רחמנות האָבן אויף פרייסלאַך און מאָיל און א כפּרה די ריינקייט.

צ ר ו ת צ ר ו ר ו ת, א אידישער אָרימאַן—ליידט פון אויס־צערונג—אין א לאַנד ווי רומעניע—ווינטערצייט.

צ י ר ו ל נ י ק, כמעט א דאָקטאָר.

ק

ק א ו ו ע, אידישע ציקאָריע אין א בלעכן פענדל, מיט א טעם ווי מיינע צרות.

ק א ז נ א, אמאָל אין רוסלאַנד גנבה, גזלה און רציחה אונ־טער א צווייקעפּיקן אָדלער.

קאַטאָוועס, וואָס מען מאַכט ניט מיטן מלאך המות, און מען טרייבט ניט מיט קהל.

קאַלוואַריע, פון וואַנען עס קומט די בארימטע קאַל־וואַריער דייטש

קאַלעקאַטקע, פאַר וואָס מען ציטערט אין קבר.

קאַמיזעלקע, פון וואַנען עס הענגען אַרויס די ציצית ביים מלמד.

קאַסע, אַ זאַך, וואָס ליידט אָפט פון אויסצערונג און אַמאָל פון אַן עין־הרע.

קאַפּע, אין אַמעריקאַ אַ פּלאַץ, וואו מען קען קריגן אַלץ, חוץ קאַווע.

קאַץ, אַ מיניאַטיורנער, שוואַכינקער טיגערל, אָבער פון דער משפחה.

קאָרטן, אויף וואָס אַ טייל פון דעם אידישן לעבן גייט אוועק און אַ סך פון דעם אידנ'ס געלט.

קאַשע, מיט באַטשווינע, מיט בולבעס, מיט שמאַלץ — וואו בעסער ווי אייריש סטיו!

קוואַס, אין רוסישע דערפער במעט שאַמפּאַניער.

קוויק לאַנטש, אַן אַמעריקאַנער דערפינדונג, פון וועלכער מאַגן־ספּעציאַליסטן מאַכן אַ לעבן.

קוואַרטעט, די פיר בנים פון דער הגדה.

קברן, איינער, וואָס מאַכט אַ לעבן פון טויט.

קוס, אַן אַלטער גוטער וואָרט, וואָס איז מאָדערניזירט געוואָרן אויף „קוש“, כדי אָפּצוטאָן להכעיס די טייטשן, די ליט־ווישע אידן און זייערע מיידלאַך.

קורירן, וואָס אַ דאָקטאָר טוט ניט פאַר זיין פאַמיליע, מחמת זיך קען ער.

קינד, אַ קליינער מענטש, ניט אַ מלאכ'ל און ניט אַ טייוועלע, נאָר אַ מענטש אין אַ קליינעם פאָרמאַט, מיט אַלע מעלות און חסרונות פון אַ דערוואַקסענעם מענטשן; איינער, וואָס ליידט אַמאָל מער פון אַ טאַטנ'ס בייזן קוק, ווי פון זיין פּאַטש; פון דער

מאַמע'ס קיינמאָל ניט אויסגעפירטע סטראַשונקעס, ווי פון אירע קולות, וואָס ער לערנט זיך באַלד אויס צו פאַראַכטן; אַ קליין מענטשעלע—פון אַ יאָר ביז 13—וואָס וויל ווערן נעאַכטעט און וואָס פילט שטאַרק, אויב מען רעספעקטירט ניט זיין פערזאָן, זיין וואונש, ווען מען ענטפערט אים ניט גלייך אויף אַ פראַגע, ווען מען באַהאַנדלט אים גראָב, ווען מען לאָזט אים איבערפרעגן אַ זאַך צען מאָל איידער מען רופט זיך אָפּ; וואָס פאַרצייט ניט אַ מסירה, אַ דיסקוסיע וועגן אים פאַר פרעמדע מענטשן, ווען מען איז אים מבייש; אַ קליין מענטשעלע, וואָס ווייסט אָפט בעסער ווי די עלטערן, וואָס זיין מאָגן קען פאַרדייען און וואָס איז קעגן געפיטערט ווערן איבער גוואַלד.—דאָס אַלץ גייט אויף איר (אַ מיידעלע) אַזוי גוט ווי אויף אים.

ק י נ י ג, זע מלכות.

ק ע ז, וואָס די חכמים'לאַך הייסן דעם נאַר'עלע עסן און ער פאָלגט זיי, דער נאַר'עלע: עסט קעז'עלע; דער פערטער גליד אין דער אַנטוויקלונג פון מילכיקס: מילך, שמאַנט, פוטער, קעז.

ק ע ל ט, אַ פריינט פון די קוילנהענדלער און דעם אָרימאַנ'ס ביטערער שונא.

ק ע ס ט, פון די דריי 'זאַכן, וואָס אַ איד עסט: אַבל-שפייז, טעג און קעסט; מער ניט צוליב די ערשטע צוויי דאַרף ער ניט נעמען אַ מיאוס'ע מיידל פאַר אַ ווייב.

ק ע ש ע נ ע, דאָ אין אַמעריקאַ מיינט מען, אַז דאָס קומט אַרויס פון „קעש"; דער אמת איז, פאַרקערט: די קעש קומט אַרויס פון קעשענע.

ר

ר אַ ב י נ ע ר, כלומר'שט אַ רב.

ר אָ ד, אויף וואָס די גאַנצע היינטיקע אינדוסטריע איז געבויט.

ר אַ ז ב אָ י, נעמען צען „גילדוין" פאַר אַ ששי שבת חזון!

ר אַ כ ע, זע נקמה.

ר א ש ה ש נ ה, אַ טאָג, וואָס אידן אין אַמעריקע קומען אָפּ, און קומען איבער, און קומען אויס אָן מסחר, סיידן אפשר בשתיקה.

ר ב א, אַן אמורא, וואָס האָט ניט געקענט דורכקומען מיט אביי'ן.

ר ו ח, פלעגט שמערל דער חסיד זאָגן: אַ רוח אין דיין טאַטענס־טאַטענס־טאַטענס טאַטן, ביז אברהם אבינו דעם גנב, אריין! — אין בערדיטשעוו פלעגט מען זיך שילטן: אַכציק פעס־לאַך רוחות, גרויסע פעסלאַך, קליינע רוחות אין דיין קאָפּ אריין!

ר ו ט, מיט וואָס מען קערט די שטוב און שמייסט דעם אינגל, אויב ער קערט די וועלט.

ר ו ס, יאָוון, פּאָניע, קאַצאַפּ — אַלץ געווען, קינדער! היינט האָט ער ביי אונז אין מאָסקווע נאַציאָנאַלע רעכטע.

ר ו ף, אין דערהיים אַ קול קורא, דאָ אַ דאָך.

ר ו ק, דעם זייגער אַ שעה אהין, אַ שעה צוריק אַלע האַלבע יאָר.

ר ח מ נ ו ת, וואָס יעדער איד קען זיך פאַרגינען צו האָבן.

ר י נ ע, אַן אָרט, וואו אַ שכור'ער פויער רוט אויס זיינע ביינער.

ר י פּ, פון וואָס חוה איז געמאַכט געוואָרן.

ר ע כ ט ן, ביי אידן אַ לאַנגע צייט אַן אומבאַקאַנטער וואָרט.

ש

ש אָ ד ן, אַ זאַך לייכט אריבערצוטראָגן, ווען ניט אייערס.

ש אָ ט ן, אַ באַווייז פון ליכט.

ש אַ ל ע מ י י ז ע נ ע ן, אום־הום־הום־הום? אום־הום!! אום־אום־הום!!!

ש אַ נ ע ו ו ע ן, ניט אָנזאָגן אַ מענטשן, אַז מען גייט אים מאָרגן היינגען.

ש אָ ס י י, אַ גלאַטער, גלייכער וועג, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן צוליב דעם פערד, איז פאַרשוואונדן געוואָרן דורך די אייזנבאַנען, איז ווידער אויפגעלעבט געוואָרן דורך דעם אויטאָמאָביל און קען פון דאָס-ניי פאַשווינדן דורך דער לופט־שיף.

ש אַ ף, זע שעפסן.

ש ב ח י ם, וואָס מען זאָגט אויף אַ מענטשן נאָכ'ן טויט, מחמת ער איז שוין דאַן קיין קאָנקורענט ניט מער פאַר אונז.

ש ב ר י־כ ל י, אַן אויסגעזונגענער חזן, אַן אויסגעשפּילטער אַקטיאָר, אַן אויסגעפּייקלטער פּייקלער, אַן אויסגעהאָרעוועטער אַרבעטער.

ש ב ת, אַ טאָג, ווען מען גייט אין אַמעריקאַ אויסגעפּוצטערהייט צו... דער אַרבעט.

ש ד כ ן, איינער, וואָס טוט גאָט'ס אַרבעט: ער איז מזיג זווגים.

ש ה ח י נ ו, אַ ברכה, ווען מען דערלעבט צו זען אַ גוי אין בראָנזוויל.

ש ו ח ט, איינער, וואָס קוילעט בהמות, דער היפּך פון אַ מיידעלשן מלמד, וואָס האָדעוועט בהמות.

ש ו י ש פּ י ל ע ר, אַן אַקטיאָר, אַ מענטש, וואָס (ביי אונז אידן) שפּילט אימער אַ ראָלע אין דער היים, אויף דער גאַס און אַמאָל אויך אין טעאַטער.

ש ו ל, אַן אָרט, וואו מען חנפ'עט דעם רבונו של עולם, האָפנדיק, אַז ער וועט פאַר די חניפות עפּעס געבן, אָדער ער וועט לכל הפחות ניט אַוועקנעמען וואָס מען האָט.

ש ו נ ד ר אָ מ אַ נ ע ן, דער פונדאַמענט פון אידישע צייטונגען, וועלכע ווערן אַריינגעלייגט אין אַ פּראָקרוסטעס-בעט פון צירקולאַציע, וואו זיי ווערן פאַנאַנדערגעצויגן, אויב זיי ציען, און אָפּגעשניטן, אויב ניט.

ש ו ר ה, אַ גאַס אויפן בית־עולם.

ש ט אָ ל ץ, ביים סאָלדאַט זיין מעדאַל; ביים שוחט זיין חלף; ביי דער מאַמען איר קדיש'ל; ביים ייִדן זיין טאַבאַק־פּושקע די זילבערנע; ביי רב זיין רבנות און ביי דער רבי'צין דער רב.

ש ט א ר ק, די קאַץ צווישן די מייז; דער אינגל צווישן די קעץ; דער גרויסער צווישן אינגלאַך און דער קיסר צווישן די גרויסע.

ש י ק ס ע, א וואָרט, וואָס קומט ניט ארויס פון שייגעץ, נאָר פון „שיקזאַל" (מזל).

ש י ר ה ש י ר י ם, א וואונדער־שיינע דיכטונג, אין גע־שפּרעכן, א מין דראַמא, וואָס שלמה המלך האָט ניט געשריבן.

ש כ י ר - י ו ם, א לוין־ארבעטער, וואָס מען דינגט פאַר א גאַנצן טאָג און מען באַצאָלט פאַר א האַלבן — לשם ריוח.

ש כ ר ו ת, אין אמעריקאַ היינט א פּאָדפּאָלנע באַשעפטי־קונג, וואָס גייט אָן בעסער ווי פריער.

ש ל ח - מ נ ו ת, וואָס מען שיקט פּורים, דערוואַרטנדיק צו קריגן א בעסערע זאַך צוריקגעשיקט.

ש מ ד - ש ט י ק, אַן אומשולדיקע שטיפעריי, ווי, למשל, אונטערצינדן דעם איינגעשלאָפענעם רבי'נס באָרד.

ש מ ו נ ה - ע ש ר ה, וואָס א איד גייט אוים הינטערוויי־לאַך, ווי די פרייהייט אין אמעריקאַ: בסדר רעגרעסירנדיק.

ש פ י כ ת - ד מ י ם, פון דעם מוהל, דעם צירולניק (ביים באַנקעס שטעלן), דעם דענטיסט, ווען ער רייסט ארוים א צאָן; דעם פּאָגראָמטשיק, דעם מלחמה־מאַכער: די אַלע מעגן, ביי אייניקע איז דאָס גאָר א מצוה. בלוט פארגיסן טאָר ניט דער רעוואָלו־ציאָנער.

ש ת י ה כ ד ת, געזעצלאַכע שכרות (היינט) אויף א דאָקטאָר'ס רעצעפּט, געקויפט אין דער אַפּטייק.

ת

ת א ו ה, א זינדיקע פּאַרוועלעניש, ניט פֿאַר קיין אידן גע-דאַכט.

ת ב ו א ה, צווישן די בעסטע ספּעקולאַציעס אויף דער בערזע.

ת ו ר ה, א ספר, וואָס מען הויבט אָן צו אַכטן, ווען מען הערט אויף אין אים צו גלויבן; וואָס משה האָט ניט געמאַכט און די (אמאָליקע) מפרשים האָבן ניט פאַרשטאַנען; וואָס מען לערנט מיט יונגע קינדער, ווייל דאַרטן זיינען דאָ מעשיות, וואָס זיי טאָרן ניט וויסן (יהודה, כאַפּט אייך אָן, און זיין שנור-ווייב תמר; יוסף און פּרעה'ס ווייב; פּנחס'עס גרויסער אויפטו א. א. וו.); וואָס וואָלט געווען א טאַנדעטנע שטיק ארבעט פאַר א גאָט, איז אָבער א וואונדערבאַרער דזשאָב פאַר א פּאַרצייטיקן מענטשן; פון וואָס דרדקי-מלמדים, מגידים, בעלי-קורא, סופרים, מוכר-ספרים'ניקעס, פּאַרטייטשער, איבערזעצער און אַנדערע מאַכן א לעבן; פון וואָס יעדער סאָרט מיינונג קען ברייננגען א ראיה; וואָס איז אנטוויקלט און אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך פיל הענט און דורך פאַרשידענע פּאַרטייען; וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן ווי א שטיק מאָזאַיק פון שטיקלאַך און ברעקלאַך; וואָס איר היסטאָריש-נאַטירלאַכער טייל איז וואַרשיינלאַך אמת און ווערט טיילווייז באַשטעטיקט דורך אויסגראָבונגען.

ת ח י ת-ה מ ת י ם אַן אמונה, וואָס איז אויפגעקומען נאָכ'ן ערשטן חורבן, איז געווען טויט און איז אויפגעשטאַנען תחית-המתים נאָך דער קרייציקונג פון יעזוס.

ת ח י נ ה, א ביכל פון תפלות פאַר אידישע ווייבער אין א לשון, וואָס זיי קענען פאַרשטיין; וויכטיק פאַר רעפאָרמירטע רבנים, חזנים און כלי קודש.

ת כ ל י ת, זוכן פאַר א יונג פאָר פאָלק א קרעמל, מיט סחורה אויף באָרג, מיט דער אמונה אין הארצן, אז קיינער וועט זיי, חלילה, ניט אָפּנאַרן.

תכריכים, „אייביקע קליידער“, וואָס ווערן צעפוילט אין אַ גאַנץ קורצער צייט.

תכשיט, אַ יונגערמאַנטשיק, וואָס פאַרטוט דעם גאַנצן גדן אין אַ קורצער צייט, שפּילנדיק אין קאָרטן, שכור'נדיק און נאָכלויפנדיק נאָך פרעמדע ווייבער.

תליה, פון וואָס מען נעמט אַראָפּ דעם גנב.

תלמוד, אַ גאַנג ספרים, וואָס האָט גענומען אַכט הונ־דערט יאָר צום פאַרפאַסן; וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן צו־ריק מיט אַ יאָר 1400 און ווערט כסדר פאַרמערט און פאַרגרעסערט פון רב, רב'ל און פּרוש, חוץ טעאָלאָגן, גלחים און גוי'שע פאַר־שער; אַ זאַך, וואָס ווערט אין אַמעריקאַ בּיסלאַכווייז פאַרגעסן; וואָס מענטשן לערנען אין דער ליטע יומם ולילה, ווייל דאָרטן זיינען דאָ ווייניקער חסידים: אַ סך פון זיי ווערן משוגע, פילע בלייבן קלאָר און לעבן אויף דעם חשבון פון זייערע ווייבער.

תלמוד תורה, אַ שול, וואו יעדער עם־הארץ קען זיין אַ לערער, מחמת קיין אַטעסטאַט פאָדערט זיך דאָרטן ניט.

תם, אַן ערלאַכער מאַן, נעבאַך.

תנא ברא, אַ יונג מיטביינער.

תנאים, אַ געשריפט אין אַ מסחר, ווען מען קויפט אַ מיידל פאַר אַ בחור, אָדער אַ בחור פאַר אַ מיידל.

תענית, אַ טאָג, ווען אַ איד פאַרשטייט זיך אויף אַן אביון, אויב ער אַליין האָט וואָס צו עסן.

תקיף, איינער, וואָס איז גאָר עפּעס אַ גאַנצער שני־בשלישי מיטן קליוצוואָיט.

תשליך, וואָס מען זאָגט ביים טייך דעם ערשטן טאָג ראש השנה בעת מען וואַרפט אַריין אַלע עבֿרות, וואָס לאָזן זיך אַרויסשאָקלען פון דער פּאָלע: וואָס מען טוט מיט די זינד, וואָס זיינען פאַראַן אין גוף, איבערהויפט אין האַרצן, ווייס איך נים.

אפאריזמען

מענטשן און די וועלט.

גאָטזוכערײַ! ווער עס גלויבט, דאַרף גאָט ניט זוכן; ווער עס גלויבט ניט, וועט אים קײנמאָל ניט געפינען.

בײַ ווע׳מען עס איז דאָ דער הײליקער פונק אין דער יוגנט, בײַ דעם קען זיך פאַנאַנדערפלאַקערן דער געטלאַכער פלאַם—צום לײַכטן און וואַרימען—אין די שפּעטערדיקע יאָרן, און קען אויס־גיין מיט אַ לעצטן ברען אויף דער עלטער.

וואו עס ברענט אַ הײליקער פײַער, איז בלויז די פראַגע: וועט דער פײַער העלפן שמידן רויע מעטאַלן, כדי עפּעס צו באַ־שאַפן, אָדער וועט ער בלויז פאַרברענען און פאַרניכטן עקזיסטירנ־דיקע זאַכן. דאָס איז אַלעס.

אַ סופר סת״ם — ניט סתם אַ סופר, אַמעריטשקע!—וואַשט די הענט, ווען ער דאַרף שרײַבן דעם אויבערשטנ׳ס נאָמען. דאָס ווילט זיך מיר טאָן יעדן מאָל, ווען איך ברײַנג אַרויס אויפן פּאַ־פּיר נעמען פון געוויסע טײַערע פּערזאָנען, האַבנדיק מטמא געווען מײַן פּען מיט נעמען פון הדיוטים.

אַן אמת גוטער מענטש קען ווערן שלעכט, אַן אמת שלעכטער קען ניט ווערן גוט. פון ווײַן קען ווערן עסיק. פון עסיק ווײַן— קײנמאָל ניט. בלויז זײַן שאַרפקײט קען, דורך פאַרצוקערונג, דער עסיק פאַרלירן, ניט זײַן כאַראַקטער.

דערבײַ זאָל מען ניט פאַרגעסן:
דער גוטער, ליבער, זיסער מענטש איז ניט תמיד דער, וואָס

טוט אויף פיל גוטס. פאַרקערט ווידער, קומט אַלעם בייז ניט תמיד פון די שלעכטע מענטשן. צוקערקעס האָבן רואינירט מער מענטשן, ווי גיפט — מער מאַגנס, מער לעבנס.

דער פּאָליציסט איז פעט, דער גנב—מאָגער; כדי זיך אויס־צוהיטן פון מיין, קאָרמעט מען קעץ און זיי נאַשן דערצו נאָך ביס־לאַכווייז אונטער בשתיקה, ווען קיינער קוקט ניט.

איר זענט אין אַ שלעכטער לאַגע, אימיצער וויל אייך העלפן, העלפט אייך אַרויס. איר דאַנקט אים מיט די ליפּן, בעת אין האַרצן טראָגט איר אויף אים אַ שנאה. פאַר וואָס? פשוט, ווייל אייער העלפער האָט אייך געזען אין אייער שוואַכקייט, אין אייער דערנידעריקונג, און דאָס פאַרגיבט זיך ניט.

אַ יונגע פרוי פאַרקויפט איר שיינעם ליב צו אַן אַלטן גביר, זי איז אַ דאַמע. אַן אַנדערע פאַרדינגט איר ליב צו אַן אַלטן אָדער אַ יונגן, זי איז אַ הולטאיקע. — עס לעבע די לאָגיק!

„לא תגנוב", דו זאָלסט ניט גנב'ענען — דערפון האַלט (פאַר אַנדערע) יעדער גנב. אַ־ניט בלייבט גאָרנישט פאַר אים. יעדער מגיד וויל דעם עולם פאַרהיטן פון די חטאים, וועלכע ער וויל האָבן פאַר זיך.

ווען דער אמת האָט פאַרזוכט פון דעם עץ־הדעת, האָט ער פאַרדעקט זיין נאַקעטקייט מיט אַ פייגנבלאַט. פון יענער צייט אָן האָט זיך קיינמאָל ניט געוויזן מער ווי אַ טייל פון דער וואַרהייט.

„דער מענש איזט וואָס ער איסט" האָט פייערבאַך געזאָגט. אויף אידיש הייסט דאָס: דער מענטש א י ז דאָס, וואָס ער ע ס ט. ציט אָבער דערפון ניט דעם שלוס, אַז דער מענטש

איז נ י ט דאס, וואס ער עסט ניט. איך קען וועגעטאריאנער, וואס זענען אקסן, און פרומע אידן, וואס זענען חזרים.

א דבר-אחר האט אין זיך א ריינעם גליד, אבער—גיי זוך אים.

אפילו ווען איר מאכט א גילדערנעם קאלב פאר א גאט, בלייבט איר נאך אלץ אהרן דער כהן-גדול, אויב איר האט א משה־רבנו פאר א ברודער. א צד אין טיש איז מן־הסתם פון אייביק אן געווען א גוטע זאך.

א שם טוב אדער א שם רע — אבי א נאמען, אויב מען זאל פון אייך וויסן.

אמאל איז צו ווערן באקאנט אין ווייטע קרייזן א שלעכטער נאמען בעסער ווי א גוטער.

דער אלטער צירק־מענעדזשער בארנום איז רייך געווארן פון פערד אויסגעבילדעטע און אנדערע. הוא היה אומר: אלם אד־ווערטייזמעט איז א לויב-געזאנג גוט, אבער זידלעריי נאך בעסער.

פארשטאנען האט בארנום, אז בעת דער פריינט, וואס לויבט אייך, פארגעסט אן אייך זייער באלד, לאזט דער שונא ניט דורך קיין שום געלעגנהייט אייך ארונטערצורייסן. דאס הייסט—אייך צו אדווערטייזן.

צווישן מענלאכע ווייבער פילן זיך די שטארקסטע פון אונז ווי ווייבערשע מענער.

א אידווארפט פון זיך אראפ דעם יאך פון אבערגלויבן; אן אמעריקאנער שטעלט זיך קעגן זיין פארטיי-מאשין; אן אונטער־דריקטער טרוס באפרייט זיך פון אונטער זיין ווייב׳ס פאנטאפל—

ווערט די וועלט נשתומם. — „הערסטו? עפּעס גאָר ארויס פון די אלאָבליעס!" — זאָגן מענטשן; מיינען—מיינען זיי: עפּעס גאָר אויס פערד!

„איך בין מיין אייגענער בעל־הבית!" — בארימט זיך דער האבון, וואָס פּאַדעט טאָג און נאַכט און קריכט פון דער הויט. זיין אייגענער בעל־הבית! ער מיינט—זיין אייגענער שקלאַף!

די צרה מיט דעם מגיד איז, וואָס ער ענטפערט אויף אַ פּראַ־גע מיט אַ דרוש, מיט ווערטלאַך, מיט מליצה, בעת איר וואַרט אויף אַן איינפאַכן—„יאָ" אָדער „ניין".

אַזוי איז אויך אומסימפּאַטיש דער שוישפּילער, וואָס דעקלאַ־מירט אין פּריוואַט געשפּרעך און איז פאַרשטעלט, וואו דאָס איז גאָר ניט נויטיק. אַזעלכער שפּילט אומעטום בעסער ווי אין טע־אַטער.

דער ים איז וואונדערבאַר אָבער מאָנאָטאָן און דערפאַר ווייניק אינטערעסאַנט. דאָס איז, ווען ער איז רואיק. בייזערט ער זיך אָבער פאַנאַנדער, פאַראינטערעסירט ער אייך שוין אביסל צופיל אין זיך.

דער פערד האָט געמאַכט דעם שאָסעע, די אייזנבאַן האָט אים מבטל געווען, דער אויטאָמאָביל האָט אים ווידער אויפגעלעבט און די לופטשיף איז אים נאָכאַמאָל בּיסלאַכווייז מבטל.

ווער עס קען זיין אַ טרייער דינער, קען אַמאָל ווערן אַ גרויסער פאַרדינער, אָבער טאַקע נאָר אַמאָל, על־פּי סיבה. בדרך כלל קען מען ניט זיין קיין פאַרדינער, ביז מען מאַכט אַלעמען פאַר דינער.

דער אויבערשטער מאַכט די בלימעלאַך, דער באָטאַניקער גיט זיי נעמען.

מען פאַרשטייט גאַנץ גוט, אַז הינט בילן מייסטנס, ווייל זיי אַליין שרעקן זיך, און ניט ווייל זיי ווילן מענטשן איבערשרעקן. מען פאַרשטייט אָבער ניט, אַז מענטשלאַכע שרייערס און ליאַרעם־מאַכערס זענען אויך אַזוי און ליאַרמען אויס דעמזעלביקן גרונט.

ביי געוויסע מענטשן גייט איבער אַ צאָנווייטאָג, ווען זיי קו־מען צום דענטיסט. אַזוי זאָגט מען. איך קאָוויר ניט דערפאַר. וואָס איך וויים איז, אַז ביי מיר פאַרגייט דער אַפּעטיט, ווען איך קום צו דער טיר פון געוויסע רעסטאָראַנען.

ווען פּאַסקאַל, דער פראַנצויזישער פילאָזאָף, האָט געזאָגט, אַז מיר דערציילן גערן שבחים אויף די טויטע, ווייל זיי זיינען ניט מער אונזערע קאָנקורענטן, האָט ער פאַרגעסן צוצוגעבן, אַז געוויינטלאַך לויבט דער שבחים־זאָגער אין דעם טויטן דאָס, וואָס ער וויל, אַז מען זאָל זען אין אים אַליין.

פּונקט אַזוי ווי שכרות איז די טאָכטער פון דלות, אַזוי איז אויך דער בלינדער גלויבן די טאָכטער פון אומוויסנהייט. דער פּוס־טער מאָגן פירט צום שענק, דער פּוסטער מוח — צו דער קירך.

די אידישע אמונה איז קעגן בילד־קניעריי, אַ־ניט וואָלט הלל הזקן שוין לאַנג געהאַט אַ מאָנומענט אויף יעדן שול־הויף פאַר זיין... היתר עסקא.

דורך בילדונג ווערן אייניקע אויסגעבילדעט, אַנדערע איינ־געבילדעט.

עס זיינען דאָ מענטשן, וואָס זיי מוז מען זאָגן דעם אמת, ווי מען גיט איין אַ קינד ווערים־קראָט: איינגעמאַכט אין צוקער.

אייניקע קרעפּטיקע ווערטער ווירקן צייטנווייז מער ווי לאַנגע

ווינטיקע דרשות. פון א גרויסער שיסל פעטער זופּ ווערט מען אָנגעפּודעט. אזוי אויך פון א סך מאָגערע רייד ווערט אָנגעפילט דער מוח, אָבער נאָך ביידע בלייבט מען הונגעריק.

א שטיפמוטער קען ניט ליידן קינדער, וואָס שטיפן.

נאָר דער, וואָס איז אזוי ערלאך, ווי א קינד, קען בלייבן זיין גאנצן לעבן יונג.

מאנכע דערטרינקען זייער אידעאל אין א טייך וואַסער און וואונדערן זיך, וואָס ער (דער אידעאל) שווימט ארויף אויפן שטראָם אָנגעשוואָלן און מיט דעם גערוך פון א נבלה.

קיינער אָפּערט ניט. דער מענטש, פון וועמען מען זאָגט, אז ער האָט געאָפּפערט, האָט אין אמת'ן בלויז אוועקגעגעבן עפּעס, כדי צו באקומען מער אָדער א בעסערע זאך. אפילו דער, וואָס גיט זיין לעבן פאר אן אידייע, טוט ניט מער ווי אונזערע עלטערן, וואָס האָבן אויפן מזבח מקריב געווען אן אָקס, ווענדיק קריגן חן ביי גאָט, וואָס דאָס איז מער ווערט ביי זיי ווי דער געאָפּפערטער רינד. אפילו דער, וואָס גייט צום טויט פאר זיין אידייע, טוט דאָס אויך נאָר, ווייל זיין אידייע איז אים טייערער, ווי דאָס לעבן.

און דאן ענטפערט אויף דער דאָזיקער פראַגע: וואָלט דער, וואָס גייט אויף דער תליה פאר זיין אידייע, דאָס אויך געטאָן, ווען ער וואָלט געהאַט די תליה פאר די אויגן גלייך ביים ערשטן אריינגאנג אויף זיין וועג, דעם לאנגן וועג, וואָס האָט אים ענדלאך געבראַכט צו דער תליה? דער גרעסטער העלד איז אין גרונד נאָר א באַלקן, וואָס שווימט מיטן שטראָם, ניט פארקריכנדיק אין שמוץ אויף די פלאַכע ברעגעס פונם טייך, ווי דאָס פּאַסירט מיט קליינע שטיקלאך האָלץ.

מען דאַרף זיין שלעכט צו פאַרגעסן אַ טובה, אָבער נאָך ער־נער צו געדיינקען אַ רעה.

מיט געלט קען מען קויפן פריינט בלויז אויפן אָפּצאָלונגס־סיסטעם. אַזוי גיך אָבער ווי איר הערט אויף צו צאָלן, פאַרלירט איר ניט נאָר דעם ניט־באַצאָלטן טייל פון דער געקויפטער פריינט־שאַפט, נאָר אויך דעם באַצאָלטן.

פון ווייטן זעען גרויסע מענטשן אויס גרעסער, גרויסע נאַרן— קלענער.

זאָגט די ערלאַכקייט: וואָלטן זיי מיך ווייניקסטנס גע־האַסט, דאָס וואָלט איך שוין אריבערגעטראָגן; אָבער זיי פאַראַכטן מיך, דאָס טוט וויי.

ליבע און שנאה

זי איז אים געבליבן טריי — דאָס איז געוועזענע ליבע; זי איז צו אים געוואָרן פאַלש — דאָס איז די זעלביקע זאַך.

יונגע מיידלאַך ווילן — אין פראַנקרייך ליבן, אין ענגלאַנד האָבן אַ חתן, אין דייטשלאַנד האָבן אַ מאַן, אין אַמעריקע—אַ „פעּ־לאָו" און אַ „גוד טאַים", אין רוסלאַנד ווייסן זיי דערוויל נאָך אַליין ניט וואָס זיי ווילן.

די ליבע מאַכט בלינד, דער האַס צייטנווייז—נאָך בלינדער.

אויסער ווען זיי זענען פאַרליבט, ריידן די אַמעריקאַנער ניט וועגן מלאכים; ביי זיי קומט, משמעות, אויס, אַז דער, וואָס האָט

אַ דזשאַב אין הימל און ווערט דערפון ניט רייך, איז גיכער אַ נאַר איידער אַ מלאך.

מיט דער ליבע האָב איך זיך אונטערהאַלטן:

„קענסטו מיר ניט זאָגן", האָט זי מיך געפרעגט, „ווי זע איך אויס? איך אין מיינע אייגענע אויגן—אַי שיין, אַי העסלאַך, אַי גוט אַי שלעכט, דער גן־עדן און דער גיהנום, אַ באַשאַפּנדיקע קראַפט און אַ צעשטערנדיקע, אַ צאַרט לעמעלע און אַ ווילדער טיגער, שטאַרק און שוואַך, קלוג און נאַריש, אַ געבורט און אַ טויט און נאָך אַנדערע אַזעלכע קעגנזאַצן... איך ווייס ניט, מיר דאַכט, איך בין בלינד... ווי געפין איך אויס דעם אמת?"

„פרעג ביי היינריך היינע", זאָג איך צו איר.

„איז ער ניט טויט?"—פרעגט די ליבע.

„אומזין, ליבע ליבע! ער וועט לעבן אַזוי לאַנג ווי דו וועסט לעבן".

אין ליבע איז נישטאָ קיין תשבורת: גאַנץ אָדער גאָרניט. אויב צו 99 הונדערטלאַך ליבע פעלט איין הונדערטל, איז דאָס דאָסזעלביקע ווי עס וואָלט פעלן אין הונדערט דער 1 צו די צוויי נולן (1 צו 100).

מיט רענטגען־שטראַלן קען מען היינט שוין אריינבליקן אין דעם מענטשלאַכן גוף און זען אונטער דער הויט די ביינער. אריינ־צובליקן אין אַ מענטשלאַך האַרץ בלייבט אַלץ אַ מאָנאָפּאָל פון דעם אויבערשטן אין הימל און פון דער אייפערזוכט אויף דער ערד.

ליבע לגבי חתונה איז דאָסזעלביקע וואָס דער אַפּעטיט איז צו דער סעודה.

מען קען זיך איבערליבן ווי מען קען זיך איבערעסן; איבער־הויפּט נאָך דער חתונה, און דאַן קריכט די „ליבע" פון האַלז.

יופיטער איז ניט געווען דער איינציגער גאָט, וואָס האָט זיך פארוואנדלט אין אן אָקס, בעת ער האָט זיך פארליבט.

מער ווי איין ראָמאן שטארבט יעדן טאָג אונטער דער חופה. פריוואט אייגנטום און ליבע גראמען זיך ניט.

ליבע און לוסט — בשמים און חלה...

ווער עס האלט אין איין פארליבן זיך, ליבט אין אמת'ן קיינמאָל ניט. אזוי האָט קיין ריכטיקן פארגעניגן ניט פון עסן דער, וואָס האלט אין איין נאשן.

קינדער, פרויען און פעלקער קענט איר נארן אין אלץ, חוץ אין דעם פרט פון ליבע. אלע דריי ווייסן, ווער עס ליבט זיי פון גאנצן הארצן און ווער ניט.

געוויסע אינטעליגענטקעס לאָזן אונז אָפט, בעת מיר געניסן זייער שיין און גלאנץ, זייער קאלט: ווי דיווינטער־זון, וואָס לייכט אָבער וואַרימט ניט.

א מאן א פרוי בייסט ניט פון האס; אין ליבע קושט ער אמאָל אויפריכטיק, אמאָל פון יוצא וועגן; א פרוי א מאן קען קושן אָדער בייסן, ווי אמאָל. צו דער זעלביקער צייט אָבער אי קושן אי בייסן קען בלויז א פרוי איר חבר'טע.

א פארליבטער אלטער מאן איז אלעמאָל אומגליקלאך; א פארליבטע אלטע פרוי איז מער ווי אומגליקלאך, זי איז לעכערלאך.

ביי אים—וואָס איז אייך די נפקא-מינה ווי ער הייסט—צעטיילט זיך מענטשהייט אויף צוויי מינים: אזוינע, וואָס ער האָט פיינט, און אנדערע, וועלכע ער האָט ניט האָלד.

אַ מאַלער, וואָס האָט חתונה מיט זיין קונסט־פּרעמדן מאָדעל; אַ היינע, וואָס לעבט מיט אַ מאַטילדע; אַ סאָקראַטעס, וואָס האָט אַ קסאַנטיפּע פּאַר אַ ווייב — ווי דערקלערט זיך דאָס? פּשוט דערמיט, וואָס אַ נשמה שטרעבט צו אַ גוף, בעת אין אַ זיווג צווישן צוויי קינסטלער, צוויי דיכטער, צוויי פילאָזאָפן — אַן ער און אַ זי — קומען זיך צונויף צוויי נשמות; אפילו ווען זיי ווערן אויף אַ רגע צונעצויגן איינס צום אנדערן, שטויסן זיי זיך אָפּ, ווי דאָס פּאָזיטיווע דעם פּאָזיטיוון אין דער עלעקטריציטעט.

הייסע ליבע ציט הערצער פאַנאַנדער; קאַלטע שנאה ציט זיי צונויף, פאַרשרומפּט זיי. דאָס איז אויך אַ נאַטור־געזעץ און... פּאַרטיק.

ניין, איר האָט ניט קיין רעכט צו האַסן ווי איך האַס, כּל־זמן איר קענט ניט ליבן ווי איך ליב.

„איינס מיט איינס מיט איינס איז איינס“ — זאָגט די קריסט־לאַכע אמונה. „אפשר“, ענטפערט פאַרטראַכטערהייט די ליבע. „זי־כער איז, אַז איינס מיט איינס זענען איינס ביי מיר“.

„ביז איינס מיט איינס ווערן ד ר י ...“—וואַרפט אריין אַ שטאָך־ווערטל די קנאה.

אין אַן אמת'ער ליבע איז יעדע שיידונג אַ לויה, יעדע באַגע־געניש אַ תחית־המתים.

ווער עס ליבט ניט קיין קינדער, איז אַ שלעכטער מענטש; ווער עס ליבט ניט קיין קינדער און קיין פרויען, איז גאָר קיין מענטש ניט; ווער עס ליבט קיינעם ניט, איז אַן אומגליקלאַכער — אַ מאָ־ראַלישער קאַליקע.

ליבע און האַס,ביידע גלייך, קענען האַלטן פריש אונזערע

נעפילן. אונזער הארץ פרעגלט זיך אין זיסן און אין זויערן: מיט דעם האניק פון ליבע, אדער דעם עסיק פון האס.

די אמת'ע ליבע איז שטום. זי ליגט צו טיף אינם הארצן צו קענען לייכט ארויפשטייגן אויפן צונג.

יונגע ליבע איז א פלאם, אלטע ליבע א שמעלקערדיק ליכטל. א שטארקער ווינט בלאזט די יונגע פאנאנדער, בלאזט די אלטע אויס. — האט דאס ניט שוין ערגיץ אן אנדערער געזאגט?

ליבע מאכט א מענטשן ניט בלויז בלינד. א פארליבטער איז אמאל שטום און טויב אויך.

אומגלייכהייט צווישן מאן און פרוי ציט זיי צוערשט צונויף און ציט זיי שפעטער פאנאנדער.

אין יעדן מלאך איז דא א טייוועלע, אין יעדן טייוול א מלאכ'ל — צווישן פרויען.

קלוגע און נארן.

קלוג און כיטרע זיינען צוויי זאכן. דער פוקס איז ניט מער ווי כיטרע, פאר א חכם האלטן אים נאר די בהמות.

זיך וואנדנדיק צו די שפראך־פארשער, פרעג איך:
„קומט ווירקלאך ארויס קלאג פון קלוג?"
זיי שווייגן, אבער ערגיץ א שד פונם גהינום קייכט זיך פון געלעכטער.

מיר רופן אפט נארן די, וואס קענען זיך ניט פארשטעלן. אמת, ערלאך איז טאקע בלויז דער נאר, א קינד און א שיכור.

דער נאר רעדט נארישקייטן, דער חכם טוט זיי.

נאַרן חכמ'ענען זיך, חכמים באַנאַרישן זיך.

צו האָבן אַזוינע לאַנגע אוירען און אַזוי פיל הערנדיק, צו פאַר־שטיין אַזוי ווייניק, דאַרף מען טאַקע זיין אַן עזל.

און אַמאָל קלער איך: ווען דער לאַנג־אויערדיקער עזל וואָלט געווען אַ לאַנג־צונגיקער ריידער, וואָלט מען פאַרגעסן ווער ער איז און מען וואָלט אים אפשר רעספּעקטירט.

בדרך כלל האָב איך שוין לאַנג איבערגעניצעוועט שלמה המלכ'ס ווערטל מכוח דעם, אַז אפילו אַ נאַר, וואָס שווייגט, ווערט גע־רעכנט פאַר אַ קלוגן. איך זאָג: אפילו אַ קלוגער, וואָס שווייגט, ווערט פאַררעכנט פאַר אַ נאַר.

אַ נאַר—אַ נאַר איז ניט גלייך. איך געהער צו די נאַרן, וואָס ווייסן: 1) אַז זיי זיינען נאַרן; 2) אַז דאָס איז פאַר זיי אַ מעלה, ניט אַ חסרון; 3) אַז ווי דום זיי זיינען, געפינען זיי נאָך אַלץ נאַ־רישערע מענטשן פאַר זיך; 4) אַז די קלוגע זיינען אויך ניט פיל קליגער און 5) אַז נאָך אַלע מעשות ווייסט קיינער ניט אויף קלאָר, ווער עס איז דער חכם און ווער — דער נאַר.

אַז מען שניידט זיך שוין יאָ איין, איז גלייבער זיך איינצו־שניידן מיט אַ שאַרף מעסער איידער מיט אַ טעמפּ. אַזוי איז בע־סער אַריינצופאַלן אין מויל ביי אַ קלוגן ווי ביי אַ נאַר.

ספרד'ישע רבנים הייסן חכמים; צי זיי זיינען דאָס, ווייס איך ניט.

זינט עס האָט זיך געטראָפן דער נס און בלעמ'ס עזל האָט פּלוצים אָנגעהויבן צו ריידן, האַלטן זיך אַ סך עזלען פאַר רעדנער.

מיט „דומע גאַנז“ זידלט מען זיך ביי פיל פעלקער און דאָך האָבן גענז אַמאָל געראַטעוועט רוים, האָבן הונדערטער יאָרן גע־געבן פעדערן צום שרייבן און פעדערן אויף פערינעס און קישנס און האָבן דעם מענטשן פאַרזאָרגט מיט פלייש און מיט שמאַלץ. משמעות, ווער עס וויל דינען דער מענטשהייט, קען אימער באַ־דאַנקט ווערן מיטן נאָמען „דומע גאַנז“.

אַ נאַר מיט אַ פעדער אין האַנט איז אַ דאָפּלט-פאַרשאָלטענער מענטש. וואו מען קען זיין קול ניט, קען ער באַווייזן שוואַרץ אויף ווייס, אַז ער איז אַ נאַר.

שכל ביים וויץ איז דאָס זעלביקע, וואָס דער שייד ביים דעגן. ער פאַרהיט אים פון געבן אַ שניט דעם אייגנטימער אַליין.

לעבן און טויט, גליק און אומגליק.

שטאַרבן איז אַ קלייניקייט, שרעקלאַך איז דאָס אָפּשטאַרבן, און וואָס לאַנגזאַמער אַלץ שרעקלאַכער.

אין איין פּרט זיינען אָרגאַניזאַציעס ווי מענטשן. ווען אַן אָרגאַניזאַציע האַלט ביים שטאַרבן, איז גלייכער, אַז זי זאָל וואָס גיכער ווערן טויט. און ווען זי שטאַרבט, דאַרף זי וואָס שנעלער באַגראָבן ווערן: די נבלה פון יעדן סאָרט נפטר גיט פון זיך אָפּ אַן עקלהאַפטיקן גערוך.

די נאַטור גיט אונז קיין שום תענוג ניט גאָר אומזיסט. יעדער עקסטראַ פאַרגעניגן קאָסט אונז טעג און וואָכן פון אונזער לעבן. דער חילוק צווישן דעם פאַרנינפטיקן מענטשן און דעם נאַר באַ־שטייט נאָר אין דעם, וואָס דער נאַר צאָלט פאַר אַלץ איבער.

ניט בלויז אין פראַנקרייך, נאָר אויך אין ענגלאַנד, אַמעריקע און אין אַנדערע מדינות, אפילו אין דייטשלאַנד, ווערן מענטשן היינט ווייניקער געבוירן (אין פּראָפּאָרציע) ווי אַמאָל. משמעות, וואָס ווייטער, שרעקט מען זיך אַלץ מער פאַרן לעבן ווי פאַרן טויט.

ווען עמיצער ליידט פון מאָגן, הייסט דאָס, אַז דער מאָגן ליידט פון אים.

לויבט די טויטע. אייערע שבחים וועלן זיי ניט מער רויט מאַכן. פאַרגעסט אָבער ניט, אַז דער טויט מאַכט אַ לומפּ אויס לומפּ, אָבער קיינמאָל ניט פאַר אַ פיינעם מאַן.

„צדקה תציל ממות". עה, יאָ! צדקה ראַטעוועט פון טויט. אָבער ווען דערמאָנט מען זיך אָן דעם? ווען דער בר־מינן ליגט שוין אין ארון און מען קען אים שוין ניט העלפן.

גליקלאַך ו ו ע ר ן קען יעדער, ווען עס מאַכט זיך אים אַ גליק. גליקלאַך ז י י ן קען נאָר דער, וואָס ווייסט ווי זיין גליק אויסצונוצן. צום מזל דאַרף מען האָבן אויך אַ האַרעלע שכל.

רעדאַקטאָרן, קברנים, שמשים און היענען מאַכן אַ לעבן פון טויט.

דו שיינע גרינבאַדעקטע ערד! היינט מיין קאָרפּעט אונטער די פיס, מאָרגן מיין קאָלדרע איבערן לייב.

פאַרדאָרבענע מאָגנס זיינען פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר מער היס־טאָרישע און אַנדערע קראַנקהייטן ווי פאַרדאָרבענע הערצער.

די ראָלע פון דעם אינטריגאַנט גייט בּיסלאַכווייז אויס פון

דער געשיכטע און פונם לעבן, ווי די דאָזיקע ראָלע איז שוין לאַנג ארויס פון דער דראַמאַ און פון טעאַטער.

ווער עס קריגט עפּעס פאַר גאָרניט, קריגט זייער אָפט גאָר־ניט פאַר עפּעס — אומזיסט האָט מען נאָר לופט און טויט.

אין גן־עדן קען נאָר זיין דער זינדיקער ביים לעבן אָדער דער צדיק נאָכן טויט.

דער מוח דענקט, דער מאָגן לענקט.

אַ צעבראָכן פאַר-פאַלק'ס לעבן קען מען אפשר צוריק צונויפ־שטיקעווען, אָבער עס וועט זיך שטענדיק מערקן דער בראָך, פונקט ווי ביי אַ צעבראָכענעם טעלער, וואָס מען האָט מיט צעמענט גאַנץ געמאַכט.

מיט די פליגלען פון פּאָעט און דעם שנאָבל פון קאָמערץ, מיט ביידע אינאיינעם, קען מען זיין אַ פרייער און זאַטער פויגל, — פריי און זאַט: אין די וואָלקנס פאַר לופט, אין פעלד פאַר שפּייז.

אַלע פיינע, חשוב'ע בעלי־בתים האָבן ליב זייער היים. מאַנכע, ווייל זיי האָבן וואו צו קומען; אַנדערע, ווייל זיי האָבן פון וואַנען אוועקצוגיין.

קיינער איז ניט אַזוי דום זיך איינצורעדן, אַז ער קען ווערן פון אַ האָלצהאַקער אַ פידלער, אַזוי גיך ווי ער קריגט אַ פידל. אָבער במעט יעדער פון אונז מיינט, אַז ער קען ווערן פון אַ בחור אַ פאַ־טער, אַזוי גיך ווי ער שאַפט זיך איין אַ ווייב און זי האָט אים אַ קינד. מען לערנט זיך שפּילן פידל, אָבער קינדער האָדעווען... צו וואָס?

עס איז שרעקלאַך גענוג צו ליידן און לעבן, עס איז אָבער פיל שרעקלאַכער צו לעבן און ליידן.

דער שלים-מזל האָט דעם שלים־מזל אויסצושטיין אַלע שלים־מזל'דיקע טאַטן פון די שלים-מזל'ניקעס: אַלץ ווערט אַרויפגע־וואָרפן אויף אים, דעם שלים־מזל.

מען פאַלט אַמאָל אויף אַ גוטן פּלאַן צו האַסטיק, עפּעס אַזוי ווי מיטן קאָפּ אַראָפּ, און מען ברעכט אָפט דערביי האַלז און גניק.

וואָס וואַסער איז פאַר פיש, דאָס איז האָפענונג פאַרן מענטשן. דער פיש לעבט כּל־זמן ער איז אין וואַסער; קומט ער אַרויס אויף דער יבשה, צאַפּלט ער זיך אַ ווײַלע און גייט אויס מיט די כּוחות. אַזוי גייט אויך דער מענטש אונטער, ווען די האָפענונג פאַרלאָזט אים.

דער טויט איז אין דעם מענטשנ'ס לעבן דער לעבעדיקסטער, זיכערסטער פאַקט. אַזוי איז אויך די געבורט. מער ניט, מיר ווייסן ניט, אַז מיר ווערן געבוירן, בעת מיר ווייסן, אַז מיר גייען שטאַרבן.

א י ך.

נעכטן, הײַנט, מאָרגן. איך בין אַ מענטש, וואָס לעבט גיכער אַ ליריש ווי אַ דראַמאַטיש לעבן. איך האָב אין זיך מער פאַנטאַ־זיע ווי טעטיקייט, מער האַרץ ווי קראַפט.

דערפאַר אינטערעסירט מיך ווייניקער מײַן הײַנט, ווי מײַן נעכטן; דערפאַר מערק איך ערשט דעם אינהאַלט פון מײַן הײַנט, ווען ער ווערט אַליין שוין אַ נעכטן; דערפאַר זע איך קלאָרער מײַן

מאָרגן ווי מיין היינט, וואָס דאַרף אַליין ערשט ווערן אַ היינט דעם קומענדיקן מאָרגן.

ריידנדיק אינטים—אויג אויף אויג—מיט אַ מענטשן, דערקען איך זיך אַליין נאָך מער ווי יענעם. איך מוז צייטנווייז זיך הערן ריידנדיק, כדי זיך אַליין צו פאַרשטיין.

נו, אויב מיינע זיסע האָפענונגען זיינען געבוירן געוואָרן אַלס מפיל-קינדער, מוזן זיי באַגראָבן ווערן. אָבער, ליבע פעסימיסטן, איר האָט אייך אייער טעסל קאָרטן, שפּילט! זייט ניט די קברנים פאַר מיינע טויטע האָפענונגען.

זייער העכסטע פאַרערונג:
זיי שטעלן אייך אַרויף אויף אַ פּיעדעסטאַל,—אַזוי הויך, אַז זיי הערן באַלד אויף אייך צו זען פון נאָענט און כמעט גאָרניט פון וויטן. חוץ דעם, פאַרגעסן זיי מיט דער צייט, אַז אויפן פּיע־דעסטאַל שטייט ניט אַ שטיינערנע סטאַטוע, נאָר אַ בשר-ודם, וואָס קען שטאַרבן פאַר הונגער, אויב קיינער קימערט זיך וועגן אים ניט.

„מייסעלף אַי סינג!" — איך באַזינג זיך אַליין. דעם קוראַזש דאָס צו זאָגן האָט געהאַט דער גרויסער אַמעריקאַנישער פּאָעט וואָלט וויטמאַן. און ער האָט זיך באַזונגען. מיר, קליינינקע מענטשעלאַך, האָבן דעם מוט ניט דאָס צו זאָגן, הגם מיר טוען אַלץ אין דער וועלט, כדי צו ווייזן וועד און וואָס מיר זיינען, כדי, הייסט עס, זיך צו מאַכן באַקאַנט. מיט אַנדערע ווערטער—הגם מיר זינגען אין אמת'ן נאָר פאַר זיך אַליין.

איך קען זיך ניט צופּאַסן—ניט צו צייטונגען, וואָס געפעלן מיר ניט; ניט צו פּאַרטייען, וואָס פאַרלאַנגען דאָס פאַרשווינדן פון מיין „איך"; ניט צו אמונות, וואָס מיין שכל באַנעמט ניט, און ניט צו מענטשן, וואָס ווייסן ניט ווי אומצוגיין מיט אַ 65־יאָריקן קינד.

(1921)

רייך און אָרעם.

די רייכע קריגן מאָגנקראַנקהייטן דורך צופיל געניסן, די אָרי־מע קריגן לונגענקראַנקהייטן דורך צופיל אַרבעטן. יענע ליידן פון פאַרצערונג, אָט־די — פון אויסצערונג.

אַן אָרימאַן קריגט ניט קיין קרעדיט ענטפער, ווייל מען קען אים ניט, אָדער ווייל מען קען אים.

מיר און זיי: מיר טרינקען וואַסער און שפּייען בלוט, זיי זויגן בלוט און שפּייען גיפט.

אָרימע עופ'עלאַך וואַקסן ווי נעגל אויף פינגער אין אַ שמו־ציקער האַנט. ווערן זיי ניט אָפּגעשניטן, דאַן ווערן זיי פאַרוואַקסן מיט בלאָטע.

צווישן וויגעלע און קבר: אַמאָל אַ לאַנגער יום־טוב, אַמאָל אַ פאַרשלעפּטע קרענק.

דעם רייכנ'ס חבור קומט פון דעם אָרימאַנ'ס חסור, און זיין כפל פון יענעמ'ס חלוק.

די מיליאָנערן געפינען ביסלאַכווייז אויס, אַז עס איז ווייניקער געפערלאַך צו האַלטן אין שפּאַן אַ גייסטרייכן מענטשן, ווי אַ „גייסטרייכן" פערד. דער געבילדעטער קנעכט פאַרטראָגט אפילו אַ בייטש לייכטער ווי אַ געבילדעטער פערד.

דעם אַרבעטער פאַלט אַמאָל אויך צו אַ פעטער ביסן, אָבער געוויינטלאַך נאָר דאַן, ווען ער האָט שוין ניט קיין ציינער מיט וואָס צו בייסן.

די אָרימע דינען, די רייכע פארדינען.

זינט דער אויבערשטער האָט זיך אין אַ בייזער שעה אויסגע־רעדט: „לי הכסף, לי הזהב" (מיינס איז דאָס זילבער, מיינס איז דאָס גאָלד) האָט ער פון די פרומאקעס קיין מנוחת נשמה נים.— ווייבער, לאָזט זיך דאָס פארטייטשן.

אמת, פרישע לופט קען מען האָבן אפילו אין דלות. אָבער דער דלות ברייננט דערצו, אז אַ מענטש זאָל פארלירן די לוסט צו פריי־שער לופט.

צווישן די, וואָס פארדינען צום לעבן, און די, וואָס לעבן צום פארדינען, איז דער אונטערשייד אייגנטלאך אזוי קליין, אז ווען די פארדינער צום לעבן האָבן קיין אידעאַל ניט פאר די אויגן, קענען זיי לייכט ווערן פון כשר'ע בהמה'לאך ווילדע חיות, דאָס הייסט, וואָס יענע, וואָס לעבן צום פארדינען, זענען.

די נויט איז די מוטער פון גנבה, די מוטער פון גנבים איז— די טורמע. אויך זייער דערציערין.

סאָציאַליסטן,*) רעוואָלוציאָנערן, אידעאַליסטן, אַרבעטער באַוועגונג.

אַ שיף גייט איבערן גרויסן, ברייטן ים אין ווינט און אין וועטער. זי קען אויסקומען מיט געוויינטלאַכע מאַטראָסן און יעדער

*) סאָציאַליסטן און סאָציאַליזם ווערן דאָ באַנוצט אין אַלטן זין. מאָרים ווינטשעווסקי האָט עס געשריבן איידער ס'האָט זיך פון זיי אָפגעטיילט דער רעוואָלוציאָנערער עלעמענט און זיך אָרגאַניזירט באַ־זונדער אונטערן נאָמען קאָמוניסטן.

קאַפּיטאַן קען זיין איר פירער. ערשט ווען די שיף דערנענטערט זיך צום האַפן, נויטיקט זי זיך אין אַ ספּעציעלן פירער, אין אַ שטייערמאַן (פּיילאָט), ווייל ביים ברעג זיינען דאָ אַן אַ שיעור פאַרבאָרגענע געפאַרן. דאָס איז אויך דער פאַל מיט יעדער באַוועגונג, זי נויטיקט זיך אַלץ מער און מער אין אַ גוטן שטייערמאַן, וואָס נעענטער זי קומט צו איר ציל.

ווען אַ קינד האַלט שוין ביים שטאַרבן, רופט אַ איד אַ דאָקטאָר — ניט פריער, פונקט אַזוי וואַרט אויך דער אידישער אַרבעטער ביז זיין יוניאָן האַלט שוין ביי דער גסיסה איידער ער הויבט אָן זוכן מיטלען ווי אַזוי די יוניאָן צו ראַטעווען. זייער אָפט טרעפט דער רופא שוין דעם מלאך-המות אין שטוב.

געוויסע סאָציאַליסטן זענען אין זייער ברידערלאַכקייט ניט בעסער ווי קין און הבל.

די לומפּן, וואָס געפינען זיך אין אונזער אַרבעטער באַוועגונג, באַווייזן בלויז, אַז זי האָט אַ ממשות. וואו איר זעט פּאַראַזיטישע פליגן, קענט איר זיין זיכער, אַז עס איז דאָ וואָס צו נאַשן.

אַ יוניאָן באַדאַרף דער ענגלענדער צו באַקעמפן דעם באָס, דער דייטש צו באַקעמפן דעם באָסיזם, דער אַמעריקאַנער צו באַקעמפן די באָסעס, דער איד — צום צייטנפאַרטרייב. (1895)

געוויסע אידעאַליסטן האַלטן זייער אידעאַל הויך,—אַזוי הויך, אַז זיי זעען אים אַליין ניט.

זינט שמשון הגבור האָט גובר געווען די פלשתים מיט דער באַק פון אַן עזל, מיינען די עזלען, אַז אַן זיי קען זיך קיין קאַמף ניט באַגיין.

הויבט איהר אָן אַ קאַמף, ניט ווילענדיג, אויב איהר קענט איהם אָנהויבען, דאַן געווינט איהר איהם—אויב איהר געווינט—ניט ווילענדיג, ציא איהר האָט עמעם געוואונען.

וואו עס קומען זיך צונויף אין ניו־יאָרק דריי סאָציאַליסטען, זענען דאָ פיר פּאַרטייען. (1899)

דריי סאָרטען מענטשען קען איך ניט פאַרטראָגען און אַ פערטען קען איך ניט ליידען: אַ לאַנג־יעריגען סאָציאַליסט, וואָס ווערט אַ לומפּ; אַ לאַנג־יעריגען לומפּ, וואָס ווערט אַ סאָציאַליסט; אַ לאַנג־יעריגען לומפּ־סאָציאַליסט, וואָס שפּילט אַ וואָזשנע ראָלע; און אַ טרייפען קוגל־טאָפּ, וואָס האַלט זיך פאַר אַ כלי פון ישעיה הנביא'ס קיך.

עס איז לייכטער צו קעמפען קעגען אַ גאָט, אין וועלכען מ'גלויבט ניט, ווי קעגען טיראַנען, אין וועלכע מ'גלויבט יאָ. דאָס דערקלערט די פּסיכיק פון די פילאָזאָפישע אַנאַרכיסטען.

אין יעדער אידעאַליסטען־גרופּע ברענט דער הייליגער שלהבת־יה. דערפון איז אין דער גרופּע פאַראַן ביי איינעם דער צינד־שטאָף, ביי אַן אַנדערן דאָס ברען־מאַטעריאַל, ביי אייניגע דער פלאַם, ביי די מערסטע דער... רויך.

וואָס מען רופט אין פּלוטאָקראַטיש־רעגירטע לענדער „אַ דעמאָקראַטישער וואַל־סיסטעם", הייסט אין תוך: אַלע שעפּסען האָבען דאָס רעכט זיך אויסצוקלייבען אַלס פאַרטרעטער וועלכען וואָלף זיי ווילען. — טאָמער דערווילען אַמאָל די שעפּסען אַ ברודער־שעפּס, אפילו אַ שעפּס־הארציגען וואָלף, שרייען די פּלוטאָקראַטען, אַז מען גראָבט אונטער די יסודות פון דער אַלטער געטלאַכער אָרדענונג. עס איז צום לאַכען, ניין?

אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וואָס איז ניט קיין אַרבעטער-פּאַרטיי, איז אַ נשמה אָן אַ גוף; אַן אַרבעטער-פּאַרטיי, וואָס איז ניט קיין סאָציאַליסטישע, איז אַ גוף אָן אַ נשמה.

איינע איז אַ דאַך אָן אַ בנין, די צווייטע אַ בנין אָן אַ דאַך.

ווען די דייטשע רעוואָלוציע פון 1918 איז געקומען, האָט מען געזעהן, אַז די אימפּעריע האָט געהאַט ניט פינף־און־צוואַנציק קער-פערשאַפטן אונטער איין קאָפּ, נאָר פינף-און־צוואַנציק קעפּ אונ-טער איין הוט, און דאָס טאַקע אַ פּיקל־הויב.

די רויטע פאָן—אין דער שוואַרצער האַנט—פון געלע פאַרשמי-רער—פון ווייס פּאַפּיר—מאַכט גרינע לעזער—אויסזען ברוין און בלוי.

לאַסאַל: אים איז דאָס אידנטום צו ענג, די מענטשהייט צו ברייט, דאַרף ער דייטשלאַנד; איז ער אַ נאַציאָנאַלער סאָציאַליסט.

לאָזן זיי אונז צו־רו, אַגיטירן מיר; גרייפן זיי אונז אָן, אַגיטירן זיי.

פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן און פּרינציפּיעלע רעאַקציאָ-נערן ווייסן קיינמאָל ניט, אַז עס איז אַ רעוואָלוציע, ווען אַזעלכע ברעכט אויס. זי זעט קיינמאָל ניט אויס אַזוי, ווי דער רעוואָלו-ציאָנער האָט געהאָפט, ווי דער רעאַקציאָנער האָט זיך געשראָקן, אַז זי וועט זיין.

ווי עס איז ניט גענוג צום ווערן אַ קינדער-דערציער דאָס, וואָס איר האָט אין קעשענע אַ הייראַט־שיין (מערעדזש סערטיפיקייט, בלע"ז), אַזוי איז ניט גענוג צו האָבן אַ רויט קאַרטל, כדי צו ווערן פּראָפּאַגאַנדיסט פון סאָציאַליזם.

פּאָטערלאַנד־פּאַטריאָטן זיינען ניט פאראן אזוי פיל ווי שטאָט־פּאַטריאָטן, אפשר זאָגאר הויף־ און הויז־פּאַטריאָטן.

דער רוסישער פויער גלויבט אין גאָט און אכטעט ניט דעם גלח; האָט ליב דעם קיסר און האסט דעם טשינאָווניק; האלט פון נערעכטיקייט און וויניק־וואָס פון ריכטער. גאָט, דער קיסר, דאָס רעכט זיינען אים ליב פון וייטן, אָבער פארהאסט, ווען זיי באוויזן זיך דורך שטעלפארטרעטער. (1893)

וואָלטן די מייסטע קבצנים געווען סאָציאַליסטן, אַנשטאָט וואָס די מייסטע סאָציאַליסטן זיינען קבצנים,*) וואָלט ניט נויטיג געווען קיין פּראָפּאַגאַנדאַ.

מיטן זומער קומען די פליגן—אַ באוויז, אז דער סאָציאַליזם איז אין דער לופט, קענט איר האָבן דערפון, וואָס די פּאַראַזיטן רייבן זיך ארום אים.

זאָל דער סאָציאַליזם ווערן — ווי מאנכע ווילן האָבן — אַן אמונה, דאַן בין איך דער ערשטער אפיקורס דאַגעגן.

גלויבט ניט, וואָס מען זאָגט אייך, אז די גאולה וועט קומען, ווען עס וועט אויסגיין די לעצטע פּרוטה פון קעשענע. די מעשה איז פאַרקערט, ווען די גאולה וועט קומען, וועלן פארשווינדן די פּרוטות.

איך טרעף אָפט מענטשן, וואָס שרייען מיט קולות, אז סאָ־ציאַליזם איז אַ פּוסטער חלום. „אויב אזוי"—זאָג איך צו זיי,—„טאָ וואָס־זשע שרייט איר?"

*) זע באַמערקונג אָנהייב קאַפּיטל.

פון שרייען דריי מאָל א טאָג: „תקע בשופר גדול לחירותנו!“ וועט די גאולה ניט קומען. געוויסע פרייהייטס־קעמפּער מעגן זיך דאָס מערקן.

פרייהייט, געזונטהייט און גליק פילט מען ניט, כל זמן מען האָט זיי. אין טורמע, אין קראַנקהייט און אין צרות לערנט מען זיך אויס זיי שעצן.

די גרעסטע נאַרישקייט, וואָס משה רבינו איז באַגאַנגען, איז געווען, וואָס ער האָט צעבראָכן די לוחות בעת ער איז אַרונטער־געקומען פון בארג סיני און האָט געפונען די אידן זיך בוקנדיק פאַרן גילדערנעם קאַלב. דאָס איז געווען ניט קלוג פון אים, ווייל גראַד דאַן זיינען די לוחות נויטיק געווען. — מאַנכע פון די הייב־טיקע אידעאַליסטן טוען דאָס זעלביקע. ווען זיי זיינען אָפּ א צייט אין די עולמות עליונים, פאַרטאָן אין הויכע פּלענער, ווי אזוי בעסער צו מאַכן די וועלט, און לאָזן זיך דאַן אראָפּ צו די שטערב־לאַכע מענטשן און געפינען זיי אויף די קני פאַר א היינטיקן גיל־דערנעם קאַלב, ווערן זיי אויך ברוגז („דיסגאָסטעד“ רופט מען דאָס) און צעברעכן אויך די לוחות פון זייער אידעאַל דוקא דאַן, ווען עס איז אזוי וויכטיק זיי צו האַלטן הויך.

אַלע זעען, אז דער געזעלשאַפטלאַכער קערפּער איז קראַנק. ווי היילט מען אים? „שטעלט פּיאַווקעס“, זאָגט די טיראַניי. „גיב אים האָמעאָפּאַטישע פּולווערלאַך“, זאָגט די פילאַנטראָפּיע. „און איך“, רופט זיך אָפּ דער סאָציאַליזם, „פאַרשרייב מער לופט, ריי־נערע וועש, בעסערע שפּייז, פיר שעה ארבעט א טאָג צו קרעפטיקן זיינע מוסקולן און צו שטאַרקן זיינע נערוון און צו רעגולירן די צירקולאַציע פון זיין בלוט“. — דאָס הייסט, היגיענע געגן בלוט־לאָזן און פּולווערלאַך.

אזוי ווי אנדערע מתים, ווערן אויך געשטאָרבענע אידעאַלן

מיט דער צייט פארגעסן. זיי קומען פונדעסטוועגן אָפט צו-חלום און ברייננען ארויף אַ שרעקלאכע מרה־שחורה.

די, וואָס מיינען, אַז דער סאָציאַליזם מוז דעם פּאָלק איינ־געגעבן ווערן ווי ביטערע רפואות, ביסלאַכווייז, אין אַן עסלעפל וואסער, אָדער אַ־ניט, איינגעמאכט אין היפּאָקריטישע קאפּסולן, וואָס שלינגען זיך לייכט ארונטער,—די וואָס מיינען דאָס פארגעסן, אַז דאָס, וואָס דעם פּאָלק פעלט, איז ניט דער קוראַזש זיך צו לאָזן היילן, נאָר דער פארשטאַנד צו וויסן, וואָס אים פעלט.

מענטשן זעען ניט דעם בליצשטראַל פון דער קומענדיקער צייט, וואָס ברעכט זיך דורך די וואָלקנס, אַוואו זיי הערן ניט דעם דונערשלאָג פון אַ רעוואָלוציע. אויך די צווייפיסיקע חמורים האָבן לאַנגע אויערן און אַ קורצע ראיה.

ווען איר האָט אויספּרובירט אַלע מיטלען ווי אַזוי צו זיך צו־צוציען די פאָלקסמאַסן, און אייער ארבעט איז געווען אומזיסט, דאַן פּרובירט ליבע.

אַ פאָלקס־אויפשטאַנד איז נאָך ניט די רעוואָלוציע. עס איז נאָר אַ ברעכמיטל, נאָך וועלכן די אמת'ע רעוואָלוציע קען זיין אַ היילמיטל. נאָך איר וועט אַ געזונט-געוואָרענע געזעלשאַפט זיך מוזן אנדערש איינאָרדענען דאָס לעבן, כדי אַז דער מאָגן זאָל מער ניט איבערגעפילט ווערן מיט אַלערליי שמוץ.

אידן זיינען געוואוינט צו האָבן אַ רב, וואָס זאָל זיי פסק'ענען שאלות; אַ שליח־צבור, וואָס זאָל פאר זיי דאַווענען באַם עמוד; אַ שמש, וואָס זאָל זיי רופן אין שול אריין, און אַ מגיד, וואָס זאָל זיי זאָגן מוסר. אידישע יוניאָן־ארבעטער בלייבן אידן: זיי נוי־טיקן זיך אויך אין עצה־געבער, אין פּאָרזיצער, אין אונטערשמייסער און אין מוסר-זאָגער.

וואָס איז אַ סטרייק? דאָס שטימט מען די פידלען אינם אָר־קעסטער. אפילו די רעוואָלוציע וועט ערשט זיין אַן אָווערטיורע. נאָך דעם ערשט קומט די דראַמאַ. אין איר וועט אַ טייל פאָלק שפּילן די העלדנראָלע, אַ טייל וועט בלויז צו־זען, אייניקע וועלן זיין די רעזשיסאָרן, אַנדערע וועלן סופלירן. וועט דערפון ווערן אַ לוסט־שפּיל, אַ טרויער־שפּיל? דאָס וועט אָפּהייגען פון עולם. באַם לעצטן אַקט וועט שוין דער פאָרהאַנג זיין אַראָפּגעלאָזן.

געוויסע ענטוזיאַסטן זייגען ווי שוועבעלאַך: זיי כאַפּן זיך אָן ביים ערשטן רייב, צינדן אפשר אונטער אַנדערע מיט זייער פייער, אָבער אַליין ברענען זיי זיך שנעל איבער.

איינער פאַרשטייט זיך אויף דער צייט גאָר אָן אַ זייגער; אַ צווייטער מוז כסדר קוקן אויפן ציפערבלאַט, כדי צו וויסן ווי שפּעט עס איז; אַ דריטער פאַרשטייט אפילו דאָס ציפערבלאַט ניט, און ווייסט ניט וואו ער איז אין דער וועלט, כל זמן ער הערט ניט שלאָגנדיק...

מערקווירדיק, די זעלביקע מענטשן, וואָס גלויבן, אַז די מתים וועלן אַמאָל אויפשטיין, קענען זיך ניט פאָרשטעלן, אַז די לעבעדי־קע זאָלן דאָס אויך טאָן: מאַכן אַן אויפשטאַנד.

אַ דאָקטאָר, וואָס פאַרשטייט ניט אַ קראַנקהייט, גיט דעם קראַנקען עפּעס צו פאַרהיטן, עס זאָל, לכל הפחות, דעם חולה ער־גער ניט ווערן. דערביי האַלטן זיך אין ענגלאַנד און אַנדערשוואו די טרייד־יוניאָנס.

פּוסטע אידעאַלן קומען מיר פאָר ווי גראָשענע ליכטלאַך: לייכטן ניט בעת זיי ברענען און לאָזן איבער אַ גערוך אויסגע־גענדיק.

די פּויערים ווייסן, ווען עס דאַרף אָנקומען אַ שטורם. אַ ו מן האָבן זיי, דער שוויין ווערט אומרואיק, לויפט הין און צוריק מיט אַן אויפגעהויבענעם שנוק און זעט אויס שטאָלץ. איז דער סימן אַ ריכטיקער, קען דער סאָציאַלער שטורם זיין ניט ווייט: די קאַפּיטאַליסטישע שווייגען זיינען עפּעס צו אומרואיק און האַלטן די שנוקעס צו הויך פאַרריסן.

זיי שרעקן דעם עולם דערמיט, וואָס דער סאָציאַליזם וועט איינפירן פרייע ליבע. זיי ווילן עס זאָל בלייבן ווי היינט: געצוואונגענע ליבע, אָבער פרייע פּראָסטיטוציע.

דער סאָציאַליזם ווערט פאַרווירקלאַכט פאַר אונזערע אויגן און מיר מערקן עס ניט, אַ שטייגער ווי עלטערן מערקן ניט, ווי זייערע קינדער וואַקסן פון טאָג צו טאָג.

אין פייער ווערט אייזן צעשמאָלצן, און דאָס האַרטסטע האַרץ קען צעגיין דורך אַ היציקער רעדע. מען מוז אָבער מיט הערצער זיך באַגיין ווי מיט דעם מעטאַל אין גוס-אייזן-פאַבריקן: מען מוז זיי מאָדעלירן אינם פורעם איידער זיי ווערן צוריק פאַרהאַרטעוועט.

דער, וואָס וויל אין דעם עפנטלאַכן לעבן שפּילן די ראָלע פון אַ בעזים, מוז זיין באַרייט צו ווערן באַשמוצט פון דער זעלביקער בלאָטע, וואָס ער וויל אויסראַמען.

אונזער היגע באַוועגונג, די סאָציאַליסטישע, איז אַמאָל אַזוי־נע, וואָס דרייט זיך ווי אַ „רעוואָלווינג־דאָאָר“, אָדער וואָס הויבט זיך און זינקט אַרויף און אַראָפּ ווי אַן עלעווייטאָר, אָדער וואָס וויגט זיך אַהין און צוריק ווי אַ ראָקינג-טשער (שאָקל־שטול). מיט דער צייט געפינט איר, אַז זי רירט זיך ניט פון אָרט.

מאַרקס און ענגעלס: אייגענער שיין און רעפלעקטירטער אָפּשיין—די זון און די לבנה.

די פאַרמענטשלאַכונג פון געטער מאַכט לעכערלאַך די פאַר־געטערונג פון מענטשן.

פרייהייט, אָרדענונג, דיסציפּלין.

ווען מענטשן זיינען ניט פאַראייניקט דורך אַן אידייע, העלפט ניט די שטרענגסטע דיסציפּלין. אַ באַלעבטער קערפּער האַלט זיך אַן אַ שטייפן גאַרטל, בעת קיין שום גאַרטל וועט ניט צוזאַמענ־האַלטן אַ גולם, צי פון שניי אָדער פון ליים.

פונדעסטוועגן איז אַ געוויסער גראַד פון אָרגאַניזאַציאָנעלער דיסציפּלין נויטווענדיק אין יעדער קערפּערשאַפט. מער נישט, די דיסציפּלין דאַרף זיין אַ ריכטשנור, ניט אַ וויקלשנור: אַ מיטל צום צוזאַמענווירקן, ניט אַ קאָרסעט אַרויסצודריקן די נשמה און צו שטערן די פרייע באַוועגלאַכקייט.

צווישן טיראַניי און אָרדענונג איז דער אונטערשייד דער זעלביקער ווי צווישן אַ צוואַנגיאַק און אַ וועסטל, צווישן אַ פּעט־ליע אַרום האַלז און אַ ווייסן קאַלנער.

ווי איר קענט ניט דינגען אַ שליח־צבור, וואָס זאָל פאַר אַלע־מען עסן, אַזוי קענט איר ניט זעטיקן אייער מוח דורך דעם, וואָס איר וועט האַלטן אַ קהל׳שן דענקער, וואָס זאָל דענקן און דעם גאַנצן עולם מוציא זיין. אַזוי אויך קען איינער, וואָס ווייסט בע־סער דעם וועג, זיין אייער וועגווייזער, גיין מוזט איר אָבער אַליין און שטענדיק מיט אָפענע, קלאָרע, קריטישע אויגן.

אַלע מענטשן, זאָגט בערנע, פאַרלאַנגען פרייהייט. דער אונ־

טערשייד איז נאָר, וואָס די גוטע מענטשן ווילן די פרייהייט פאַר אַלעמען, די שלעכטע בלויז פאַר זיך אַליין. — בערנע האָט געמעגט גיין אַ שריט ווייטער און זאָגן, אַז די פרייהייט, וואָס די שלעכטע באַדאַרפן פאַר זיך, דינט זיי מייסטנס טאַקע צום אונטערדריקן די פרייהייט פון אַנדערע.

ביי די ענגלענדער איז די פרייהייט אַ מין פריוואַט־אייגנטום, צו וועלכער זיי לאָזן ניט צו קיין פרעמדן, אַ שטייגער עגיפּטער, הינדוסן, בורן און אַנדערע; פּונקט אַזוי ווי, למשל, ראַקעפעלער גלויבט ניט, אַז אַרבעטער קענען באַדאַרפן אַ פּאַלאַץ ווי זיינעם.

פּרעה מלך מצרים איז ניט געווען דער איינציקער טיראַן, וואָס האָט אַנדערש ניט געגעבן קיין פרייהייט, וואו ער האָט ניט פריער געקראָגן קלעפּ, מכות אכזריות. קוקט זיך צו צו די רוסי־שע קיסרים — פון פּאַוועל דעם ערשטן ביז ניקאָלאַי דעם לעצטן.

וואָס ביי אַנדערע מענטשן איז אַ מיתה משונה, איז ביי אַ רוסישן קיסר אַ נאַטירלאַכער טויט.

צו פּרעה'ן זיינען געקומען משה, דער געזעץ־געבער, און אהרן, דער רעדנער. אַזוי זיינען געקומען צום קאַפּיטאַליזם מאַרקס און לאַסאַל. און ווי משה און אהרן, אַזוי זיינען אויך די נייע פריי־הייטס־קעמפער געשטאָרבן איידער די גאולה איז געקומען: לאַ־סאַל פריער ווי מאַרקס, אהרן פריער ווי משה.

די פעלקער, וואָס זיינען ניט פייאיק זיך זייער פרייהייט צו נעמען, און ווען זיי קריגן זי, זי צו פאַרטיידיקן, זיינען אויך ניט פייאיק די פרייהייט זייערע—די געקראָגענע—צו געברויכן.

לינקאָלן האָט אין גרונד בלויז געענדיקט וואָס גאַריסאָן און

וועגדעל פּילפּס האָבן אָנגעפאַנגען. אָבער ווי זאָגן אונזערע חכמים? — „אין המצוה נקראת אלא על מי שגומרה“.*)

פּראָזנהעלדן זיינען אָפט פּראָזנשקלאַפן.

אַ מענטש אין אַ פּאַרטיי דאַרף זיין אַ פויגל אין אַ סטאַיע, ניט אַ ציגל אין אַ וואַנט: פרייוויליק פאַראייניקט, ניט מיט געוואַלד צונויפגעמויערט מיט אַנדערע.

אַן איבערפלעכלאַכער ענטוזיאַזם איז ווי אַ קעסל אויפן פייער: ער קילט זיך בּיסלאַכווייז אָפּ, אַזוי גיך ווי מען נעמט אים אַרונטער; ניט האָבנדיק קיין אייגענע היץ, מוז מען אים כסדר אונטערגעבּן פייער. פון צו שטאַרקער היץ פּלאַצט ער אַמאָל גאָר אינגאַנצן — אויך ווי יענער קעסל.

ביי אונז אידן זיינען די מענטשן, וואָס ריידן אַממייסטן וועגן דיסציפּלין, טאַקע די, וואָס איר קענט קיינמאָל ניט דיסציפּלינירן. פאָלגן? יע. אָבער אַנדערע — זיי.

פרייהייט אָן גלייכהייט איז נאָר מעגלאַך אין אַ ווילדערניש; גלייכהייט אָן פרייהייט — בלויז אין טורמע. צו פאַראייניקן פרייהייט מיט גלייכהייט בעט זיך ברידערלאַכקייט.

שפּראַך, ליטעראַטור.

פון דער „אַגיטאַציע“ אין פּאָעזיע ביי אונז ביז דער דעקאַדענץ: פריער אַ לשון אָן ווערטער, היינט ווערטער אָן אַ לשון.

---

*) אַ מצוה ווערט אָנגערופן אויפ׳ן נאָמען פון דעם, וואָס פאַרענדיקט.

„אַזאַ זאַך? ביי מיר ווערט דאָס איינס, צוויי, דריי!“

איך גלויב אייך. דאָס ווערט ביי אייך פון אַ פּאַרטיקן פורעם אויסגעגאָסן, נאָך אַ באַקאַנטער צייכענונג, מיט פּאַרטיקע געצייג. ביי מיר ווערט דאָס ניט געמאַכט, נאָר געבוירן, און דערפאַר איז דער טראָגן ניט לייכט און די געבורט פאַרבונדן מיט חבלי לידה.

אַ מענטש מיט טאַלענט איז אָפט אַ ליריקער אין דער יוגנט, אַ דראַמאַטיקער אין די מיטעלע יאָרן און אַן עפּיקער אויף דער עלטער.

אין לעבן ווי אין דער דיכטונג: דער ליריקער לעבט דורך, דער דראַמאַטיקער דערלעבט, דער עפּיקער לעבט איבער.

ביי אונז האָט פאַרצייטן שלמה אין דער יוגנט געזונגען שיר השירים, אין די מיטעלע יאָרן געזאָגט משלי, אויף דער עלטער פילאָזאָפירט אַלס קהלת.

פאַראַן פיר מינים שרייבער, ואלו הן: שרייבער, אָנשרייבער, פאַרשרייבער און איבערשרייבער. די לעצטע קאָפּירן בלויז אַנדערע; די פאַרשרייבער קלייבן כסדר מאַטעריאַל און שרייבן קיינמאָל ניט; אָנשרייבער זיינען די, וואָס שרייבן—צי זיי האָבן מאַטעריאַל, צי ניט; שרייבער זיינען די, וואָס קלייבן בוי־שטיינער, האָבן אַ פּלאַן, מאַכן זיך צעמענט און בויען דאַן זייער ליטעראַרישן בנין.

„אַ גוטער שרייבער!“ איז דאָס דען מיין שולד, וואָס איך קען שרייבן, דאָס איז אַ מזל אַזעלכער! פרעגט מיך דער רבש״ע איידער ער שיקט מיך אַרויס אויף דער וועלט, וואָס וויל איך בעסער—אַ פעדער אין האַנט, אָדער אַ פּוטערקלעצל אין מויל? ענטפער איך און זאָג: טאַטע גרויסער! מאַך וועמען דו ווילסט פאַר

א פעדער־פירער, מיר גיב עסן און א מאָגן, וואָס קען אַלץ פאַרדייען, —אַלץ, פון קאָוונער דאַרער קישקע ביז א ווילנער רעטשישניק, פון פראָזאאישער פראָזא ביז דעקאַדענטישער פּאָעזיע.

מער גוטע דערציילונגען גייען לאיבוד דורך שלעכטע לעזער, ווי גוטע דראַמען דורך אומפּייאיקע שוישפּילער.

עס זיינען פאַראַן ווייניקער שרייבער, וואָס קענען לעזן, ווי לעזער, וואָס קענען שרייבן. — דערפאַר פעלט אונז די קריטיק.

יונגע שרייבער! שרייבט מיט רעספּעקט פאַר אייער לשון, פאַר אייערע לעזער און פאַר זיך אַליין. א גוט בילד דאַרף האָבן א שענעם ראַם און, דער עיקר, די נויטיקע פאַרבן ריכטיק געמישט. אזוי דאַרף אויך א גוטער איינפאַל האָבן דעם ריכטיקן אויסדרוק, פיין קאָלאָרירט. בושה פאַר זיך אַליין מוז זיין דער אָנהויב פון דער וועלט־בושה פאַר אייך.

א ליכט פלאַקערט אויף שטאַרקער ביים אָנצינדן און ביים אויסגיין. באַווייזט, ווער ווייסט, ביאַליק'ס גרויסער פלאַם אָן אויפצינדן, אָדער די אויסלעשונג פונם העברעאישן פּאָעזיע־פייער?

אַלע פּאָעטן זיינען קינדער, אַלע קינדער זיינען פּאָעטן. איך רייד, פאַרשטייט זיך וועגן אמת'ע פּאָעטן און אמת'ע קינדער.

פרויען און גרויסע דיכטער פילן זייערע געדאַנקען, דענקען זייערע געפילן און זעען אָפט מיטן הארצן.

דער שרייבער, וואָס קען אַמווייניקסטן פאַרטראָגן קריטיק, האָט אַממייסטן ליב צו קריטיקירן.

דער, וואָס קען שרייבן א בוך און ברענגט זיין טאַלאַנט אין

ניוועץ אויף צייטונגס־ארטיקלען, דער בייט אוים א רענדל אויף קופערנע קליינע מטבעות, כדי צו האבן אלע טאג א מעסטל הייסע באבן.

ע ר איז צווישן קינסטלער א שרייבער, צווישן שרייבער א בעל־עגלה, צווישן בעלי־עגלות א פערד, צווישן פערד א פאדלע. ער? ווער? נו, וואס איז די נפקא־מינה?

אויסצודריקן א גרויסן קלאג דארף מען א לשון און ווערטער. והוא הדין אין דעם פאל פון א גרויסער שמחה. — ערשט ווען מען נויטיקט זיך אין לשון, זעט מען ווי נוצלאז ער איז.

אויב אן ארימער דיכטער איז אין ווילנע א נאר, איז ער אין ניו יארק א נאר און א בעל־עגלה. דא איז דער דלות אפילו ניט ערלאך.

פייער און וואסער טרעפן און פאראייניקן זיך. ווייסט איר וואו? אין אידישער פאעזיע, אין אגיטאציע־ארטיקלען פון פייער־שפייער און אין שפיריטוס.

„באזינגט אונז אויף אידיש!“ האבן עטלאכע רויזן, ליליען און אנדערע בלומען געזאגט צו מיין מוזע. — „גוט“, — האט זי געענטפערט, האט אויפגעהויבן איר קול און האט אנגעפאנגען א באגייסטערטן געזאנג. פלוצים האט זי דערהערט פון וויטן א קרעכץ פון הונגער פון א קינדער־ברוסט. מיין מוזע'ס געזיכט איז פארצויגן געווארן מיט וואלקנס, דער שמייכל איז אפגעשטארבן אויף אירע ליפן, דער קול איז פארלאשן געווארן ווי דער לעצטער קלאנג פון א גלאק, זי אליין האט זיך פארטראכט, פארטראכט, פארטראכט ביז זי האט פארגעסן אן די בלומען. און אזוי איז זי געבליבן א מרה־שחורה'דיקע ביז היינטיקן טאג.

מאַנכע שרייבער באַהאַנדלען זייערע לעזער פּונקט אַזוי, ווי א מוטער פירט זיך מיט איר קליין קינד. זיי באַנוגענען זיך ניט מיטן דערלאַנגען דעם לעזער שפּייז פאַרן מוח. א שטייגער: נאַ, נעם, עס! זיי מאַכן אים פריער אַפּעטיט, רימענדיק זייער מאַנע־קאַשע, דאַן גיסן זיי איין, פאַרזוכן זי אַליין, דאַן דערלאַנגען זיי לעפלווייז; ציטערנדיק טאָמער וועט דער לעזער חלילה בלייבן הונגעריק, שטאָפּן זיי אים איבער, אַזוי אַז ער פאַרדייעט ניט די שפּייז, אָדער ער האָט דערצו שוין קיין אַפּעטיט ניט א צווייטן מאָל.

די צייטונגען זיינען, דאָס איז אמת, די ווייזערס אויף דעם ציפערבלאַט פון יענעם זייגער, וואָס מיר רופן „צייט״. ליידער גייען די מייסטע פון זיי פאַלש: די קאָנסערוואַטיווע קריכן, די ראַדיקאַלע לויפן.

אמאָליקע אידישע מחברים פלעגן לויבן זייערע אייגענע ספרים סיי אין די פאָדערבלעטער, סיי אין די הקדמות צו זייערע ווערק. — ליטעראַרישע קרעמער, וואָס לויבן זייער סחורה סיי אין טיר פון קראָם, סיי בשעת זיי ווייזן אייך די סחורה.

אמאָל האָבן מיר געהאַט א העברעאישע שפּראַך און א אי־דישן זשאַרגאָן, היינט האָבן מיר א אידישע שפּראַך און א העב־רעאישן זשאַרגאָן.

אידן און אידישקייט.

ביז איצט האָט זיך ביי אונז אַלצדינג אָנגעהויבן מיט פייער און אויסגעלאָזן מיט רויך.

מיר זיינען א צווייג אויף מער ווי איין בוים—גרויסע און קלענערע—אָבער ניט א בוים אינם וועלט־גאָרטן.

אַ איד ברויכט צו האָבן, אַ טייטש האָט צו ברויכן—דאָס רעדט זיך אַזוי....

דער איד אין אַמעריקע: אַ נאַציע אָן אַ לאַנד אין אַ לאַנד אָן אַ נאַציע.

צו זיין אַ איד אין מיטל־אַלטער האָט געמיינט צו טראָצן עלע־מענטן אין פרעמדע לענדער מיט פּסוקים, צו קעמפן געגן רוחות אויפן בוידים מיט שמות.

מענטשן און פעלקער קענען ווערן אַזוי לאַנג געשלאָגן ביז זיי הויבן אָן צו פאַרדינען די קלעפּ.

די שמעלצטאָפּ־פילאָזאָפן מיינען, דער איד דאַרף בלויז ריידן דעם לשון פון „זיין מדינה", איז ער שוין אַ מענטש מיט אַלעמען צוגלייך. אַ טעות: וואָס בעסער ער רעדט די לאַנדעס־שפּראַך, אַלץ מער דערקענט מען אים צווישן גוים, אַז ער איז אַ פרעמדער.

און דער צלם אלקים — דער נאָז?

ווערליק ווי דאַרווין וויל האָבן, נעמען אָן געוויסע אינסעקטן מיט דער צייט דעם קאָליר פון גראָז, כדי אַז די ברואים, וואָס זוכן זיי צו פאַרשלינגען, זאָלן זיי ניט דערקענען. דאָס אָבער ראַטע־וועט זיי ניט פון דעם מענטשלאַכן פּוס מיט דער פּאַדאַשווע, אָדער פון דער פערדישער קאָפּיטע. — לייענט דאָס נאָך אַמאָל, ליבע אַסימילאַנטן.

מיטן גאַנג, מיט דער קליידונג, מיטן באָרד, ערטערווייז מיט דער באָרדלאָזיקייט וויל דער אַסימילאַנט באַווייזן דעם ענגלענדער, דעם טייטש, דעם פראַנצויז, אַז ער איז ווי זיי.

„אָ, איר זענט ווירקלאַך אַן אויסערגעוויינטלאַכער א י ד ״, מאַכן זיי אים אַ קאָמפּלימענט.

געבוירן אין דער ליטע אַלס אידיש־קינד, האָב מיך אויסגע־בילדעט צו זיין אַ רוס; זיינען געקומען די טייטשן, בין איך גע־וואָרן אַ טייטש. איצט איז קאָוונע די ליטווישע רעפּובליק און איך אַ ליטוואַק און טאָמער נעמען אונז איין די פּאָליאַקן, ווער איך גאָר אַ פּאָליאַק! אויב אַזוי איז די פראַגע: בין איך אַ רוס, אַ טייטש, אַ ליטוואַק אָדער אַ פּאָליאַק, העך קלאָוד מאָנטעפּיאָרע! *)

דער איד ברעכט געצן זינט אברהם בן תרח׳ס צייטן, מאַכט דער טייטש: ער איז אַן „איקאָנאָקלאַסט״.

זאָגט יאַנקעלע מוח
צו עשו׳ל האַנט:
דיר פעלט, צו דיין כוח,
מיין שאַרפער פאַרשטאַנד..
זאָגט עשו׳ל: ברודער,
וואָס טויג מיר זיין קלוג?
צום בלייבן ביים רודער
האָב׳ך שכל גענוג.

אידן קריגן רעכט און פרייהייט, ווי עופ׳עלאַך אַ צאָן: מיט יסורים. טאָמער שרייען זיי פּאַר גרוים ווייטאָק, באַקלאָגן זיך די שונאים, אַז דער איד לאָזט ניט שלאָפן.

דער איד אין אַמעריקע: אונטערן איירישמאַן, טיף אונטערן דאַטש אַמעריקאַן, נאָך טיפער אונטערן אַנגלאָ־זאַקס. דערפאַר אָבער איז ער איבערן איטאַליענער, הויך איבערן נעגער, נאָך העכ־

*) באַוואוסטער אידישער אַסימילאַטאָר אין ענגלאַנד.

כער איבערן כינעזער. דאָס איז דאָ אונזער יחוס און אונזער טרייסט: מיר שטייען אין מיטן.

איך קען אַ מאַן, וואָס דענקט ענגליש, רעדט רוסיש און זשעס־טיקולירט אידיש. ווייל ער מען זאָל אים האלטן פאר אַן אמערי־קאנער, וואָס קען ריידן רוסיש און מאכט מיט די הענט, ווייל ער האָט געלעבט צווישן פראנצויזן. אומגליקלאכער איד! אָן הענט, וואָלט זיך נאָך אפשר ווי־עס־איז פארשטעלט... אזוי אָבער...

טוען מיר עפּעס גוטס, זיינען מיר מענטשן; טוען מיר עפּעס שלעכטס, זיינען מיר אידן.

אידישיזם: דער לייבל *) איז וויכטיקער ווי די פלאַש, די פלאַש וויכטיקער ווי איר אינהאלט.

אידיש, אידישקייט, איד: צוערשט דער „ווי", נאָכדעם דער „וואָס" און צולעצט דער „ווער". דאָס איז אידישיסטישע לאָגיק, רחמנא ליצלן.

יעדעס פאָלק האָט אַ מוטער־שפּראַך. דער איד האָט אַ מו־טער־שפּראַך—אידיש, אַ פאָטער־שפּראַך—העברעאיש און אַ שטיפ־מוטער־שפּראַך—דער לשון פון דעם לאַנד.

סאַראַ בערנהאַרד איז דאָ ביי אונז אין אַמעריקע. זי וויל ניט, מען זאָל זי האלטן פאר אַ אידישער טאָכטער. קומט אַ רעפּאָרטער זי אינטערוויוען. ער פרעגט:

„וואָס זענט איר, מאַדאַם?"
„אַ קריסטין!" ענטפערט דער צונג.
„אַ אידינע!" זאָגט דער נאָז.

(16טער דעצעמבער, 1905)

---

*) די עטיקעטע.

אין רומעניע קוילעט מען אברהם יצחק ויעקב'ס איייניקלאך, און דער רבונו של עולם מאכט זיך ניט זעענדיק.

מען הרג'עט זיי אין אונגארן, און ער שווייגט.

מען שטיקט זיי אין פוילן, און ער, כביכול, רופט זיך ניט אָפּ.

און תפילות גייען ארויף צו אים דורכגעזאפט מיט בלוט און מיט טרערן.

איז די פראגע:

שלאָפט ער, חלילה, אָט אַ שטייגער ווי דאָס אינטערנאַציאָנאַלע געוויסן?

אָדער ארט עס אים ניט, עפּעס אזוי ווי ער וואָלט געווען א מיטגליד פון דער צער בעלי חיים חברה, וואָס דאגה'נען בלויז פאר בהמות?

אָדער איז דאָס אפשר א שפּיל אין געהיימער פּאליטיק, וואָס מיר, פּראָסטע בשר־ודמ'ניקעס פארשטייען ניט?

אונזער שכל איז באַנקראָט און די הערצער פלאַצן. ניטאָ קיין רחמנות—ניט אויבן, ניט אונטן.

די דייטשע געלערנטע וועלט האלט ניט שטארק פון מענדעלסאָן אלס פילאָזאָף. זיינען זיי גערעכט, אָדער איז ער צו פאר־שטענדלאך?

דער איד ברענגט קיין אַמעריקע מארך און קריגט דאָ מוס־קולן; ער ברענגט אידייען און פארשאפט זיך טעכניק; ברענגט דעם טיפן גערעכטיקייט־זין פון זיינע נביאים און קריגט דעם פּראַק־טישן זין פון די היגע פּאָליטישענס.

מיט די עשרת הדברות אין דער האנט שרייט דער איד: „לא תרצח!" — ער איז ניט מקפיד, ספּעציעל דאָ אין אַמעריקע, אויפן „כבד את אביך ואת אמך"; פארקנייטשט אַמאָל דעם „לא תגנב"; איז ניט אַלעמאָל זייער שטרענג אין דעם פּרט פון „לא תנאף" און האַלט פאר איבער זיינע קרעפטן דעם "לא תחמד".

אָבער ער הערט ניט אויף צו שרייען: „לא תרצח!“

זיך פאַרטראַכטענדיק וועגן קומענדיקע צייטן, האַלט דער „איי־דישער רעוואָלוציאָנער אין איין זאָגן: „והיה באחרית הימים“— פון ישעיה און מיכה׳ס צייט ביז משה העס און פערדינאַנד לאַסאַל.

עס העלפט ניט! אַ מלאך מעג מאַכן פון יעקב׳ן אַ ישראל, איר בלייבט ביים נאָמען און ביים כאַראַקטער, אין וועלכן איר זענט געבוירן געוואָרן.
און פעטער עשו פרעגט ניט, צי ישראל האָט זיין נאָמען גע־קראָגן דערפאַר, וואָס ער האָט אין קאַמף באַזיגט אַ מלאך. עשו געדענקט נאָר, אַז יעקב האָט ביי אים אַמאָל אויסגענאַרט צו־ערשט די בכורה און נאָכדעם דעם פאָטער׳ס ברכה. מסתמא, קלערט ער, האָט יעקב אויסגענאַרט דעם נאָמען ביים מלאך אויך.

מיין האַרץ איז, דאַכט זיך, אַזוי אידיש, ווי אַ האַרץ קען נאָר זיין; דער מאָגן אָבער איז אינגאַנצן אַסימילירט. טאָמער פאַר־סירט אַמאָל, אַז מיין האַרץ גייט אוים נאָך אַ שטיקעלע קוגל, דאַן גייט אוים מיין מאָגן נאָך ריצן־אויל—און דאָס גלייך, אויפן שטעל.

דער, וואָס לייענט, הויבט אָן פון אויבן און גייט ביז אונטן; דער, וואָס בויט, גייט פון אונטן אַרויפצוצו. מיר, אידן, אַלס אַ ביכער־פאָלק, בויען ווי מיר לייענען: אָנהויבנדיק פונם דאַך.
יע, און פאָליטיש אַנטוויקלען מיר זיך, ווי מיר לייענען פון רעכטס צו לינקס — אין דער יוגנט.

ניט קענענדיק האָבן פאַר זיך, ווי אַנדערע פעלקער, זיינע אייגענע פיר ווינקעלאַך, האָט דער איד איינגענומען די וועלט.

אַז מיר זיינען טאַקע אַן עם קשה עורף, באַווייזט אונזער איינ־געשפאַרטקייט אין בלייבן אַ פאָלק, ניט אַכטנדיק אויף דעם, וואָס

אַלע גרויסע דאָקטוירים האָבן אונז שוין לאַנג אָפּגעזאָגט דאָס לעבן.

גלויבן זיי אין גאָט, די צבועים?
אפשר. זיכער איז, אַז גאָט גלויבט אין זיי ניט.

די נאַציאָנאַל־אידן: נאָרדוי, זאַנגוויל, זשיטלאָווסקי, אימבער האָבן געהאַט גוי'אישע ווייבער; האָבן נאָכגעטאָן משה רבינו, וואָס האָט אויך געהייראַט אַ מדינית.

מיר אידן האָבן אָפּטער אַ קאַטער, ווי אַנדערע פעלקער. קומט דאָס אפשר דערפון, וואָס מיר האָבן לענגערע נעזער, אָדער דערפון, וואָס מיר לעבן פון ווינט.

ווען מיר, אידן, וואָלטן זיך געפּוצט ביים לעבן אַזוי ווייניק, ווי נאָכן טויט, וואָלט מען אונז אפשר ווייניקער פיינט געהאַט.

משומדים.
נאַרן, וואָס מיינען מיט אביסל וואַסער אָפּצואוואַשן אַזוי־פיל פאַרגאָסענע בלוט.

מען גיט אונז אַ תורה — ווערן מיר נתפעל און שרייען: נשעה ונשמע! צוערשט טאָן, נאָכדעם הערן. אַ קורבע צייט שפּעטער ווערן מיר אָפּגעקילט און מיר, די שרייער פון נעשה ונשמע האָבן שוין געמאַכט אַ גילדערנע קאַלב און רופן אויס: אלה אלהיך ישראל!

ווי אַ שוועבעלע צינדן מיר זיך גיך אָן און ברענען זיך גיך איבער.

אַמעריקע.

דער נעגער אין אַמעריקע איז פון אַ שקלאַף געוואָרן אַ קנעכט. אַמאָל איז זיין טרייבער געווען דער בייטש; היינט איז דאָס די נויט; אַמאָל איז ער געווען אַ פּאַרקויפטער, היינט איז ער אַ פאַרדונגענער; אַמאָל האָט אים דערמאָרדעט (אָן דין און אָן דיין) זיין אויבערהאַר, היינט טוט דאָס אַ ווילדער מאָב; אַמאָל האָבן זיך מיט אים געשעמט אַנדערע, היינט שעמט ער זיך מיט זיך אַליין. אַזוי איז ער דאָס באַפרייט געוואָרן און בכדי אַז ער, דער שוואַרצער, זאָל זיך ניט פילן צו־נידעריק קעגן די ווייסע לוינאַרבעטער, זעט מען, אַז זיי זאָלן פאַרשוואַרצט ווערן.

דער אַמעריקאַנער רעפאָרמער מיינט זייער אָפט גוט און זיין כונה איז צו טאָן גוטעס. די צרה מיט אים איז, וואָס ער „שפּרעכט אָפּ" אַן עין הרע דאָרטן, וואו עס בעט זיך אַן אָפּעראַציע. ער איז געוויינלאַך אַ גוטער „קרענק", וואָס פאַרשטייט זיך ניט אויף אַ בייזער קרענק.

דער דאָזיקער רעפאָרמער אין אַמעריקע גיסט אויס פּעך און שוועבל אויף וואָל סטריט, אויף דער בערזע. ער זעט דעם פּוזיר אויף קאַפּיטאַל'ס קערפּער און פאַרשטייט ניט, אַז ווען דאָס בלוט איז ניט ריין, זיינען פּוזירן אַ גאַנץ נאַטירלאַכע זאַך.

אין ניו יאָרקער טענעמענט־הייזער שטייגט דער אָרעמאַן אַלץ העכער, וואָס טיפער ער זינקט אין דלות.

מענטשן זיינען אין אַמעריקע וואָלוועל. דאָס לעבן איז דאָ אַ קטנית, ווייל חוץ וואָס מען ווערט דאָ צוגעבאָרן, ווערט מען אויך צוגעפאָרן. וואו דער אימפּאָרט פון מענטשן־לעבנס איז אַזוי גרויס, מוז די סחורה, נאַטירלאַך, זיין ביליק.

די אמעריקאנערריידן ווייניק, מחמת זיי קייען. זייער נוסח איז ניט רייב און שווייג, נאָר קיי און שפּיי.

אין אמעריקע דערציען די עלטערן זייערע קינדער ביז זיי ווערן צען יאָר אלט, מכאן דערציען די קינדער זייערע עלטערן.

„אך, גאָט ווייסט וואָס ער טוט",
זאָגט דער אדון פון שאָפ,
„אויב ער גיט ניט קיין הוט
דעם, וואָס האָט ניט קיין קאָפּ.
זאָגט דער טוער פון שאָפּ:
„אין אַ קאָפּ דאַרף זיין מארך,
און דער הוט אויף אַ קאָפּ
אָפט פּאַרדעקט בלויז דעם פּ...

בשעת אמעריקע איז אריין אינ'ם וועלט־קריג, האָב איך פּאַראַפּראַזירט שילער'ס וואָרט אין זיין גלאָקע:

„געפערלאך איזט דעם לייב צו וועקן,
פּאַרדערבלאך איזט דעם טיגערס ציין,
יעדאָך דער שרעקלאכסטער דער שרעקען
דאָס איזט דער מענטש אין זיינעם וואן".

אויף דעם פאָלגנדיקן אופן:

געפערלאך איז דעם לייב צו וועקן,
און שרעקלאך איז דעם טיגערס צאָן,
דאָך איז דער שרעק פון אלע שרעקן
אָט דער מלמד*) אויפן טראָן.

ווערטע הערן גנבים! אלץ, נאָר דאָס לאַטכעט ניט פון מיר.

*) פּרעזידענט ווילסאָן איז פריער געווען אַ פּראָפעסאָר.

א סובמארינקע א פאַרגעסענע, טרינקט זיך, גייענדיק כּפּ־הקלע פון איין כוואַליע צו אַן אַנדערער. זי וויל אַרויף און קען ניט. זאָג איך צו איר מיט הלל׳ס ווערטער:

„על דאטפט אטפוך, וסוף מטיפיך יטופון", און קוק זיך אַרום, צי שטייט ניט הינטערן רוקן ערגעץ אַ שפּיאָן.

אַמעריקע האָט איר לשון, אירע קלאַסיקער, איר יוריספּרו־דענץ, אפילו דעם אָנהויב פון איר בייזבאָל — פון ענגלאַנד; זי האָט אירע בעסטע פּייטערס און פּאָליטישנס פון אירלאַנד; זי האָט אירע פידל-שפּילער און פּאַפּיראָסנמאַכער פון אידן; אירע ווייבערשע מאָדעס פון פּאַריז; אירע אָפּערא־זינגער פון איטאַליע; אירע באַלעט-טענצער פון רוסלאַנד; די אָפּעראַס און די בעקער פון דייטשלאַנד; אַלע אירע אמונות פון אזיע; אירע נעגער פון אפריקע; אירע פאַבריק־אַרבעטער פון אייראָפּע; איר נאָמען „אַמעריקע" פון אַ מאַנאָפּאָליזירטער האַלבער וועלט, אפילו דער ניאַגאַראַ וואַסערפאַל איז ניט אינגאַנצן אירער, ווייל אַ טייל פון אים געהערט צו קאַנאַדע.

דער אַמעריקאַנער, וואָס האָט דערפונדן דעם קוויק־לאָנטש *) האָט געמוזט זיין אַ דאָקטאָר, אַ ספּעציאַליסט אויף מאָגן־קראַנק־הייט.

די אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע זיצט אויף דער היגער פּאָ־ליטיק ווי אַ שיינער (הגם לעבערדיקער) בגד אויף אַ הייקערדיקן קערפּער.

די רייכע אַמעריקאַנער קימערן זיך ניט וועגן אויסבילדן די קונסט. באַדאַרפן זיי איר, נייען זיי און קויפן: דער דאָלאַר איז פיר מאָל אַזוי מעכטיג ווי די דייטשע מאַרק און פינף מאָל

*) שנעלן איבערבייס (אין רעסטאָראַנען).

אזוי שטארק ווי דער פראנצויזישער פראנק און די איטאליענישע ליראַ. (1895)

אן ענגלישע צייטונג איז א ליטעראַטור־געשעפט; אן אמע־ריקאַנישע — געשעפטס־ליטעראַטור.

די אמעריקאנער באנוצן ניט זייער פרייהייט, מחמת זיי האַלטן איר זייער טייער, פּונקט ווי דער קאַרגער שעצט אזוי שטארק זיין בעסטן בגד, אז ער טוט אים קיינמאָל ניט אָן.

דאָ אין אמעריקע קען מען ניט איינזיצן אויף אן אָרט, אפילו אין דער היים קען דער אמעריקאנער ניט זיצן. ער מוז זיך וויגן אין א וויג־שטול.

די עלעקטריציטעט ווערט דאָ באנוצט צום מאָרדן: פאַרברע־כער אויף א שטול אין טורמע, אומשולדיקע מענטשן דורך די קאַרס אין גאַס. מען קומט דאָ אוים גאַנץ גוט אָן כאָלעריע.

אין ניו יאָרק גאָלן די איטאליענער, באַקן די דייטשן, וואַשן די כינעזער. נייען די אידן, שיכור'ן די אירלענדער, בעת די „אמעריקאנער" לעבן פון אָלעם פּאַרטיקן. יש אומרים: עס זיינען קיין אמעריקאנער אינגאַנצן ניטאָ.

די רייכע זין און טעכטער פון אמעריקע רופן זיך „די זין, די טעכטער פון דער רעוואָלוציע". אפשר, אָבער בלויז די רעוואָלוציע'ס ממזרים.

דאָס געלט, וואָס ווערט דאָ אויסגעגעבן אויף קייען טאַבאַק, איז א ביטערע עברה.

אמעריקאנער פרומע אידן האלטן שבת... פאר א שטער צו ביזנעס.

„איר זיינט זייער פאַרגעשריטן“, — זאָגט דער דייטש צום יענקי, — „אָבער די זון גייט ביי אייך אויף מיט זיבן שעה שפּעטער ווי ביי אונז“.

„איר מיינט“ — ענטפערט דער יענקי — „מיט זיבן שעה פריער“.

עדיסאָן פארצייטן וואָלט ענטוועדער פארערט געוואָרן ווי א גאָט, אָדער פארברענט געוואָרן ווי א מכשף.

בייזבאָל אין אמעריקע איז די איינציקע קונסט און דאָס איינציקע פארגעניגן, וועלכע דארף ניט ווערן אימפּאָרטירט.

בייזבאָל איז ווי דער דאָלאר, א קיילאכדיקע זאך, אָבער ניט אזוי פלאטשיק, ניט אזוי פראָזאאיש.

מען זאָגט, דער אמעריקאנער ווערט געבאָרן מיט א פּילקע אין דער האנט. ער רייבט זיך אוים די אויגן און פרעגט: ווער האָט געוואונען?

דריי מינים אמעריקאנער זיינען דאָ: אזעלכע וואָס קייען טאבאק, אזעלכע, וואָס קייען גאָם און אזעלכע וואָס קייען (נעבאך) די בלאָטע.

הערשער, פירער, רעדנער.

רוסלאנד שמעקט פולווער, און גאנץ אייראָפּע ניסט. (1906)

אמאָלקע פירער זיינען געגאנגען פאָראוים מיטן שווערד אין

דער האַנט. היינטיקע פירן מיט דער פעדער צווישן דריי פינגער און מיט אַ צונג, וואָס דרייט זיך רעכטס און לינקס.

פאַראַן רעדנער, וואָס נעמען זייערע געדאַנקען אויף פּראָ־קאַט, אַנדערע, וואָס קליידן זייערע געדאַנקען אין פרעמדע פראַזן; זייער פילע גנב'ענען, בשוגג אָדער במזיד, סיי די ווערטער, סיי דעם אינהאַלט.

דער אמת גרויסער אָראַטאָר איז דער, ביי וועמען די נשמה און דער גוף — די אידייע און איר אויסדרוק ווערן געבאָרן צו־זאַמען, אויף אַמאָל.

ביי אונז איז אַזוינער געווען יואל הנביא.

מיטן רוקן צום עולם שטייען ניט בלויז דיריגענטן פון אָרקעסטרעס, נאָר אויך הערשער פון פעלקער.

דאָס אומגליק פון אַ לאַנד מיט אַ מלך טפש באַשטייט ניט אין דעם, וואָס דער הערשער איז אַן אידיאָט, נאָר וואָס ער רינגלט זיך אַרום מיט אידיאָטן.

דער וועלט-קריג האָט די הערשנדיקע קלאַסן פון דער וועלט צונויפגעבראַכט, ברענגענדיק מיט זיך אחדות לגבי דעם שונא, דער שלום האָט זיי צוריק פאַנאַנדערגעטיילט דורך מחלוקות און מיספאַרשטענדנישן.

אויף דעם מזבח פון דער רוסישער טיראַניי פאַלן קרבנות סיי די געאָפּפערטע, סיי די כהנים ביים מזבח, אַמאָל זאָגאַר אַ כהן־גדול, ווי פאָן־פּלעווע. (1904).

צו טאָן אַ העלדנטאַט מוז מען זיין ענטוועדער זייער שטאַרק, אָדער זייער שוואַך.

באנקעס אָדער שפּאַנישע פּלינן — דאָס איז דער גאַנצער חילוק צווישן אַן אויטאָקראַטישער און אַ דעמאָקראַטישער רעגי־רונג. בלוט פון פאָלק צאַפּן זיי ביידע, מער נישט, די — אויף אַן איידעלן אופן, יענע אויף אַ גרעבערן.

ווען אַ טיראַן פאַרוואַרט צו רעדן, פאַרגעסט ער געוויינלאַך, אַז וואָס ווייניקער אַ מענטש רעדט, אַלץ מער דענקט ער.

אַלעקסאַנדער דער דריטער איז אויסגעגאַנגען (פון לעבן) ווי אַ איד גייט אויס שמונה-עשרה — הינטערוויילאַך, ווערנדיק אימער ריקשריטלאַכער.

דער רוסישער קיסר האָט געהאַט אַ סצעפּטער פון גאָלד צו האַלטן די פרייהייט אין צוים. די היגע רעפּובליק האָט אויס־געביטן דעם איין גילדערנעם סצעפּטער אויף טויזנטער פּאָלי־צייסקע קלאָבס, וואָס טוען די זעלביקע אַרבעט.

ווילהעלם דער צווייטער איז נאָך יונג. לאָז ער היינט שטאַרבן, וואָלט איך אויפשרייבן אויף זיין מצבה: „דאָ רוט אַ מאַן, וואָס האָט קיינמאָל ניט גערוט. האָט געהייסן דייטשער קיסר און איז געשפּרונגען פון דער הויט צו ווערן דער קייזער פון דייטשלאַנד“. (1895)

געשטאָרבן איז ביסמאַרק אין 1890, ווען ווילהעלם האָט אים פאַרטריבן פון עפנטלאַכן לעבן. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אין עולם התהו ביז מען האָט אים באַגראָבן אין 1898.

מדינות און שטעט.

פּאריז איז ברייט און שיין, ניו יאָרק — הויך און מאגנע־טיש, לאָנדאָן איז גרוים און אַלט, רוים — אַלט און גרוים.

לאָנדאָן איז געווען, פּאריז און ניו יאָרק וועלן זיין; רוים,— זאָגט מען— איז די אייביקע שטאָט.

דעם כוח האָט לאָנדאָן, דעם חן פּאריז, די אמביציע ניו יאָרק.

ענגלאנד איז אמאָל געווען די וועלט'ס פאבריק, נאָכדעם די וועלט'ס מלוה. היינט א פאבריק, וואָס פארלירט ביסלאכווייז די קונים צו דייטשלאנד, א פאון־שאפּ, וואָס לייט אַליין געלט אין אמעריקע.

קיין אמעריקע עקספּאָרטירט ענגלאנד א סך זאכן, צווישן זיי אירע אדעליקע ליידיקגייער פאר היגע רייכע בוטשער'ס טעכטער.

ציוויליזירטע פעלקער פּראָגרעסירן ווי עס פאָרן אויף דער אייזנבאן זאטע, פוילע פּאסאזשירן. זיי זיינען נאָר פריש און מונטער ביים ארויסגיין אויף דעם לאנגן לעבנס־וועג, דאן גייט אַלץ כשורה. אין דער צייט'ס צוג (טריין בלע"ז) דרעמלען זיי איין און כאפּן זיך נאָר אויף בעת דער צוג שטעלט זיך אָפּ. דאן רייבן זיי זיך אוים די אויגן, קוקן זיך ארום און אויב עס איז ניט פאָרגעקומען עפּעס אַן עקסידענט, שלאָפן זיי ווידער איין. ערשט ווען עס פאסירט א צוזאמענשטויס פון טריינס, ווערן זיי לעבעדיקע און נעמען קלערן, אפשר איז עפּעס ניט גלאַט.

פראַנקרייך האָט אין דער מלחמה געוואונען עלזאַס און פאַרלאָרן איר איידלקייט, — איר העפלאַכקייט, ווי מען זאָגט.

די אַלטע אייראָפּע: דייטשלאַנד איז איר קאָפּ אין אַ פּיקל־הויב; פראַנקרייך — איר הארץ; עסטרייך — איר בויך מיט קיש־קעס פון אַלערליי נאַציאָנאַליטעטן אינווייניק; איטאַליען — איר פּנים, שיין אָבער אַלט; שפּאַניען מיט אירע פּרוכט — איר גומען; די שווייץ מיט איר לופט — איר נאָז; ענגלאַנד — די הענט, וואָס אַרבעטן; רוסלאַנד — די פיס, אַמאָל טאַנצנדיק, אַמאָל אין לאַפּטשעס, אַמאָל אין קייטן, פּייאיק אויסצוהאַלטן דעם גאַנצן גוף. (1895)

דער חילוק צווישן דייטשער מעטאַפיזיק און דייטשן זויער־קרויט איז בלויז אָט דער: זויערקרויט האָט מער טעם. שווער צו פאַרדייען זיינען זיי ביידע.

אלערליי

איר זעט מענטשן וועלכע גנב'ענען ניט, ווייל זיי האָבן דעם מוט ניט דערצו; זיי רופן זיך ערלאַך, איך רוף זיי טרוסן.

איר זעט מענטשן, וועלכע באַטריגן קיינעם ניט מער, מחמת קיינער טרויט זיי ניט מער. זיי רופן זיך ערלאַך-געוואָרענע פֿאַרזאָנען — איך רוף זיי אומגליקלאַכע באַטריגער.

איר זעט מענטשן, וועלכע עפֿענען קיינמאָל די מויל ניט אויף, ווייל זיי קענען ניט ריידן; זיי רופן זיך קלוגע, איך רוף זיי פֿאַרשווייגענע נאַרן.

איר זעט פֿרויען, וועלכע באַהאַלטן זייער האַלז אין טיכער און אין הויכע קאָלנערס; זיי רופן זיך צנועות; איך בין חושד, אַז זיי האָבן שוואַרצע — העלזער.

איר זעט מענטשן, וועלכע געפֿינען חסרונות אין יעדן און מעלות אין קיינעם ניט; זיי רופן זיך מענטשן-קענער, איך רוף זיי לשון-הרע'ניקעס.

איר זעט סאָציאַליסטישע פֿאַנאַטיקער, וועלכע טוען פֿאַר זייער אידייע גאָרניט חוץ באַריידן אַנדערע, וואָס טוען יאָ עטוואָס; זיי רופן זיך אייפֿריקע אידעאַליסטן, איך רוף זיי לויזע מיילער — אין פֿוסטע קעפּ — אויף שוואַכע פּלייצעס — מיט אַ פֿאַרדאָרבענע האַרץ — פֿול מיט קנאה-שנאה.

איר זעט אַכצן-יאָריקע יונגע-לייט, וועלכע זיינען שוין פֿולקאָמענע קויפֿלייט, אָן יעדעם געפֿיל, חוץ געלט-ליבע; זיי רופן זיך פּראַקטישע מענטשן, איך רוף זיי געמיין.

איר זעט שעפּסן, וועלכע מיידן אויס יעדן וואָלף, אַנשטאָט אים געמיינשאַפֿטלאַך צו באַקעמפֿן; זיי רופן זיך פֿרידלאַכע פֿאַר־

זאָגען, איך רוף זיי שעפּסן.

איר זעט מענטשן, וועלכע גייען אין קרומע וועגן, ווייל אין די וועגן זיינען זיי תמיד געגאנגען; זיי רופן זיך קאָנסענקוועגטע מענטשן, איך רוף זיי אומפּאַרבעסערלאַכע לומפּן.

איר זעט ווידער אנדערע, וואָס טוען אלערליי נארישקייטן, ווייל זיי האָבן איינמאָל געזאָגט, אז זיי מוזן דאָס טאָן; זיי רופן זיך שטאנדהאפטע, פעסטע כאראקטערע, איך רוף זיי נארישע עקשנים.

איר זעט געוועזענע אידעאַליסטן וועלכע זיינען איצט „טיכטי־קע קויפלייטע" און בארימען זיך דערמיט, וואָס זיי האלטן ניט מער פון אידעאַלן; זיי רופן זיך ניכטערע, ערפארענע וועלט-מענער, איך רוף זיי האָבונעס.

איר זעט אלטע לייט, וועלכע לאכן פון ליבע; זיי רופן זיך קלוג, איך רוף זיי אַלט.

איר זעט אומגלויביקע פּערזאָנען, וועלכע גיבן זייערע קינדער אַ רעליגיעזע ערציאונג; זיי רופן דאָס פון יוצא־וועגן איך רוף דאָס פון שווינדל־וועגן.

איר זעט פּרייהייטס-ליבענדע מענטשן, וועלכע וואָיעווען אי־בער זייער הויז־געזינט; זיי רופן זיך בעלי־בתים, איך רוף זיי פאַמיליע-טיראַנען. (1889)

**
*

איידער דו ווערסט אַ סאָציאַליסט, זיי אַ מענטש. דער סאָציאַ־ליזם וועט די מענטשן גליקלאכער מאכן; מענטשן מוזן זיי אליין זיין.

האַלט טייער דיינע איבערצייגונגען און שעץ דיינע פּרינציפּן, אָבער ווען דו זעסט ביי מענטשן אנדערע איבערצייגונגען און אנ־דערע פּרינציפּן — פאראַכט זיי ניט, נאָר באַלער זיי. נאָר פאַלש־קייט איז פאראַכטלאַך.

זאָג ניט: מיט דעם איז ניטאָ וואָס צו ריידן, יענער איז אַן עקשן א. אַז. וו.; שפּרייט דיין לערע אומעטום און זיי געווים, אַז

ערגעץ־וואו וועט די זאַט אָננעמען און וועט הונדערט־פּאַכע פּרוכט טראָגן.

מיינונגען, וועלכע דו האַלסט פאר פאַלשע, מוזטו באַקעמפן; באַקעמף זיי אָבער אָן זידלעריי, ווייל ווער עס וויל אַז זיין דעגען זאָל זיין שאַרף, מוז אים האַלטן זויבער און בלאַנק.

מען פלעגט אַמאָל זאָגן: „אַלע וועגן פירן קיין רוים". דאָס זעלבע קען מען זאָגן פונם סאָציאַליזם. דאָך זיינען דאָ לאַנגע וועגן און קורצע, קרומע וועגן און גלייכע. טאָמער דאַכט זיך דיר, אַז עס גייט ווער עס איז אין אַ קרומע וועג, זיי אים מתרה מיט צען התראות, אָבער שלעפּ אים ניט מיט גוואַלט צו זיך; אין דער רייסע־ריי פאַרלירט איר ביידע צייט, וועלכע קומען נאָר צוניץ אייער גע־מיינשאַפטלאַכן פיינט.

זיי ניט קיין דרשן, זיי אַ לערער, און לאָז דיינע צוהערער אוועק־גיין איבערצייגט, ניט גלויבנדיק. אמת, דו ווייזט זיי די צוקונפט און אין דער צוקונפט, וועלכע מען זעט נאָך ניט, מוז מען גלויבן, אָבער דאַרף מען דען זיין אַ גרויסער מאמין אום צו גלויבן, אַז נאָך היינטיקן ווינטער וועט קומען דער פרילינג?

רייד קורץ און שאַרף, אָבער פאַרשטענדלאַך. האָב בכוח ניט צו זאָגן אַ גוט-וואָרט דאָרטן וואו עס פּאַסט ניט. אפיקומן וואָלט ניט געוועזן ערגער ווי אַנדערע מצה ווען מען וואָלט דאָס ניט עסן ווען מען פאַלט שוין אויפן נאָז.

פּראָפּאַגאַנדיר ניט צווישן אַלטע לייט: זיי ניט אין ווינטער.

פאַראַכט ניט דיין פּובליקום, טראַכטענדיק: אָט פאַר זיי... וועט דאָס אויך גוט זיין. דאָס, וואָס איז שלעכט, טויג פאַר קיינעם ניט. אויסער דעם וועסטו אַזוי לאַנג פּרעדיגן, ביז דיין פּובליקום וועט צום סוף דיך פאַראַכטן; אפילו פּויערים קען מען מער ווי איינמאָל ניט אָפּנאַרן מיט פאַרפוילטע סחורה.

טאָמער אַפּלאָדירט מען דיינע אַ נאַרישקייט, זיי דערמיט צו־פרידן, אָבער רייד ניט אויף דעם סמך נאָך אַנדערע נאַרישקייטן.

ווען דו רעדסט ניט פאַר אַנדערע — הער; ווען דו שרייבסט

ניט — לייען, פון פיל הערן און לייענען, וואָס אנדערע זאָגן און שרייבן, וועסטו אליין ווערן א גוטער רעדנער און שרייבער.

ווען דו ווילסט האלטן א גוטן פארטראג, טו ווי מען טוט, ווען מען וויל בויען א גוטע הויז. הויב אָן מיט א קורצע איינלייטונג, וואָס זיי זיינען דיינע ציגל, שטעל זיי צוזאמען מיט דעם צעמענט וואָס דאָס איז דער פונדאמענט פון דיין רעדע; דאן נעם די פאקטן פון שכל, און בוי אויף די הויפט־געביידע פון דיין פאָרטראג; דאן ערשט לייג ארויף דעם דאך מיט דער באפוצונג — דעם שלום פון דיין רעדע.

זע, אז דיין זאך זאָל ניט זיין צו שווער פארן בנין און אז דאָס גאנצע זאָל זיין געבויט סימעטריש און וואו עס פאסט. ..

אזוי ווי מען בויט ניט א שיינע הויז אויף א זומפּ אזוי דארף מען ניט האלטן א געלערטן שיינעם פארטראג פאר פארדארבענע מענטשן.

היט זיך פון גוזמאות. געדיינק, אז דיינע געגנער פּאסן אויף אויף אלץ, וואס דו זאָגסט, און ווען זיי קענען דעם המון באווייזן, אז וואו דו זאָגסט דריי איז מער ניטאָ ווי צוויי, קענען זיי אָפּשוואכן דעם פאָלקס צוטרויען צו דיר. איבערטרייב אלזאָ ניט. (1889)

**
*

וואָס אלטע לייט זיינען — פרעגט ביי מיר.

זיי זיינען עגאָאיסטן, וועלכע ליבן זיך אלץ מער און מער, וואָס וויניקער צייט עס בלייבט זיי איבער צו לעבן און זיך צו ליבן.

טאָמער רעדט איר מיט זיי וועגן אייער אידעאַל און איר זעט, ווי זיי שאָקלען מיטן קאָפּ, און איר הערט, ווי זיי זאָגן: „ע! דאָס איז א זאך, וואָס קען ניט זיין!" דאן פארשטייט די קלוגע אלטע רייד אָט אזוי:

איידער א גוטע זאך זאָל קומען, ווען מיר זיינען שוין ניטאָ, ווילן מיר, אז זי זאָל בעסער גאָר ניט קומען.

פרעגט ביי מיר, וואָס אלטע לייט זיינען.

**
*

מענטשן קומען צו אייך און זאָגן:

„ווען אייערע אידייען וואָלטן געווען ריכטיקע, דאן וואָלטן זיך אייערע צייטונגען בעסער פארקויפט און אייערע רעדנער וואָלטן געפונען מער צוהערער“.

ענטפערט זיי און זאָגט:

ווען עס וועט האלטן אזוי ווייט, אז אַ סאָציאַליסטישע צייטונג*) וועט זיין אַ גוטער געשעפט און אונזערע רעדנער וועלן האָבן זייער, זייער פיל צוהערער, דאן וועלן שוין אונזערע צייטונגען און רעדען כמעט ניט נויטיק זיין.

***

פארגעסט ניט די פרויען.

געדיינקט, אז מיר ווערן ניט נאָר פון זיי געבאָרן, נאָר אז מיר ווערן פון זיי אָפט באאיינפלוסט.

געדיינקט, אז דער פסוק זאָגט זיך אפילו: „והוא ימשל בה“, אָבער די ווייבער זאָגן: „והיא תמשל בו“ (איך איבערזעץ דאָס ניט ווייל עס איז גלייכער, אז די ווייבער זאָלן דאָס ניט פארשטיין!) און ווען מענער זאָלן זיך שוין יאָ לאָזן לענקען פון ווייבער, זעט ווייניקסטענס, אז די ווייבער זאָלן זיין פארנינפטיק.

פּראָפּאַגאַנדיסטן, פארגעסט ניט די פרויען.

***

מען זעט אמאָל צווישן אייך אַ שווינדלער און מען זאָגט צו אייך אזוי:

„אַט, זעט איר! איר זייט די פּרעדיגער פון גערעכטיגקייט, פון ערלאַכקייט און וואַרהייט און אייער אייגענער חיים אָדער זרח איז אַ גנב!“

ענטפערט זיי:

„גנבה איז אַ לייבלאַכע טאָכטער פון דלות!“

---

*) מאָרים ווינטשעווסקי מיינט דאָ אַ צייטונג, וואָס אַגיטירט פאַרן רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם, אָדער קאָמוניזם, און פירט אָן עקאָנאָמיש און פּאָליטיש דעם קלאַסנקאַמף פון די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־מאַסן.

„דער דלות האָט אריינגעפירט צווישן אונז אַ סך קעמפער!
„עס איז דערפאר נאַטירלאַך, אז צווישן אונז זאָלן זיך געפינען אזעלכע, וואָס ליידן פון טאָטן און נעמען זיך ארום, ווען קיינער זעט ניט, מיט זיין טאָכטער".
לייגט נאָך צו אָט דאָס:
„ווען דער טאַטע דלות וועט אוועקגיין פון דער וועלט, וועט זיין טאָכטער גנבה בלייבן אָן ליבהאָבערס".
דאָס ענטפערט זיי אין מיין נאָמען.

*****

מאנכע וועלן צו אייך קומען מיט אזא טענה:
„צו דען — וועלן זיי זאָגן — אז די היינטיקע געזעלשאַפט איז שלעכט, איז דאָס גאָרניט מעגלאַך אויף א פרידלאַכן אופן צו מאכן אז עס זאָל ווערן גוט?
אייער ענטפער דאַרף זיין אָט־דער:
„ווען מען מוז האָבן אָן אייזערנעם לאָם, איינצוברעכן א הילצערנע הויז, ווי קען מען איינברעכן אייזערנע שטאַבעס מיט א הילצערנעם האמער?"
טאָמער שרייען זיי אויס:
— אָבער בלוט? סטייטש? דאָס וועט דאָך קאָסטן בלוט?
ענטפערט זיי און זאָגט:
„ווען אייער אייגענע געבורט, וואָס קיינעם איז דערפון ניט לייכטער געוואָרן, האָט אייער מאַמען געקאָסט בלוט, ווי קענט איר זיך איינבילדן, אז די געבורט פון דעם סאָציאַליזם, וועלכער וועט די וועלט איבערבויען זאָל זיך באַגיין אָן א קליינעם בלוט־שטורעם?"
און דאַן זאָגט זיי נאָך דאָס:
„דאָס אידנטום, דאָס כריסטענטום, דער גלויבן פון מחמד האָבן, צוליב דעם הימל, רויט געפאַרבן די ערד; פרעס־פרייהייט, רעדע־פרייהייט, פארזאמלונגס־רעכט, נעגער־פרייהייט. דזשורים, קאָנסטיטוציעס, טויזנטע אנדערע זאכן האָבן געקאָסט בלוט, און איר דערשרעקט זיך פאר א ביסל בלוט, ווען מען רעדט ארום א נייע וועלט?"

זאָגט זיי, אַז זיי זיינען נאַרן.

***

די רייכע האָבן אַ בליץ־אַבלייטער אויף זייערע הייזער פון עלעקטריציטעט און אַ בליץ־אָפּלייטער לעבן זייערע הייזער פון פלייש און בלוט, אין בלויען געקליידעט, מיט אַ פּיקעל־הויב אויפן קאָפּ.

זיי פילן זיך זיכער.

עס איז אָבער דאָ אַזאַ „דאָנער־וועטער" און אַזאַ בליץ, וואָס איז מעכטיקער ווי דער מאַן אין בלויען, און וואָס לאַכט פון פראַנק־לינס ערפינדונג.

ביי געלעגנהייט ערקלערט זיי דאָס.

***

זאָגט ניט קיין ליגן, אפילו ניט צוליב דער וואַרהייט.

יעדער מאַטעמאַטיקער וועט אייך ערקלערן, אַז אַ קרומע לי־ניע זעט אַמאָל ניט אויס לייננער, אָבער זי איז תמיד לייננער, ווי אַ גלייכע.

דער וואָס מיינט, אַז מ׳קען זיך דערלויבן צו זאָגן אַ ליגן, כדי דורך דעם צו העלפן דעם אמת, קומט מיר פאָר ווי איינער, וואָס נעמט זיך רייניקן אַ שפּיגל מיט שמוציקע הענט.

ער זאָגט, ווי די יעזואיטן פלעגן זאָגן: „דער צוועק הייליקט דאָס מיטל", און זאָגנדיק, וואָס זיי האָבן געזאָגט, און טוענדיק, וואָס זיי האָבן געטאָן, וויל ער פונדעסטוועגן ניט, אַז מען זאָל אים רופן יעזואיט.

***

פאַרגעסט ניט, אַז די יעזואיטן האָבן געפאַנגען פיש אין מוטנע וואַסער; אַז זיי האָבן פיינט געהאַט קלאָרהייט און ליכטיגקייט, אויסער אַזוי פיל, וויפיל זיי האָבן באַדאַרפט פאַר זיך אַליין.

און בכדי אַז זיי אַליין זאָלן זיי קענען זען, בעת זיי פאַר־שטעלן אַנדערע מענטשן דאָס ליכט, זיינען זיי אַרומגעגאַנגען, ווי פּאָליציייסקע אין דער נאַכט, מיט אַ בלינדע לאַמטערנע אין דער

האנט, מיט די ליכטיקע זייט צו זיך און מיט די פינסטערע צו די וועלט צו.

איר, אָבער, זייט ניט זיי.

אייער לאַמטערנע מוז לייכטן דורך אַלע פיר שויבן אין אַלע פיר עקן וועלט, ביז עס וועט אומעטום ווערן טאָג און מען וועט איר ניט מער נויטיק האָבן.

קינדער, שפּרייט ליכט! שפּרייט ליכט און האָט ניט קיין מורא, פילייכט איז אייער שיין צו שטארק פאַר געוויסע מענטשן מיט שוואכע אויגן.

נאָך אַמאָל: זאָגט ניט קיין ליגן, אַפילו ניט צוליב דער וואָר־הייט.

(1891)

***

— וועלן מיר דערלעבן צו זען די שיינע צייט, וועלכע מיר ווילן ברייננגען?

און אַפילו ווען מיר זאָלן דאָס ניט דערלעבן, וואָס מאַכט דאָס אויס? ווען יעדער, וואָס פלאַנצט איין א יונגען בוימעלע אין דער ערד, וואָלט ניט פלאַנצן וואו ער ווייס ניט אויף זיכער, אַז ער וועט דערלעבן צו זען דעם בוים גרויס און שטארק, מיט רייפע פרוכט אויף זיינע צווייגן — דאַן וואָלט קיינער ניט געפלאַנצט.

אָבער איז דאָס ניט טרויעריק, אַז מיר זאָלן ניט דערלעבן דעם יעסען פון אונזער ארבעט?

ניין. די וועלט איז ניט אייביק געווען אזוי, ווי זי איז היינט; מיר לעבן היינט פון די פרוכט פון אנדערע מענטשנ׳ס ארבעט, אונ־זערע קינדער וועלן געניסן די פרוכט פון אונזער האָרעוואַניע.

— איז עס אָבער ניט טרויעריק צו באַדיינקען, אַז די, וואָס זיינען היינט גלייכגילטיק און זאָגאַר פיינדלאַך צו אונזער לערע, וועלן געניסן גלייך מיט אונז די פרוכט דערפון?

זיי וועלן ניט געניסן גלייך מיט אונז. ווען דריי זעצן זיך צו א מאָלצייט, וואָס איינער פון זיי האָט אויף דעם מער געהאָרעוועט, ווי די אנדערע ביידע, איז זיין געניס גרעסער ווי זייערע. גלייכ־

הײַט אין עסן װעט זײַן, אָבער אין געניסן דעם תענוג דערפֿון מוז זײַן אַן אונטערשײד.
(1889)

***

„די אָרעמע לײַט איז גוט" — האָט דער גביר ר' טרײַטל צו מיר אַמאָל געזאָגט — „זײ גײען אָנגעטאָן אין אַלטע שיך, אָדער גאָר אָן שיך און לײַדן דערפֿאַר ניט פֿון הינעראױגן".

„דעם מיטל צו הינעראױגן" — האָב איך אים געענטפֿערט — „װאָלט איך געהײסן די קצינים אױספּרובירן. אפשר װאָלט זײ אַפּעטיט אױך ניט פֿעלן, װען זײ װאָלטן דערצו געטאָן װאָס די אָרעמע לײַט טוען — אונטערהונגערן צײַטנװײַז".
(1889)

***

די פֿינגער, װאָס צײלן בומאַזשקעס און געלט,
װאָס פֿירן די פֿעדער אין סוחר'ישע בריװ,
װאָס אַרבעטן נאָר מיט די פּרעסער־געצײג,
און װאַרפֿן פֿון אױבנט די קעניגע, טײַז,
— דאָס זײַנען — די קצינישע װאַרימע פֿינגער;

די פֿינגער, װאָס מאַטערן זיך אין דער װעלט,
װאָס פֿירן די זעגן און לענקען דאָס שיף,
װאָס מאַכן נאָר קײטן פֿאַר אונז מיט אַ שטײג,
און זײַנען אין װינטערצײַט קאַלט װי די אײַז,
— דאָס זײַנען דעם אַרבעטערס אָרעמע פֿינגער.
(1890)

***

װער עס געװײנט זיך אײַן צו טאָן זװיבערע אַרבעט, האָט פֿײַנט שמוציקע, װי, למשל, אַ קופּאָנעס־שנײַדער װאָלט ניט קענען זײַן קײן קירזשנער און אַ באַנק־דירעקטאָר װאָלט ניט האָבן קײן חשק צו װערן אַ שטיװל־פּוצער אין װײַטשעפּל, הגם דאָס װאָלט פֿאַר זײ בײדן געװען געזונט און זײ װאָלטן געהאַט מער אַפּעטיט צום עסן, בעת דער קירזשנער, װעלכן אַפּעטיט פֿעלט זעלטן װען, װאָלט זיך אונטער דער צײַט אַמוזירט מיט שנײַדן קופּאָנעס, װאָס

דערפון וואָלט אים אַרויסגעקומען אַ דאָפּלטע טובה: ער וואָלט, ערשטנס, ניט געדאַרפט אַזוי אָפט פאַרזעצן זיין זייגער מיט די קייט, און, צווייטנס, וואָלט ער, שניידענדיק די קופּאָנעס, געקראָגן אַ ידיעה פון די גרויסע חובות, וואָס אייראָפּייאישע מלוכות מאַכן אויף זיין חשבון און אויף דעם חשבון פון אַלע אַנדערע אַרבעטער, זייערע קינדער און קינדס-קינדער, און קינדס-קינדס-קינדער ביז אין אלף השישי אַריין.

(1889)

***

אַלס קינד איז מיר שווער געווען צו פאַרשטיין דעם אונטער־שייד צווישן אַ ב י ת און אַ קרומע כף, צווישן אַ ד ל י ת און אַ ר י ש, צווישן אַ ו אַ ו און אַ ז י י ן, צום טייל האָב איך דאָס מיט יאָרן שפּעטער אויך ניט פאַרשטאַנען. למשל: איך האָב געוואוסט, אַז דלית און ריש באַדייטן ביידע אָרעמקייט; ווייל יענע קומט פון גאָט און דיראָזיקע פון דער מענטשלאַכער פירונג; אָבער ביידע זעען אויס גלייך. אויך האָב איך נאָכדעם געוואוסט, אַז בית איז אַ הויז און קרומע־כף אַ קרומע האַנט, און די שייכות איז קלאָר, ווייל אָן אַ קרומע הענטל ווערט ניט קיין בית. דער וואו ווידער מיטן זיין זיינען אויך ברידער, ווייל וואו (אַ שטעקן) קען לייכט פאַרוואַנדלט ווערן אין זין (אַ וואָפע) אויסער ווען דער וואָס האַלט דעם ז י י ן איז אַליין אַ ו אַ ו, דאָס הייסט אַ פלאָקן, וועלכעס טרעפט זיך אָפט צווישן פעלקער און מענטשן. — (פעל־קער — פלעקער; בעל מגיה, פּאַסט אויף!) (1890)

**

ווען מען זאָל אַ קאַטערינקע גוט באַטראַכטן, קען מען באַגרייפן וואָס דער קאַפּיטאַליזמוס האָט געמאַכט פון דעם מענטשן. אַמאָל איז יעדער אַרבעטער געווען אַ שטיקל קינסטלער. ווען זיין אַרבעט איז געווען נאָך אַזוי אומאַנגענעם און נאָך אַזוי שווער, האָט ער פונדעסטוועגן געהאַט אַביסל פאַרגעניגן, ווען ער האָט געענדיקט אַ שטיק אַרבעט און זי איז געווען גוט געמאַכט. ער האָט אין דער אַר־בעט אַריינגעלייגט שכל (ווען ער האָט געהאַט) און האָט דערביי

געווירקט ניט נאָר מיט די הענט, זאָנדערן מיט דעם פארשטאנד אויך. דאָס אַלעס איז איצט אויס מאָדע. היינט דרייט ער אַ הענטל און עס שפּילט זיך, עס נייט זיך, עס מאַכט זיך. דער אמאָ-ליקער פידלער איז היינט אַ קאַטערינשטשיק און ער באַדאַרף צו זיין ארבעט ניט מער שכל, ווי צו זיין אַ פּרעזידענט ביי אַ פילאַנ-טראָפּישע געזעלשאַפט, אָדער אַ קאָלעקטאָר ביי די הכנסה־כלה חברה, אָדער אַ חזן אין אַ קליינעם מנין, אָדער אַ שמש אין אַ גרויסן.

דער קאַפּיטאַליסט וואָלט געהאַט צו טראָגן אַ סך אויף זיין געוויסן, ווען ער וואָלט געהאַט אַ געוויסן. (1890)

***

זעט איר דעם יונגן מאַן, וואָס שטייט דאָרטן ניט ווייט פון אייך? ער איז אַ היציקער סאָציאַליסט — אַזוי זאָגט מען — און דאָך ווייס איך, אַז ער האָט פאַרפירט און האָט אומגליקלאַך געמאַכט אויף אייביק אַן אומשולדיקע... ווי דער-קלערט זיך דאָס?

איך וועל אייך זאָגן: ער איז ניט אַזוי היציק און ניט אַזוי סאָציאַליסטיש, ווי איר מיינט; ער איז ניט דערבאַקן און, כאָטש ער זעט אויס פון אויבן פאַרברענט, איז ער דאָך אינ-ווייניק רוי. (1889)

***

אַ זעכציק-יאָריקער מאַן זאָגט צו מיר: די סאָציאַליסטן ליאַרעמען און שרייען און אַגיטירן און דאָך בלייבט דער סאָ-ציאַליזם נאָך אימער „איין אידעאַל דער צוקונפט". דער אַלטער איז ניט קלוג. אַן אידעאַל, ווי דער סאָציאַליזם, ווערט ניט פאַרווירקלאַכט אין איין טאָג. דער מאַן פאַרגעסט אַז אים אַליין האָט גענומען זעכציק יאָר צייט, כדי ווערן... וואָס? נו, פון אַ קליינעם יונגען נאַרעלע אַ גרויסער אַלטער נאַר. (1889)

***

זידלעריי צו זידלעריי איז ניט גלייך. אַ טייל דערפון איז שעדלאַך ווי מיסט אין אַ מיסטקאַסטן, וואָס פאַרפעסטעט די לופט. אַ טייל דערפון איז אָבער נוצלאַך אויך: נוצלאַך ווי

מיסט אויף אַ פעלד. איך ווייס, אַז די מיסט אין פעלד איז ניט שיין און אַז עס שמעקט ניט זייער גוט, אָבער עס רירט אויף די ערד און מאַכט איר פעט. און ווען די צייט וועט קו־מען, ווען די הערלאַכע תבואה וועט אַרויסוואַקסן, פאַר וועלכע מיר האָבן גערייניגט דעם גרונט, געאַקערט, געבראָנעוועט, גע־זייט און געוואַרט אויף רעגן — ווען די צייט זאָג איך אייך, וועט קומען, וועט אַנאַנדער פילאָזאָף אייך דערמאָנען, אַז אפילו די מיסט האָט דערצו עטוואָס בייגעטראָגן. (1889)

**
*

אונטער דעם פאָלק זיינען דאָ גלייכגילטיקע, וואָס ווייסן ניט, ניט פון סאָציאַלע אידייען און ניט פון פּאַרטיי־קאַמפן; עס זיינען דאָ אומגליקלאַכע, פאַרהונגערטע, פאַר'שיכור'טע, פאַר־וואָרלאָזטע, פאַרדאָרבענע, וואָס אויף זיי ווילן די פרעדיגער פון מענטשנליבע און ברידערלאַכקייט נאָר דאַן ווירקן, ווען מען וועט צו זיי קאָנען זאָגן: „ברידער, היינט איז דער קאַמף, מאָרגן פרייהייט און ברויט, אָדער דער טויט און ערע". פריער ווי דאַן וועט מען אויף זיי איבערהויפּט ניט ווירקן. האָבן פיל אידן געהערט משה'ן מיט אהרנ'ען, ווען זיי האָבן נאָך געקנעטן דעם ליים, קרעכצענדיק אונטער פרעה'ס יאָך? אָבער ווען עס איז געקומען צום בראָדזשענען איבערן ים, זיינען זיי אַלע גע־גאַנגען און נאָך זיי אפילו אַן ערב־רב פון אומגלויביקע (איר שמייכלט... דערביי בין איך ניט געווען, אָבער איך וויל נאָר געבן צו פאַרשטיין מיין מיינונג). (1889)

**
*

לאַסאַל איז געווען דער לעצטער גרויסער מענטשפירער און די אינטערנאַציאָנאַלע איז געווען די ערשטע גרויסע פאָלקס־סטאַיאַלקע, אין וועלכע די אַרבעטער־מאַסע האָט זיך גענומען לערנען שטיין אויף די אייגענע פיס און גיין ניט אָנגעהאַלטע־נערהייט.

עס איז גלייכער צען מאָל צו פאַלן, גייענדיק אַליין איידער צו גיין זיכער, אָבער זיך אייביק האַלטנדיק אָן אימיצנס אַ

פאַלע, און מעג זיך דער אימיצער זיין טאקע אפילו א לאסאַל.

אַן אויסגעוואקסענער מענטשן־קלאַס, ווי אַן אויסגעוואקסן קינד, באַדאַרף נים מער קיין ניאַנקע און אפילו קיין רבי'ן נים, ווייל עס קומט א צייט ווען מען קען שוין מער נים, זען דורך פרעמדע ספּאַקולן, ווען מען מוז אליין טראַכטן ארום זיך און לעבן מיט דעם אייגענעם שכל. (1891)

***

די צייט פון מושטירן, פירן און רעגירן איז אויס. אמאָל איז דער ארבעטער־פערד געווען איינגעשפּאנט אין דעם שטאַאטס־וואַגן און דער קעניגלאַכער פורמאַן איז געזעסן מיטן בייטש אין דער האַנט און האָט אים געטריבן. דער פאָלקס־פערד האָט געשוויצט און האָט געסאָפּעט און האָט געשלעפּט אין וואָגן אלערליי פּוסט־און־פּאַסנע פּאַסאַזשירן, און ער איז געגאַנגען, וואו דער פורמאַן האָט אים געקירעוועט, און ווען ער האָט זיך א קער געטאָן פון מיטן וועג, האָט ער געקראָגן עטלאַכע שמיץ, נאָך וועלכע ער האָט זיך כלומר'שט א פּאַרשקע געטאָן און איז געגאַנגען ווייטער. האָט מען אמאָל מורא געהאַט, אז ער זעט צו פיל און קוקט צו פיל אַן א זייט, האָט דער קעניגלאַכער פורמאַן אָנגעבעטן א געטלאַכן פאַרבלענדער און דער האָט אים פאַרשטעלט די אויגן מיט לעדערנע רעליגיאָנס־קלאַפּעס, וועלכע דער פאָלקס־פערד האָט געטראָגן און איז געגאַנגען אונטערן בייטש נאָך די לייצעס נאָך, אזוי ווי ער וואָלט בלינד גע־באָרן געוואָרן. האָט מען ווידער באַמערקט, אז ער באַוועגט זיך צו לייכט, צו לייכט — הייסט דאָס, פאַר א לאַסט־פערד, האָט מען כלומר'שט רחמנות געקראָגן אויף זיינע פיס און מען האָט אויף זיי ארויפגעלייגט געזעצלאַכע אייזערנע פּאָדקאָוועס: — א שוץ־מיטל, וועלכעס מען מוז צושלאָגן מיט אייזערנע נעגל.

די צייט איז אויס. דער פערד איז געוואָרן א מענטש: ער קריכט נים מער אויף אלע פיר, ער גייט איצט בקומה־זקופה און ער לאָזט זיך נים נאָך נים שמייסן, אפילו קירעווען אויך נים. (1890)

***

די היינטיקע געזעלשאַפט מיט איר בילדונג, מיט איר רעליגיע,

מיט איר פּאָליטיק, איז ניט אהין און ניט אהער, ניט קיין פיש און ניט קיין פליייש. אמאָל איז עם־הארץ געווען א הדיוט (אידיאָט) און ער איז ווייניקסטענס געווען פריש און שטאַרק, היינט קען ער לייענען און שרייבן, אָבער ניט פיל. דאָס איז היינטיקע בילדונג. אמאָל איז די רעליגיע געווען שטאַרק גענוג צו ברענען מענטשן לע־בעדיקערהייט, — דער יושר דערפון איז ניט געווען זייער גרויס, אָבער דאָס האָט געהאַט א פּנים; היינט, באַשעפטיקט זיך די זעל־ביקע רעליגיע מיט דרשות, מיט מיסיאָנערסטווע, מיט שווינדל, מיט גענעראַל בוטה׳ס גלענצענדע זיגן איבער פּעקלאַך טאַבאַק און קרינגלאַך ביר — דאָס איז היינט רעליגיע. היינטיקע פּאָליטיק איז הימל, ערד און שווינדל — מיט פּולווער און בליי צווישן הימל און ערד און מיט צייטונגען אין דעם שווינדל.

(1889)

***

דער מענטש איז ניט נאָר ניט קיין בעל־בחירה, ער איז אייגנט־לאַך א פּאַרקויפטער ביי זיך אליין. דאָס וואָס מען הערט אים זאָגנדיק: „איך וויל“ איז ניט מער ווי געזאָגט. דאָ אין ענגלאַנד ווען עס ווערט געמאַכט א געזעץ און ווען אַלץ איז פאַרטיק, ווערט אויסגערופן אין די הויז־אָוו־לאָרדס אויף אַלט־פריינקיש: די קעניגין וויל עס. דערביי ווייס אָבער יעדער איינציקער, אז בעצם האָט די אַלטע גאָר קיין שום דעה ניט, און די ווערטער: „די קעני־גין וויל עס“ האָבן צו באַדייטן (ווען מען זאָל זיי איבערזעצן אויף אמת־לשון) „די קעניגין מוז עס“. דאָס נעמלאַכע איז מיט דעם וועלן פון אַלע מענטשן. זיי ווילן אפילו, אָבער זיי מוזן וועלן.

(1891)

***

דער מענטש איז ניט קיין בעל בחירה. דאָס גייט — איך ווייס גאַנץ גוט — אַביסעלע געגן דער אמונה. אָבער... ליבע, טייערע, אַלטע־אמונה־לעבן, איך קען דיר אסור ניט העלפן: דער מענטש האָט פּאָרט ניט קיין פרייען ווילן.

***

בחירה און אמונה — איר מעגט טאָן װאָס איר װילט, כל זמן איר טוט ניט װאָס מען טאָר ניט.

***

איר פרעגט — אויב דער מענטש האָט ניט קײן פרײען װילן, טאָ װי אַזױ װעט דער ארבעטער זיך באַפרײען פון זײן הײנטיקער לאַגע ?

װען אַ סך אומשטענדן װעלן זיך פאַראײניקן אים צו צ װ י נ ג ע ן ער זאָל זיך אַ ה ו י ב טאָן... זיך אַ שטעל געבן אויף די פיס, אַ הויב טאָן די הענט, דערלאַנגען אַ קלאַפּ און באַפרײען זיך... באַפרײען די מענטשהײט.. (1891)

***

איך האָב אַמאָל געזאָגט, אַז איך גלױב ניט, אַז „נטילת ידים" פאַרהיט אַ מענטשן פון דלות. איצט גלױב איך. נאָר איך טײטש די װערטער אַנדערש. „נטילת ידים" הײסט ניט „װאַשן די הענט", נאָר „נעמען מיט די הענט", אויף דעם איז געבױט דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער פּאַראַנדאַק...

***

צום צעשפּאַלטן װערן האָט יעדערער, אפילו אַ טאַנצמײסטער, אַ מח.

***

„לאָז זײן" איז לײכטער װי „לאָז װערן".

***

קאָפּ־װײטאָק איז שלעכט אָבער האַרץ־װײטאָק איז ערגער. װען איך טראַכט אַרום געװיסע זאַכן, טוט מיר װײ דער קאָפּ;; װען איך טראַכט ניט, און איך קוק זיך נאָר צו, טוט מיר װײ דאָס האַרץ, װאָס דאָס איז ערגער. (1889)

***

איך ליב מײן שטעקן: ער איז ניט װי די אױסגעפּוצטע, שײן פּאָלירטע, שלאַפּינקע שטעקעלאַך מיט די גלענצנדע און דאָך פּוסטע קעפּ. ער איז, װי דאָס פרײע װאָרט, אַ שטיצע פאַר די

שוואכע לייט און א געוועהר פאר די קרעפטיקע. אין צייטן פון לײדן קענט איר זיך אויף אים אָנשפּאַרן און איר קענט ווידער מיט אים געבן קלעפּ אין צייטן פון קאַמף. אַזאַ שטעקן האָט א ווערט...

(1889)

***

מיינע אייגענע לײדן וועלן לאַנג ניט דויערן. איך בין א מענטש און א מענטש מוז פריער אָדער שפּעטער (אָרעמע לייט, געוויינט־ לאַך, פריער) שטאַרבן. די וואונדן אָבער פון די „אַנדערע“ קענען אזוי גיך ניט געהיילט ווערן: די אַנדערע זיינען די מענטשהייט און די מענטשהייט שטאַרבט ניט, די מענטשהייט לעבט אייביק, ווי דאָס בלומענרייך לעבט בשעת די ליליע פאַרוועלקט. איך ווייס, אַז די מענטשהייט קען זיך העלפן, קען אירע וואונדן היילן, אָבער די מענטשהייט איז לאַנגזאַם אין איר גאַנג און דערווייל לייד איך, דערווייל לײדט יעדער צוזעער.

(1889)

***

די רעוואָלוציע אין איישישאָק איז טאַקע א קליינקייט, וויכ־ טיק איז אָבער איישישאָק אין דער רעוואָלוציע. , (1905)

***

הערנדיק, ווי א פרומער איד רעדט אויס מיט אזוי פיל האַרץ דעם „אחד“ פון שמע־ישראל יום כיפור נאָך נעילה, האָט אַן אַפּיקורס געזאָגט: זיי קוועטשן דעם אחד, אזוי ווי זיי וואָלטן גע־ וואָלט פון אים אַרויסקוועטשן דריי, ווי די קריסטן האָבן געטאָן...

***

אין „פּאַלעסטינער־פּלאַץ“ (מיסיאָנערישער הויז אין לאָנדאָן) שמדן זיך אידן פאַר קריסטן און אין פּאַלעסטינע־טומל שמדן זיך סאָציאַליסטן פאַר אידן.

(1891).

***

די אַנטלאָפענע סאָציאַליסטן האָבן אַריינגעבראַכט דעם אַלטן רעוואָלוציאָנערן גייסט אין די נייע גאולה־באַוועגונג, דערפאַר ווילן

די פּאַלעסטינצעס גיין קיין ארץ־ישראל גאָר אָן א גואל. (1891)

***

לעבן פון בעטלען, הייסט לעבן פון פרעמדער האַרעוואַניע, און דאָס איז א פּריווילעגיע, וואָס געהערט צו די גוזעצמאַכערס, בכדי אז זיי זאָלן האָבן צו פאַבריצירן „זאַקאָנעס".

***

איך האָב ניט זייער האָלט קיין שטאָלענע שרייב-אינסטרו־מענטן. איך טראַכט, ווער וויים, צו האָט די געבורט פון א שטאָלע־נע פעדער ניט געקאָסט א מענטשן־לעבן אין דער פאַבריק, ווי די גענזענע פעדער קאָסט תמיד א גענזן-לעבן! (בייזע צינגער זאָגן, אז אויך ביי מיר ווערט א פעדער פארשווארצט...)

***

אין אַמעריקע רופט מען אָן טענעמענט־קברים — דירות, די פּוסטקייט אין זיי — לופט, די ניט געשטאָרבענע אין זיי — מענטשן וואָס לעבן, און די ארבעטער — לעבן־מאַכערס אנשטאָט טויט־אָפּהאַלטערס. (1906)

***

אין אַמעריקע געפינט זיך אויך א וואָרעם באַליידיקט, ווען מען רופט אים גרינער (גרינע ווערים); אפילו דאָס גראָז אין די שטעט באהאַלט זיך אונטערן ברוק, כדי מען זאָל ניט זען אז עס איז גרין. איך אליין רוף אפילו די גרינע טיי ניט גרין: איך רוף עס, נאָך דעם טעם נאָך, ראַמונקעס. (1906)

***

אין אַמעריקע ווערט א זאַך אַלט פון פרישטיק ביז מיטאָג. דאָס הייסט, אז ווען למשל עס וואָלט קומען אויף ניו יאָרק א מבול, אָדער א מהפכת-סדום וואָלט דערמיט פול געווען די עקסטראַס, וועלכע קומען ארוים מיט א שעה פריער איידער אזוינע זאַכן פּאַ־סירן, אָבער פאַר-נאַכט וואָלט דער מבול מיט דעם שוועבל־און פעך רעגן, מיט נח'ס זין און לוט'ס טעכטער, מיט נח'ס שכרות און לוט'ס יונגאַצטוואָ, שוין זיין פארגעסן, מער ווי א צוואָג אָפּצוגעבן א געליענעם בוך א טאָג שפּעטער. (1906)

**
*

דאָס ריידן פון היץ איז פאסקודנע, איבערהויפּט דאָ אין אמע־ריקע: מען האַלט דאס דאָ אויף א מדרגה מיט ריידן מ י ט היץ, און ריידן מיט היץ רופט מען דאָ געפיל, סענטימענטאַליטעט און דאָס איז דאָ זייער פּאַראַכטעט: דאָ ווערט מען רויט ביז איבער די אויערן ווען עמיצער רופט אימיצן „געפילס־מענטש", דאָס האָט דאָ די באַדייטונג פון נאַריש, פון אומבאַזאָנען, פון אומפּאָליטיש, פון ניט־געזעצט, פון ווייניק בר־דעת. דאָ רעכנט מען, אַז געפיל און שכל זיינען ווי פייער מיט וואסער, אָדער ווי דיפּלאָמאַטיע מיט אמת. דאָ רופט מען דעם אויסריידן פון הארצן א מין היץ־קריינק און ווען מען זעט, אַז ווער עס איז רעדט, ניט פאַר קיין אידן גע־דאַכט, מיט געפיל קוקט מען זיך ארום נאָך א דאָקטאָר...

(1895)

**
*

אמעריקאַנער פּראַקטישקייט:

עשו'ס טאָפּ לינזען פאר א פארקויפטע בכורה איז א פּראַק־טישער עסק.

א דאָלאַר א ויאָך מער פאר אן אידעאַל אין לעבן ווייניקער איז פּראַקטיש.

אוועקשטעלן אין קראָם א קינד ווען ער (אָדער זי) דאַרף זיין און קען זיין אין שול איז אויך פּראַקטיש.

אויפאָפּפערן די צוקונפט, דעם איבער־א־יאָר, דעם איבער־מאָרגן, דעם מאָרגן פאר א פעטן היינט, פאר א געשמאַקן איצט, הייסט אויך האנדלען פּראַקטיש.

גיין צום שטימקאַסטן און דאַרטן אריינוואַרפן א „וואוט" פאר א לומפּ וואָס וועט געוויילט ווערן וואו א מענטש מיט א פּרינציפּ האָט א שוואַכן שאַנס, איז אמת־פּראַקטיש.

גיין, ניט קוקענדיק, וואו א ל ע גייען מחמת דער וועג איז אויסגעטראָטן; טאָן, ניט טראַכטנדיק, וואָס אַלע טוען, ווייל אַזאַ טאָן איז זיכער און באַקוועם; ריידן, ניט ברעכנדיק זיך דעם מוח, אַלטע, איינגעפּונדרעוועטע פראַזן, צי זיי זיינען אמת

אָדער פאַלש; גנבֿ'ענען פון אייער מאַגן עסנוואַרג, פון אייער לייב קליידער, פון אייערע פיס גאַנצע שיך היינט, בעת איר לעבט, כדי צו קענען האָבן וואַרעמע פיס, א גוט-געקליידעטן לייב און א פולן מאַגן מיט דער צייט, דאַן ווען איר וועט פילייכט שוין זיין טויט—דאָס ווערט אַנגערופן פּראַקטיש געהאַנדלט. (1906)

***

די אַמעריקאַנער באַלעבאַטים חשובים, די וועל־אַפּניקעס, די אַלרייטניקעס, די הלואי-ווייטערניקעס טוט ווי דער קאָפּ מחמת זיי האָבן נעכטן אליין צו־גוט געגעסן, צו־גוט געטרונקען; דעם אַרבעטער, אָבער, קריינקט אַמאָל דער מוח דערפון וואָס זיין בעל־הבית, זיין ברויט־געבער (ד. ה. זיין זיך־טייגאַכץ נעמער) האָט צו פיל און צו-גוט געגעסן און געטרונקען און האָט זיך פאַרזאָרגט מיט צופיל אויף להבא... מען זאָגט, אז ווען ראָקעפעלער, למשל, וואָלט אין זיך אריינשפּאַרן וויפיל ער קען זיך פאַרגינען וועדליג נאָך זיין הכנסה נאָך וואָלט זיין בויך געוואָרן געשוואָלן ווי א באַרג אויף דעם פּלאַנעט יופּיטער, וועלכער איז עפּעס גאָר א מאַסע מאָל גרע־סער ווי אונזער ערד־קוגל (ניט דער ווילנער לאָקשענער און ניט א היגער מאַד-פּודינג... איך מיין דערמיט אונזער ערד, די ערד אויף וועלכע און אין וועלכע מענטשן און מיינערס און סאָבוויי־אייזנבאַן אַרבעטער לעבן). (1906)

***

דער אַמעריקאַנער רבונו של עולם — דער אַלמעכטיקער דאָלאַר — האָט אונטער זיך דעם זעלביקן טראָן, דאָס הייסט, דעם זעלביקן כסא־הכבוד, ווי כביכול, דעם אויבערשטנס אין דער נעשטאַלט ווי יחזקאל הנביא האָט אים געזען — אזוי זאָגט ער יחזקאל, — אויפן טייך כבר אין ארץ בשדים. דער טראָן באַרוט אויך אויף א מאַבערוי, וועלכע האָט אין זיך פיר פּנימער פון פיר חיות — נעמלאַך: פון א מענטש און פון א לייב רעכטס, און פון אַן אָקס און פון אַן אָדלער לינקס. און זיי זיי־נען טאַקע אַלע חיות, חנם די זאָלאָגן פון אַלע רעליגיעס ווילן האָבן, אז דער מענטש איז א וואָרעם, דער אָדלער א לאַנדאַנער

רב *), דער אָקס א בהמה (פון אן אנדער גאטונג) און אז נאָר דער לייב אליין איז א חיה.

עס איז קיין שום ספק ניט, אז דער מענטש און דער לייב ביי דעם היגן רבונו־של־עולם׳ס טראָן שטייען צוזאמען, מחמת דער דיינקער און דער רויב־טיר זיינען דאָ ענג פאַרבונדן; עס איז אויך קלאָר ווי דער טאָג, אז דער אָקס (דער ארבעטער, וואָס גייט אין דער סאָכע באַ דער ארבעט, און צו דער שחיטה אין דער מלחמה, וועלכער געברויכט די הערנער ניט צום קאמף מיט זיינע אונטעריאָכער, נאָר צו שטעכן זיינס גלייכן) אז דער אָקס איז א כשר׳ע בהמה׳לע און ניט א מעכטיקע חיה נאָר דערפאַר, ווייל ער שטייט ביים כסא־הכבוד פון גאָט מאמאָן צוזאמען מיט דעם אמעריקאנישן אָדלער, — א רויב־פויגל, וועלכער ווערט אזוי פאַרערט, אז זיין פּרצוף פּנים געפינט זיך אויף גילדערנע און זילבערנע מטבעות. (1895)

***

דער מענטש נעמט אריין אין זיך אלע אנדערע מינים, חוץ אפשר — איך זאָג: אפשר — די עופות.

איך האָב אין מיין לעבן געטראָפן א סך פּרויענקינדער, וואָס זיינען געווען (צווייפיסיגע) חיות, בהמות, אָדער שרצים. וואָס איז שייך צו עופות, האָבן דידאָזיקע ברואים מיט זיי אויך געהאַט א שייכות אין פיל פּרטים, — א שייכות און אן ענלאכקייט: זיי האָבן זיך אָפּט געהאַלטן אויף הינערשע פיסלאך, האָבן געהאַט שנאָבלען צו פּיקען אלץ וואָס זיי האָבן געפונען אונטער זיך, אפילו אין מיסט. האָבן געהאָלדערט און זיך געבלאָזן ווי די הינדיקעס, האָבן געקרייעט ווי הענער און האָבן — אין זייער איינבילדונג — פליגלען געהאַט צו שטייגן הויך איבער זייערע שכנים און צו בויען שלעסער אין דער לופט... (1920)

*) אָדלער איז געווען דער פאַמיליע־נאָמען פון צוויי דורות אויבער־רבנים אין לאָנדאָן.

**
*

איך האָב אַ לאַנגע צייט ניט געגלויבט אין הייליקע...

איין טאָג האָט זיך אויפן גאַס אין שמוץ ארומגעוואַלגערט אַ ליליע, וועלכע איז אַ קורצע ווײַלע פריער געווען ארויסגע־פאַלן פון אַ בלומען־קראַנץ (אַ מין בלומען־פאַמיליע), אין וועלכע זי האָט געבליט און געלעבט. איצט איז די ליליע געווען אין גאַס און אין בלאָטע. טויזנטער זיינען פאַרבייגעגאַנגען, הונ־דערטער האָבן זי אָנגעבליקט און עטלאַכע האָבן זי באַטראַכט. „אַ געפאַלענע ליליע" — אַן איינגעבלאַטיקטער בלום — „טפו! עקלדיק!" אַזוי האָבן זיי אויסגערופן און האָבן זיך פון איר אָפּגעווענדעט מיט פאַראַכטונג.

די געפאַלענע ליליע האָט אָנגעהויבן צו וועלקן.

מיט אַמאָל האָט דער צופאַל צוגעפירט אַן ארבעטער צום אָרט, וואו זי האָט זיך ארומגעוואַלגערט. דער ארבעטער האָט איר דערזען, האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט די בלום גענוי באַטראַכט. ער האָט צו דער געפאַלענער ליליע געזאָגט: „אָרעמע בלימעלע! דו ביזט ניט שטענדיק געווען אויפן גאַס אין שמוץ; דיין אומגליק האָט געבראַכט דער בייזער ווינט, וועלכער האָט דיך ארויסגעריסן פון קראַנץ, אין וועלכן דו האָסט געבליט; קום צו מיר, אומגליקלאַכע, איך וועל דיר געבן שוץ".

ער האָט דאָס געטאָן. וואָס טויזנט אַנדערע וואָלטן אפילו גאָרניט געטראַכט צו טאָן — דאָס האָט דער פּראָסטער ארבעטער געטאָן, און די דאַנקבאַרע ליליע בליט פון דאָס ניי.

אַ לאַנגע צייט האָב איך ניט געגלויבט אין הייליקע...

פון יענעם טאָג אָן גלויב איך. (1889)

**
*

ווייסט איר וואָס אַ מוטער באַטייט? דאָס באַטייט אַ קאָפּ, וואָס פילט אַ קינד'ס קאָפּווייטאָג; דאָס הייסט אַ מאָגן, וואָס פילט אַ קינד'ס הונגער; דאָס באַטייט אַ פרוי, וועלכע לעבט מיט און לעבט דורך אַלע פריידן און אַלע ליידן פון אירע

קינדער פון דער וויגעלע ביז די גרויע האָר ; דאָס הייסט אַ מענטש, וועלכער לעבט דריי, פיר, פינף, זעקס און מער לעבנס אינם לעבן און ליידט אַזוי פילערליי יסורים און שטאַרבט ביסלאַכווייז מיט יעדן קינד, וואָס גייט אַוועק פון דער וועלט. איר גלויבט ניט? אַ איר נאַרן! גייט אַוועק אויף אַ בית־עולם, לייגט צו אַן אויער צו די קברים׳לאַך פון די קליינע קינ־דערלאַך, איבערהויפּט פון די אָרימע, און איר וועט הערן אַ בי־טערן קול פון אַן אָרימער מוטער ; גראָבט אויף די קופּקעלאַך ערד און קוקט גוט אַריין, וועט איר זען, ווי לעבן די קאַלטע ביינדעלאַך טוליעט זיך אַ שטיק מוטער־האַרץ, וואָס איז צוזאַ־מען מיט זיי באַגראָבן געוואָרן אָן די קברנים׳ס ידיעה, ווי דאָס טוליעט זיך צו די ביינדעלאַך די קאַלטע און דאָס וואַרעמט זיי טיף אין דער ערד... אין לאָנדאָן האָב איך געקענט אַ זיבניאַ־ריקע מיידעלע, וועלכע האָט פאַרקויפט אין גאַס די פיינסטע בלומען. איין טאָג האָב איך ביי איר געקויפט אַ ליליע, און גוט באַטראַכטנדיק די בלום, האָב איך געזען, אַז די פייכטקייט איז ניט אַ וואַסערדיקע. נאָכהער האָב איך דערפאַרן, אַז דאָס קינד האָט טעגלאַך אַרויסגעטראָגן אויפן גאַס בלומען, וועלכע די מוטער — אַ קראַנקע, שוואַכע אלמנה — פלעגט באַגיסן אַלע אינדערפרי מיט שטראָמען פון ביטערע טרערן. וועט איר גלויבן אָדער ניט, מיין אַלטע נאַרישע האַרץ האָט שיער ניט געפּלאַצט אויפן שטעל... פון יענעם טאָג אָן פאַרשטיי איך וואָס אַ מאַמע איז, און פאַרשטיי אויך פאַר וואָס דער גרויסער וויקטאָר הוגאָ האָט געמאַכט פון איר אַזאַ וועזן און ווי ער האָט אויסגעפּור־נען מענטשלאַכקייט ביי אַזאַ ווילדע חיה אויף צוויי פיס, ווי לוקרעציאַ באָרדזשיאַ *), ווייל זי איז געווען אַ מאַמע. (1895)

---

*) די טאָכטער פון פּאָפּסט אַלעקסאַנדער דעם זעקסטן און שוועסטער פון צעזאַר באָרזשיאַ, וועלכע ווערט געשילדערט פאַר אַזאַ פאַרברעכערין ווי איר פאָטער און ברודער.

***

עס גײט ניט קײן רעגן.

די מאַמע־ערד, די גוטע אַלטע מאַמע־ערד חלש'ט נאָך אַ טרונק װאַסער און קריגט ניט.

און װען זי װאָלט דעם זופּ רעגן קריגן, װאָלט זי, װי יעדע אמת'ע מאַמע, פריער פאַר אַלץ אָנגעװיגן אירע קינדער, אַלע אירע קינדער פון די העכסטע גראַציעזסטע, שטאָלצסטע פלאַנצן, װאָס מיט זײער באַקאַנטשאַפט שטאָלצירט דער זונגעשטראַל, ביז די נידעריקסטע אָרעמסטע, מיט פיס געטראָטענע גראָז, אויף װעלכער און צװישן װעלכער דער גרינער װאָרעם מיט משה רבינו'ס קיעלע קריכן אַרום מיט דער זעלביקער פאַראַכטונג פאַר זײער װאַלד װי די, װעלכע דער יעגער האָט פאַר זײנעם, װען ער געפינט דאָרטן ניט קײן מעגלאַכקײט צו מאָרדן און אַרײנצוטאָן אין בײטל.

פאַר אַ מאַמען זײנען אַלע גלײך: סאַי די קינדער, װאָס װאַוינען אין אַראַנזשערײען און קענען כמעט אויסקומען גאָר אָן איר ברוסט, סאַי די גרעזעלאַך, װאָס װאַקסן װילד אויף די לאַנקעס און אין די פעלדער, — װילד אָן אימעצנס אויפּפּאַסונג, שטענדיג אַ פּאַרטיקער קרבן פאַרן שטורעם מיט זײן גוס און מיט זײן האָגל שטענדיק בערײט ניט נאָר צו קאָרמענען בהמות, נאָר אַפילו פון זײ געטראַמפּלט און געדריקט צו װערן.

דאָס איז אַ מאַמע.

און דאָ גײט ניט קײן רעגן. עס שטאַרבט די גראָז. עס גײט אויס מיט די כוחות. פאַר דער צײט פאַלן בלעטער פון די בוימער. גרין — זאָגט מען — איז האָפענונג, און געל — פאַלשקײט. גרין פאַרשװינדט איצט און געל באַדעקט דעם פּנים פון דער גוטער אַלטער מאַמע־ערד פאַר דער צײט.

און דאָס אַלץ װײל זי בעט אַ טרינק און דער הימל גיט ניט.

פריער פלעג איך אַזעלכע זאַכן זעלטן זען און נאָך זעלטע־

נער פלעג איך זיך צו זיי צוקוקן.

איך בין בטבע זייער באַשרענקט.

פון דער גאַנצער וועלט מיט אירע מיליאָנען פּלאַנעטן, דאָס הייסט, וועלטן און וועלטעלאַך אינטערעסירט מיך נאָר אונזער מאַמע־ערד.

פון אַלץ וואָס לעבט קימערט מיך נאָר מיין אייגענער מין, מיין אייגענע טיר־גאַטונג: דער מענטש.

פון אַלע מענטשן שטייט נעענטער צו מיין האַרצן דער אַר־בעטער־קלאַס מיט זיין כוח און מוח אָפּגעזונדערט איינער פון דעם אַנדערן.

פון די אַרבעטער אינטערעסירט מיך אַם מייסטן דער שוואַ־בערער טייל און אין דעם דאָזיקן טייל — מער ווי אַלע די קינ־דער.

***

מען טאָר קיינמאָל ניט רימען ניט זיך און ניט אַנדערע. אוי־בערהויפּט אַנדערע... איר ווייסט קיינמאָל ניט וואָס פון אייך קען ווערן, ווי אַזוי איר קענט זיך פאַרפּלאָנטערן און וואוהין איר קענט פאַרקריכן... „אל תאמין בעצמך עד יום מותך" (גלויב ניט אין זיך ביזן טויט) איז אַ וואָרט, וועלכעס וואָלט פאַרדינט צו האָבן מיר פאַר זיין זאָגער, אָבער נאָך בעסער איז טאַקע מיין „אַמענד־מענט" דערצו, היינו: „גלויב אין קיינעם ניט ביזן טויט!" דאָס איז וויכטיק צו געדיינקען אין צייטן פון באַנקעט־באַוועגונגען און ראַקעט־באַוועגונגען, ווען דער עולם פּלאַצט אַרויס מיט שבחים ניט קאָנענדיק זיך געדולדן ביז דער בעל־דבר וועט אין אַ גוטער שעה שטאַרבן... (1906)

***

אַ מענטש — אַ מענטש איז ניט גלייך. עס זיינען דאָ מענטשן, וואָס האָבן אַזאַ מין גבורה אין שרייבן, אַז זיי קאָנען מאַכן (ווי די ווייבער זאָגן) „פון אַ וואָרט אַ קוואָרט". איך איך האָב געקענט חברים, וואָס האָבן זאַטערהייט און הונגער־הייט, אין היץ און אין קעלט, מיט אַ פריילאַכן האַרצן און אין

דער גרעסטער מרה־שחורה — געשריבן ארטיקלען וועגן אלערליי ענינים און אויף אלערליי אופנים, רעגולער פון וואך צו וואך, פון טאג צו טאג, ווי א גוטע הון לייגט אייער, ווי א גוטער איד לייגט תפילין, ווי א ישיבה-בחור גייט עסן טעג; רעגולער ווי מחלוקות אין דעם אידישן טעאטער נאך יעדער פארשטעלונג, ווי אומגליקספאלן אין קוילנגרובער, ווי פוסטע דרשות אין קירכן, ווי ביזי אין סטרעטפארד (אויפן בית-עולם), ווען עס איז סלעק אין בעטנאל גרין *), ווי פוסטע וויצן אין קאמישע זשורנאלן, ווי געמאכטע טרערן ביים עמוד ראש־השנה...

גאנץ געגוי אזוי רעגולער, ווי אט־די אלע זאכן, זיינען די שרייבערייען פון געוויסע שרייבערס, וועלכע איך האב אין מיין לעבן געקענט. זיי, די דאזיקע אידישע מחברים פעלט קיינמאל נים קיין מאטעריאל. זיי קאנען אויפטאן א חבור פון גארנישט און באשאפן, כביכול, ווי דער רבונו של עולם א יש מאין; זיי דאכט זיך, וואלטן געשריבן ארטיקלען אפילו ווען מען וואלט זיי אפגעשניטן די פינגער פון די הענט (וואס מאנכע פון זיי פארדינען דאס), א שטייגער ווי מען זאגט, אז ראפאעל וואלט געווארן א מאלער, אפילו ווען ער וואלט געבארן געווארן אן הענט. (1889)

**
*

מען זאגט, אז ראפאעל וואלט געווארן גאר א גרויסער מאלער, אפילו ווען ער וואלט געבארן געווארן אן הענט. דאס הייסט הענט, וואס געוויינטלאכע מענטשן האבן און ניט אידישע שניידער־מייסטערס אליין, ווארום מיט געדונגענע הענט וואלט ראפאעל אפשר געקאנט אויסנייען א סך קנעפ־לעכער, אבער גרויסע בילדער וואלט ער ניט געמאכט, וואס דאס וואלט געווען אן אומגליק פאר אלע לײדיקגייער, וואס זיי באנוצן זייערע אויגן צו קוקן אויף אנדערע מענטשנ'ס ארבעט און ניט צו זען, וואס זיי וואלטן אליין קאנען טאן, ווען... (1889)

---

*) ארימער קווארטאל אין לאנדאן.

**
*

אפילו מלאך גבריאל וואָלט שוין היינט ניט געקענט אויסלערנען א יוסף'ן זיבעציק לשונות אין איין נאַכט, אָדער מאַכן א דיכטער פון א אידן ווי משה, וועלכער האָט אין זיך פאַרן בראָדזענען איבערן ים ניט געהאַט קיין פונק פון פּאָעזיע, חוץ וואָס ער האָט אביסל אונטערגעשטאַמלט. נאָר אזא מאַכעריי ווי יונה'ס קיקיון, וועלכער איז איבער נאַכט פאַרוועלקט געוואָרן, האָט געקענט אויסוואַקסן איבער נאַכט. (1890)

**
*

די ערד האַלט איבער 500 מיליאָן קוואַדראַט־וויאָרסט ארום און ארום. זיינען צוויי דריטל דערפון וואַסער. דיזעלביקע פּראָפּאָרציע געפינט איר אין ענגלישע ווײַן און אין אידישע געדיכטע, וואָס דאָס איז אייגנטלאַך דער גרונט דערפון, וואס אונזערע געדיכטע זיינען אזוי שיטער; איך וואָלט געזאָגט: דאָס איז דער טעם דערפון א. ז. וו. אָבער דאָס רוב אידישע פּאָעזיע האָט וויניק וואָס שייכות מיט טעם, וואָס דערפאַר זאָג איך „גרונט", הגם צו דערביין אין אונזער פּאָעזיע א גרונט איז אָפּט אויך זייער שווער...
(1891)

*
**

מיר אַלע, מיר ווערן געבוירן אויף צרות,
עס איז נאָר פאַראַנען איין קליין נפקא־מינה:
אויף צרות פאַר אַנדערע קומען די שררות;
אויף אייגענע צרות, צום שלאָגן כפּרות,
דערשיינען די טוערס אין יעדער מדינה. (1894)

גרישקא׳ס ראָמאַן *)

אין איינעם פון די אידישע רעסטאָראַנען אין לאָנדאָן איז מיט עטלאָכע יאָר צוריק, איין אָוונט אין הארבסט, געזעסן אַ באַיאָרנ־טער איד מיט שיינע געגרייזלטע פאות, מיט אַ לענגלאַכער רויטער באָרד, וועלכע האָט אָנגעהויבן גרוי צו ווערן, אין אַ קאַפּעליוש אַ פארשמאָלצענעם, מיט אַ ברייטן אַלט־מאָדישן ראנד, אין אַ דיקן דראַפּענעם ראָק, וועלכער וואָלט זיך געמעגט רופן אַן אויבער־ראָק, ווען צווישן אים און דער וועסט וואָלט געווען אַן אונטער־ראָק. דעם מאַנ׳ס פנים האָט געמוזט זיין שיין, איידער דער נאָז אויף אים איז רויט געוואָרן... (זיך שעמנדיק, ווארשיינלאַך, וואָס דאָס מויל אונטער אים האָט צו אָפט געמאַכט אַ שנאַפּס) און איי־דער ער—דער נאָז—איז ברייט געוואָרן ארום די נאָזלעכער פון שמעקן פיל טאַבאַק. זיינע אויגן זיינען געווען קליין אין פאָרמאַט און גרויס אין חשק... צום עסן און צו אַנדערע זאַכן, און אינגאַנצן איז דער מאַן, ווי מיר האָבן אים באַשריבן, געווען דער אַלגעמיינ־באַקאַנטער ר׳ שניאור קרימעל.

ר׳ שניאור האָט בטבע ליב געהאַט צו ריידן, נאָר ער האָט זיך געפוילט און דערפאַר פלעגט ער ריידן מיט האַלבע ווערטער און זייער געלאַסן. דעם אָוונט, פון וועלכן מיר דערציילן, האָט ער דאָך גערעדט מער ווי אַלעמאָל, ווייל גרישקא האָט אים זייער אינטערעסירט. ווער איז גרישקא? ווער האָט גרישקא ניט אינטערעסירט? אַ קליינער פּריט אַ רוסישער סאָלדאַט, אָנגעטאָן אין אמת׳ע סאָלדאַט־סקע קליידער, אַ מענטש מיט קעשענעס אין די אַרבל פון זיין ראָק,

---

*) „אַרבעטער פריינד“, לאָנדאָן, 26טן סעפטעמבער 1890.

מיט בלאַנקעדיקע מעשענע קנעפּלאך, און א ריכטיקער סאָלדאַט־סקער פוראַזשקע — בקיצור א יון מיט אַלע קליפּערלאך און דערצו נאָך אַ איד! און וואָס פאַר אַ איד! אַ איד, רבותי, וואָס קען קוים־קוים אידיש ריידן, א איד פון „טיף ראַסייע" — ווי ר' שניאור האָט געזאָגט, אַ איד, וואָס האָט אייך קיין שום ידיעה ניט פון אי־דישקייט און איז דאָך אַ איד!

און דאַ איז געזעסן דער וואונדערבארער אידישער יון פנים־אל־פנים מיט ר' שניאור'ן און האָט דערציילט פלאי־פלאים פון זיין סאָלדאַטסקן לעבן.

דער שרייבער איז ליידער אריינגעקומען אינמיטן און האָט די ערשטע דבורים ניט געהערט. דאָס איז וואָס ער האָט יאָ גע־הערט:

„וואו, אין ווילנע?"—האָט ר' שניאור געפרעגט.

— דאַ, אין ווילנע, — האָט גרישקא געענטפערט.—דאָרטין האָזש מען פערעוואַדעט אונזער פּאָלק, פּאָנימייעש, מיר האָזש מען געשטעלט אריין אויף קווארטיר ביי אידון... פולע אידון דאַ אין ווילנע, זייער פולע... פּאָטשטי אַלי מענשין אין שטאָט אידון, גויאיש מענשון מיקאַט גאָר ניש...

„במעט גאָר ניט"—האָט ר' שניאור אונטערגעכאַפּט.

— דאַ, במעט גאָר נישטאָ, — האָט גרישקא פאָרטגעזעצט.— און דאַזשע די ביסול גויאים, וואָס איזש דאָ, איזש אַלי פּאָליאַקעס, אַלי, קאַק יעסט. גוטע מעשנון געוועזט, וואו איך געשטאַנט אויף קווארטיר, מאַן גוטע, ווייב גוטע, זון גימנאַזיסט און יונגע טאָכטיער אבטשי-נייטשי יאָר אַלט. אי זון אי טאָכטיער גוטע רעביאַטעס, האָםביידע געלייענט קניזשקעס און האָם געהאַט ליב אָרים לייט, נאַראָד, פּאָנימייעש, און האָם געזונגט פּיעסני זאַפּרעשטשאָני אַלץ, פּאָנימייעש טאַוואָ... פון די מוזשיקעס.

„פּארכאַפּטע אַ שטייגער... היינטיקע"—האָט ר' שניאור באַ־מערקט.

— ניעט, בראַט! — האָט זיך גרישקא אָפּגערופן. — איך ניש

געכאפט... באלעבאש האזש אין אנהויב ביסול מורא געהאט אויף מיר, ווארין אים האזש געמיינט אלי סאלדאטן איז גנב'ס, האזש אים געזען איך כאפ ניש, האזש אים זאקליוטשאיעט, איך ערלאך מענטש".

„ווא? זאקליוטש..."—האט זיך ר' שניאור צו מיר געווענדט.

— ער האט באשלאסן, אז ער איז אן ערלאכער מאן" — האב איך ר' שניאור'ן דערקלערט.

— דא, געשלאסון. אבער ווען אים האזש געזען, א'ז איך ערלאך מענטש, האזש אים ניש מער געשלאסון... אלץ געווען אפון, האזש זיך ניש געהיט אויף מיר. איין טאג איז זיך געטראפון וואט אזא אקאזיא, פאנימייעש. יונגע מאן געוועזט אין גימנאזיא, אלטי מאן אין לאווקי — האזש געהאלטון א מאגאזין — און מיידול געלייענט ביכול, איך איזש געזעסט ביין פענסטער און האזש געקוקט אין גאס. זיץ איך, קוק איך. וואס זע איך פון ווייטון קווארטאלני קומען. אים גיי און דעסיאטניקעס גיי אים נאך. אביסק! זא'ך און כאפ אוועקיט ביכול פון גרוני'ס האנט—גרוניא איז צו איר א נאמען, פאנימייעש—כאפ אוועקיט, לויף נעם אויף אלי קניזשקעס. וואו איך געפין, שטאף אלי אריינים אין פאזוכע, שפילעוו צו קנעפ אויף די שינעל און זעץ זיך זיצון. גרוניע, סקאנפושעט, וויל זיך זידלון אויף מיר,—וודרוך קום אריין קווארטאלניע. גרוניע סמעקאיעט, וואס איז מעשה. קווארטאלניע זוך גאנצע שטוב; אין קאמאד, אונטער קאמאד, אונטער בעטון, אין שקאפ, אין קליידער אומ־מי־טום, נישטא! האזש אים שוין געוואלט גיין אוועקיט, קאק ניע סאלאנא כליעבאמשי...

„ווא? וואס אי דאס?"—האט זיך ר' שניאור א כאפ געטאן.

— ער מיינט,—האב איך אים דערקלערט,—אז דער קווארטאלני האט געוואלט אוועקגיין מיט ליידיקן.

— דא, דא! — האט גרישקא אונטערגעכאפט און האט אזוי פארטגעזעצט:

— זנאטשיט, האזש אים שוין געוואלט גיין אוועקיט, איזש זיך אבער אומגעקערט, סוקין סין! לאמיך, זאג ער, זוכן אומעטום.

—וואו נאָך זוכן?—זאָ'ך, שטעל זיך אוועקיט, וואָרין איך פאַר־שטאַנט, וואָס אים מיין, פּאָדליעץ. — לאָז, זאָג ער, באַרישנע— מיידול, פּאַנימייעש—אויסטאָן קאָפּטאָטשקי, טאָמער באַהאַלטון ביכול אין בוזים. — וויים וואָס? זאָ'ך—איך גיין אין אָסטראָג, פּאַנימייעש, אָבער דאָס בראַט ניע דאָפּושטשו! ניט לאָזון, אי באַס־טאַ! ער גענעמט סטראַשון, גערופט צוויי דעסיאַטניקעס אריין, אָבער איך שטיי גאָראָי און זאָ'ך צו נים זאָ'ך: אזש לאָזט אייערע זיין צוואַנציק מענטש, ניע־טאָ שטאָ דריי — איך ניט לאָז. איך גיין אין אָסטראָג, אָבער ניט לאָזון! ווי ער דאָס געהערט, האָזש אים געלאָזט אַראָפּ די נאָז, האָזש געשרייבט אויף פּראָטאָקאָל מיט נאָמען מייני און די פֿאָלק און האָזש פאַרבייסט די לופּ און איזש אוועקגעגאַנגען און מער האָם מיר גיש געהערט, ניש געזעט פון אים. ווען אים איזש שוין מער ניט געוועזט אין שטוב, גרוניע שפּרינג אַרויף אויף מיר, כאַפּ מיר אַרום און גיב מיר אַזאַ גרויסי קוש, אזש מיר צעגאַנגען האַרץ... מירביידע ניש גערעדט וואָרט, נאָר גרוניע געוויינט און מיר געדאַנקט און געוויינט, כראַם סקאַזאַט, איך אַליין, פּאַנימייעש, נאָר וואָס גענעמט כליפּן.

גרישקאַ האָט זיך אָפּגעשטעלט. לאָמיך באַנוצן די געלעגנ־הייט די לעזער צו זאָגן עטלאַכע ווערטער וועגן גרישקאַ'ן זעלבסט. ווען ער האָט געענדיקט ריידן, האָבן זיינע אויגן געבלישטשעט און ער איז גאָרניט געווען דער זעלביקער, וואָס ער איז געווען אין דעם אויגנבליק, ווען איך בין אַריינגעקומען.. ער האָט איצט אויסגע־זען, ווי באַגייסטערט, און האָט גערעדט מיט גרויסער אינערלאַכער אויפרעגונג. זיין וואונדערבאַרע מעשה איז יעדן איינציקן פאָרגע־קומען אזוי נאַטירלאַך, אַז קיינער האָט ניט געצווייפלט, אַז דאָס, וואָס ער זאָגט, איז אמת. נאָך מער. הגם ער האָט גערעדט אַזאַ לשון, ווי מיר האָבן (ניט תמיד גאַנץ גענוי) איבערגעגעבן, האָט אים דאָך יעדער איינציקער אין הויז גוט פאַרשטאַנען.

איך האָב אים אָנגעבאָטן אַ גלאָז ביר, און ער האָט אָנגענומען. ר' שניאור האָט אויך אָנגענומען, הגם איך האָב אים אייגנטלאַך

ניט אנגעבאטן. איך אליין האב אויך גענומען א גלאז, עפנענדיק א צווייטע פלאש. און אזוי ווי ר' שניאור האט מורא געהאט, טאַ־מער וועט די איבעריקע אין גיוועץ גיין, האט ער די צווייטע פלאש אליין פארענדיקט, טרינקענדיק ביסלאכווייז, אין דער צייט ווען דער סאלדאט האט פארטגעזעצט זיין מעשה.

גרישקא האט פונם בוזים ארויסגענומען א לעדערנע בייטעלע מיט טאבאק, האט געמאכט א פאפיראס, האט פארדרייכערט און האט אזוי פארטגעזעצט:

— דא, בראט, אזוי איז זיך דאס געמאכט. פון יענע טאג אן גרוניא געווארט אנדערי מענטש. ביוואלא, זי פלעג זיצון היני־טער ביכול און לייען אין די הויך, אז לאז איך הערון. און ווען זי געזעט, אז פארשטיי איך, וואס דאס ביכול זאג, זי געוועזט צו... וואס זאג מען אויף אידיש? זי געוועזט צופ...

„צופרידן, משמעות" — האט ר' שניאור געזאגט.

— דא, צופרידון, — האט ער א כאפ געטאן.—אבער זאג מען ניש „שמעות", דאס ניש, זאג מען צופרידון. דא, ווען זנא־טשיט, גרוניא, געזעט אז פארשטיי איך, זי געוועזט צופרידון. איין זאך מיר פארדראסט: גרוניא מיר ניט מער גערופט גרישא, האזש זי מיך גערופט גריגארי אבראמאוויטש, פון יעני טאג אן. ווען פלעג איך אמאל גיין ארויס אין גאס, זי פלעג מיר פרעגון, ווען איך קום צוריק, אהיים זנאטשיט. און אזש פלעג איך אפאזדאיען, פלעג זי שוים זיצון אין די פענסטער און ווארטון. מעשה געוועזן צום יעסין, אונטס געהויבט אן זיין לענגערע און מיר דריי, מיין איך גרוניא, ברודער איר און איך, פלעג מיר זיצון און ריידון. גרו־ניא מיר געלערנט פילע זאכן, האזש מיר דערציילט, ווי מאך מען טעלעגראפן און וואס איזש די מאגניעט און ווי מי לאזש ארייו מאגניעט פוני פאדקאווע א דרוטי אין אי נאדול און פון די נאדול אין אנדערע נאדול און ווי מי סנימאיעט מיט א קאמער א טונקעלי פאטאגראפיעס, וואס דאס גרויסי חכמה. איך אליץ פארשטאנט, האזש איך, ווארין וואס גרוניא געזאגט, איך געהערט מיט כוח...

„מיט מוח.. נו, נו!" — האט אים ר' שניאור פארבעסערט.

— ווי? — האָט ער זיך אָפּגערופן — מיט מוח? פּאַנימייעש, מיין איך, ס׳אומאַם, גוט נו, מיט מוח. דאָ! און האָב איך געוואָלט פאַרשטיין, וואָרין האָב איך דאַך געזעט, אַז גרוניא קלייב דערפון... וואָס זאָג מען אויף אידיש? אודראָוואָלסטוויע.

— אייני זאַך געוועזט שליעך. איך איז ניט גוט געשלאָפט גאַנצין נעכט: האָב איך אַלץ געטראַכט פון גרוניא, ווי זי גערעדט, וואָס זי גערעדט, ווי זי געזיצט, ווי זי געשטאַנט, ווי זי געגייט, וואו זי געגייט. פּאָוויעריש? אייני מאָל זי געגעסט פיש, האָב איך נאָכדין ביינאַכ׳ געזעט אין שלום...

„אין חלום" — האָט ר׳ שניאור פאַרבעסערט.

— דאָ, אין חלום... הער, בראַט, דו רייס מיר ניט איבער, פאַרשטיים דאָך, וואָס מיין איך, גיב מיר ריידון ווי כ׳רייד. נו, האָב איך געזעט נאָכדין ביינאַכ׳ אין חליום, אַז ווארג זיך גרוניא מיט ביינדל פון פיש. אי וואָס האָב איך זיך פאַנאַנדערגעוועקט מיט גרויסי שרעק. האָב איך געוויסון, אַז דאָס ניש מער ווי חליום, אָבער אַלץ־אַזוי האָב איך קוים־קוים צוגעוואַרט זיך, אַז לאָז ווערון טאָג. אין די פרי איך שוים געשטאַנט אין סטאָלאָווע און געוואַרט, ביז זי קומען אריין צו זאַווטראַק, דאַבי לאָזשיך, זען צי זי געזונט אין פול.

— אייני אָוונט האָט מיר ביידי געוועזט אַליין. זי ניש געדרעדט, איך איז אויך געשוויינט. וואָט, איך דערלאַנג קוס אויף איר, זי ווער רויט, ניעם אַרוים פּלאַטאָק פון קעשענע און פאַרדעק די פּנים. פּלוצים הויב זי זיך אויף און זאָג גוט־נאַכט.—גיי שוים אוועקיט, באַרישניא?—זאָ׳ך. ניש געזונט—זאָג זי, און גיי אוועקיט. אַפּן מאָרגון זי געשטאַנט אויף מיט רויטע אויגון, און אונטער אויגון איך זאָמיעטשעט בלויע... בלויע פאַסון. פּאָוויעריש, בראַט? איך, סאָלדאַט, געוויינט, מוז זיין קראַנקי, גרוניא־דושענקאָ, האָב איך געטראַך.

— ווען איך אָפּגעוועזט וואָכון זעקס דאַרטון אופּען קוואַרטיר, האָב איך געקראָגט אַ פּריקאַז, אַז מוז איך זיך שטעלון, וואָרין פּאָלק, פּאַנימאַיעש, מוז מאַרש אוועקיט פוני שטאָט. איך איז

אזש ניש פון... שייכול אראפגעגייט, האזש איך דאס דערציילט גרוניע, טאק־מאל אי טאק, מוזש גיין. זי געוואָרט בלייך, ווי טויטי מענטש, נאָכדין האזש זי מיך גענעמט אָן פארי האנט און ווי זי מיך גענעמט אָן פארי האנט, האזש איך געפילט, אזוי ווי פוליא איז דורכגעלויפט דורך גאנצי קיערפּיער. און זי געווישט אויגון און האזש צו מיר געזאָגט, זאָג זי: וויסט וואָס, זאָגט זי, גרישאַ? טאָמער קום די קוואַרטאַלני, זאָג זי, ליבאַ די פאַלקאָוניק זשאנדאַרמסקי נאָך־מאָל צינוגז, איך זיך ניש מער היטון, זאָג זי, וואָרען, זאָג זי, אויב דו גיי אוועקיט, זאָג זי, מיר וסיאַ ראַוונאַ, זנאַטשיט, אַלי גלייך, וואָס מיר פּאַסירן, זאָג זי... און זי קוועטש מייני האנט און וויינט. טאָמער, זאָג זי, א ווײלע נאָכדין, זע מיר זיך ביידי נאָך־מאָל, זאָג זי, זאָל דו זיין מייני, גרישאַ.

— איך זיין דייני דינער—זאָ'ך, וואָרעט זאָ'ך, דיר פּריסלוּזשען, זאָ'ך, זיסער ווי אַליץ אין די וועלט, זאָ'ך; וואָרען דו מיר טייער, ווי מיין לעבן, זאָ'ך, גרוניאַ־דושענקאַ.

— נו, האָזש זי אויסגעטוט א קאַליעטשקאַ, א רינג, פּאָנימאַיעש, פון אירי גרויסי פינגער און האָזש אים אָנגעטוט אויף מייני קלייני פינגער און האָזש זי געזאָגט: „גרישאַ, זאָג זי, ווען מיר זיך ווידער זען, זאָג זי, דו זיין מייני מאַן, זאָג זי, וואָרען אָן דו מיר נישטאָ לעבון, און איך, זאָג זי, איך זיין דייני...“ ווייב, האָזש זי געוואָלט זאָגון, נאָר האָזש איר פאַרדריקט האַרץ, פּאָנימאַיעש, און זי־פאַל אריין אין מיינע אָרעמס און זי וויין מיט ביטער טרערון, דריקענדיק אירע ברוסט צו מייני. פּאָוויערישׁ, בראַט, איך ניט איינגעשטאַנט און האָזש איר געגעבט גרויסי, לאַנגי קוש.

— דאָס געוועזט מייני ערשטי קוש און לעצטי קוש. אפּין מאָרגון האָזש מען איר אַרעסטעט און ווען איך איזש געוועזט אין וולאַדימיר האָזש איך געהערט, אזש האָזש מען איר פּאַרשיקט אַדמיניסטראַטיוונים פּאָריאַדקאָם אין סיביר אריינים. איך כאַפּ, גיי, קריג וואָלני קליידור, פּאַק צונויף סאָלדאַטסקע, טו זיך אריבער און מאַך אוועקיט. האָזש איך געהאַט גרויסי צרות, ביז איך איזש

געוועזט פון יעני זייט גראַניצע, נאָר טאַטע מייני מיר געשיק געלט און איך איזש געקומט אהער.

— דאָ איך גיי צוויי מאָל אלי וואָך צו די קאַראַבליעס. נעכטן איז געגאַסון רעגון, ווי פון עמיר, אָבער איך געוואָרט ביז קאַראַבל געקומט אָן. קלער איך, טאַמער גרוניא אַנטלאָפן און קומען קיין לאָנדאָן.

— ווילסט זען רינג אירי? נאַ, בראַט, קוק.

און ווי ער האָט יעדן פון אונז געוויזן דעם רינג, זיינען ביי אים אין די אויגן געשטאַנען צוויי גרויסע פּערלדיקע טרערן.

ע ר

א כאַראַקטער בילד*)

ער איז א מענטש מיט א געזונטן מאָגן.

בערנע זאָגט ערגעץ־וואו, אז צום האָבן א געזונטן מאָגן איז נויטיק פריער ווי אלץ א שלעכט האַרץ. אויב בערנע מיינט דער־מיט א האַרץ, וואָס איז באַשיצט און באַשירמט געגן „אָפּעסן" זיך, דאַן איז ער א צווייפיסיקער, שלאַנק־געוואַקסענער, צייטנווייז־כמעט־לעבעדיקער באַווייז, אז בערנע איז גערעכט.

זיך אליין אויף להכעיס איז ער א שרייבער. אָפּצוקומען חבוט־הקבר און זיך פאַרזיכערן א שטיק לויתן מיט א שטיק שור־הבר, מיט א גוטן זופּ יין המשומר, איז ער א אידישער שרייבער פאַר אידישע אַרבעטער, וועלכע ער פאַראַכטעט, הגם ער איז א פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער־פריינט מיט א דיפּלאָם דערויף פון רוסלאַנד.

„וועלכער שוואַרץ־יאָר האָט געריסן גוטנבערגן צו ערפינדן די בוך־דרוקעריי!" טראַכט ער ביי זיך, ווען ער נעמט אריין די פע־דער אין האַנט. ווען ער לעגט איר אַוועק, יאָוועט זיך אויף זיינע ליפּן א שמייכל,—א שמייכל געפּרעגלט אין זיסן און אין זויערן,— וועלכער זאָגט: „אָפּגעקומען אויף ד ע ר וועלט!"

---

*) „צוקונפט", מערץ 1897 — געמיינט פיליפּ קראַנץ (1958 — 1922, זע באַנד 10, „עראינערונגען", צווייטער טייל, וואו ווינטשעווסקי שילדערט פיליפּ קראַנצ'ס אָפּפערטוניזם אלס ערשטער רעדאַקטאָר פון לאָנדאָנער „אַרבעטער פריינד".

דאָ ניט לאַנג האָט ער אויפגעשריבן אַ לאַנגן אַרטיקל, פאַר וועלכן מ'האָט אים געטאַדלט. וואָס זיינע קריטיקער האָבן ניט פאַרשטאַנען, איז פאָלגנדעס:

ווען אַ מענטש אַרבעט שווער און ביטער 15 יאָר פון זיין לעבן, זיך סטאַרעוועגדיק צו פאַרגעסן דאָס, וואָס ער האָט דורך אַ „סיס־טעמאַטישער דערציאונג" געלערנט, איז קיין עולה ניט, אַז ער זאָל דאָס אַרויסווייזן. באשיידנהייט האָט אַ גרענעץ, און צופיל טאָר מען פון קיינעם ניט פאַרלאַנגען.

זיין האַרץ איז אין פראַנקרייך, זיין קאָפּ אין רוסלאַנד און זיין בויך אין ניו יאָרק. ניו יאָרק באַזיצט דעם וויכטיקסטן טייל פון אים.

אַז ער איז אַ נאַר, איז זיכער, אָבער ניט לייכט צו באַווייזן. געוויינטלאַך רעדט ער ווייניק און שרייבט נאָך ווייניקער. ער האַלט רעדן פאַר אַ שטער צום עסן און שרייבן פאַר אַ שטער צום פאַרדייען. ווייניק רעדנדיק און נאָך ווייניקער שרייבנדיק, באַהאַלט ער געוויס אין זיך אַן אומגעהויערע מאַסע פון אומפאַרעפנטלאַכער דומהייט.

ער לעזט קיינמאָל ניט זיינע אייגענע שריפטן: ער איז געוואונט און סען איינשלאָפן אַן אַ ליטעראַרישן שלאָפטרונק.

ער איז אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט, דאָס הייסט, ניט קיין אַנאַר־כיסט. ער איז אָבער אַ רעוואָלוציאָנער און האַלט ווייניק פון דעם שטימקאַסטן. וואָרום? איינפאַך, ווייל דאָס איז באַקוועמער. ביי דעם שטימקאַסטן, וועלכער איז ביי דער האַנט, איז דאָ אַרבעט שוין איצט; די סאָציאַלע רעוואָלוציע דאַגעגן איז נאָך ווייט און פאַרלאַנגט דערווייל נאָך ניט קיין פיל אָנשטרענגונג. חוץ דעם דאַרף מען שטימען אַלע יאָר, בעת אַ רעוואָלוציע איז איין מאָל אָפּ־געטאָן און גע'פטר'ט אַן עסק.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט ער געהייראַט ניט פאַר געלט אָבער אויך ניט אויס ליבע. ער קען — ווען דאָס זאָל ניט שטערן צום עסן — זאָגאַר זיין צו איר אַ טרייער מאַן, אָבער זי טאָר פון אים ניט דערוואַרטן קיין ענטוזיאַסטישן קוש. ליבע איז איבער־הויפּט ניט אין זיין כאַראַקטער. הייסע ליבע מאַכט אָן צופיל אויפרעגונג און אויפרעגונג איז ניט קיין פּאַר קליידער מיט אַ רו־איקן, רעגלמעסיקן לעבן, בקיצור, אַ זאַך, וועלכע פאַליובעט אים ניט.

לאָז ער מאָרגן ווערן רייך, בלייבט ער דער זעלביקער סאָ־ציאַליסט ווי געוועזן. ער וואָלט נאָר איינפּאַקן זיינע רעוואָלו־ציאָנערע אידייען צוזאַמען מיט אַנדערע זאַכן, וועלכע גיבן פאַר־לויפיק נאָך ניט קיין דיווידענדן, און וואָלט זיי באַהאַלטן אין אַ ווינקעלע אין זיין „סייף“. ער וואָלט דאַן זאָגאַר מיינען, אַז דאָס האַלט ער זיי טייער.

ניט האָבנדיק קיין הומאָר, האַלט ער זיך פאַר אַ „ראַציאָנאַלן דענקער“; ניט האָבנדיק קיין וויץ, האַלט ער זיך פאַר אַן ערנסטן מאַן; ניט האָבנדיק קיין ענטוזיאַזם, האַלט ער זיך פאַר געלאַסן און געזעצט. ער ווייסט לײדער ניט, אַז געזעצטע מענטשן, ווי געזעצ־טע אַרטיקלען, זיינען אָפט פול מיט גרייזן.

ער איז אַן עקשן און האַלט עקשנות פאַר קאָנסעקוועניץ; ער איז גראָב און רופט די גראָבקייט רעאַליזם; ער איז אומבאַוועגלאַך און האַלט די אומבאַוועגלאַכקייט פאַר אַ מין פאָרזיכטיקייט.

ווען דער רבונו-של־עולם וואָלט זיך באַוויזן צו אים, ווי אַמאָל צו שלמה המלך, אין חלום און וואָלט אים, ווי יענעם, געפרעגט: וואָס ווילסטו בעסער—חכמה אָדער עשירות, וואָלט ער געוויס געענטפערט: „אַ פאַריזער הימלבעט מיט ניו יאָרקער שכירות און אַ מגפה אויף די, וועלכע לאָזן ניט שלאָפן“.

ער שרייבט אמאָל אידיש, איבערזעצנדיק פראנצויזיש. דאָן לעזט מען און מען ווייסט ניט, אויף וועלכע פון דיביידע שפּראכן דער רחמנות איז גרעסער. אָבער עס איז געבוירן געוואָרן אין א העמדעלע און צייטנווייז פּאסירט, אז דער זעצער מאכט א פעלער. דאָן קומט ארויס זיין שפּראך צימלאך גלאַט.

ער איז איינער פון יענע שרייבער, וועלכע פאראכטן זייערע לעזער. אייגנטלאך איז דאָס ניט מער ווי לאָגיש: די וואָס לעזן געוויסע שרייבערייען, פארדינען די פאראכטונג.

צו שטיין אין א גאָרטן, וואו אלעס בליט און וואקסט, האָט ער ליב. אליין וויל ער אָבער דערביי גאָרנישט טאָן. איידער צו מוזן אויפפּאסן אויף די בלומען, וואָלט ער בעסער ניט זיין קיין גערטנער. און דאָך שטייט ער אין גאָרטן און ווען ער טוט ניט קיין אנדער זאך, פאריאָגט ער וויניקסטנס פרעמדע און היימישע פייגלען. ער איז אין גאָרטן א סטראשידלע.

ווי ער קען ניט היים ליבן, קען ער אויך ניט היים האסן. ער היט זיך איבערהויפּט פון היץ. אלס מאן פון ווימנשאפט—ער איז מיט איר פון איין שטעטל—ווייסט ער, אז די היץ ציט פאנאנדער. ער האלט זיך קאלט, כדי צו בלייבן פעסט און שטייף. אָבער אויף זיין אייגענעם קאלטן שטיינער האסט ער, און זיין האס, ליגנדיק אויף אייז, האלט זיך זייער לאנג.

רעדנדיק פון אייז.

ער גלויבט ניט אין א סאָציאליזם, וועלכער קאָכט זיך. ער האלט, אז דאָס פּאסט יעדנפאלס ניט פאר א דערוואקסענעם מענטשן און אז דער סאָציאליזם אין א פערזאָן דארף ווערן אלץ מער און מער סאָליד זיך אנטוויקלענדיק. אָבער ווי? דאמף, וואַסער, שניי, אייז.

ער איז א מענטש, וועלכער ווערט מיט די יארן נאר עלטער. פונדסעטוועגן איז זאגאר ביי אים דא א נפקא־מינה אמאל און היינט. דער אונטערשייד איז אט־דער:

אמאל איז ער געווען א רעוואלוציאנערער קאנסערוואטאר, היינט איז ער א קאנסערוואטיווער רעוואלוציאנער; אמאל איז ער געווען א פארטיימאן אלס סאציאליסט, היינט איז ער א סאציאליסט אלס פארטיימאן; מאל האט ער געקענט וואס ער האט געוויזן, היינט וויזט ער וואס ער קען; אמאל האט ער גערופן געטער—געצן, היינט רופט ער געצן—געטער; אמאל האט ער געמוזט טאן וואס ער האט געוואלט, היינט וויל ער טאן דאס וואס ער מוז; אמאל איז ער געווען אין דעם פראגרעס־צוג א לאקאמאטיוו, היינט איז ער א טארמאזנער וואגאן; אמאל האט ער נאך דער רוי־טער פאן מארשירט, היינט שלעפט ער זיך נאך איר נאך; אמאל איז די לאסט ביי אים געווען א פרינציפ, היינט איז דער פרינציפ ביי אים א לאסט.

ער איז שטאלץ דערויף, וואס ער קימערט זיך ניט ארום קיין שום זאך, ארום קיין שום קריטיק, ארום קיין שום מיינונג. נאך זיין טויט וואלט געווען א יושר אויף זיין מצבה אויסצוקריצן אומגעפער אזעלכע ווערטער:

„דא ליגט דער גרויסער מאן באגראבן,
וואס האט א צייט מיט ארבעטער געקנעלט
און האט געהאלטן אין איין האבן
אין דר'ערד די גאנצע וועלט“.

דער קונה הכל.

מר. הוירסט האָט באַשלאָסן
מער ניט צו לויפן פאַר
קיין שום אַמט.*)
— טעגלאכע ציטונג.

ער לויפט ניט מער,
ער איז פאַרמאַטערט,
אונזער העלד;
ער קויפט ניט מער

---

*) אין יאָר 1906 האָט מר. הוירסט געגרינדעט אַ אידישע צייטונג, צו אַגיטירן פאַר זיין קאַנדידאַטור אַלס גאָווערנאָר פון שטאַט ניו יאָרק. די צייטונג איז אַריינגעפאַלן אין אומפאַראַנטוואָרטלאכע הענט. איר אידישער רעדאַקטאָר און זיינע הויפּט־מיטאַרבעטער זיינען באַשטאַנען פון כ־לישראל־פּאָליטיקאַנטן און אייגננוציקע קהל'ס־לייט. האָבן זיי ניט אויסגענוצט די גרויסע מעגלאכקייטן, וואָס אַט־דער צייטונגסמאַן, הוירסט, באַזיצט (דירעקטע טעלעגראַמען פון אַלע טיילן וועלט, קאַרטוניסטן, רעפּאָרטערס, פאַכלייט אויף פאַרשידענע געביטן און דער עיקר אַ ברייטע האַנט צו צאָלן האָנאָראַר), כדי צו שאַפן אַ רייכע אידישע צייטונג פאַרן נוצן פון אידישן וואָרט און אידישן לייענער — אַפילו דעם באַלעבאַטישן. אָנשטאָט דעם האָבן זיי געשאַפן אַ מיאוסע סטראַשידלע, אַן אָפּשיילאך געל־סענזאַציאָנעל בלאַט, פון וועלכן ס'האָט אָפּגעעקלט אַפילו דעם סאַמע פּראָסטן עולם. ווען הוירסט איז דורכגעפאַלן ביי די וואַלן, האָט ער געמאַכט אַ סוף צו אַט־דער פאַרזעעניש.

ער האָט גע׳פּטר׳ט
אוצרות געלט,
דער גרויסער לויפער
לויפט ניט מער,
דער גרויסער קויפער
קויפט ניט מער!

***

ער לויפט ניט מער
אין וואַל-מלחמות
בילי כוואַט;
ניט נעמט נשמות
אויף פּראַקאַט,
און קויפט ניט מער!
ער לויפט ניט מער,
ער וויל ניט זיין אין
ניו יאָרק שטאַט
דזיר באָסלאָז ריינער
קאַנדידאַט,
ער לויפט ניט מער!

***

ער קויפט ניט מער
קיין פעדער־העלדן
אין... אין, מיט
רעספּעקט צו מעלדן,
קונעל־סטריט,
ער לויפט ניט מער!

**
*

ער לויפט ניט מער,
ער האָט פּארקילט זיך
אין געלאף,
און בילי פילט זיך
טאקע שלאף,
ער לויפט ניט מער!

**
*

ער לויפט ניט מער,
לאָז גובערנאטאָר
זיין ווער וויל,
ער האָט א קאטער,
ניסט צו פיל,
ער לויפט ניט מער!

**
*

ער לויפט ניט מער,
גענוג שמוץ שמייסן
גראָב און דיק,
די גאל זיך רייסן
שרייענדיק,
ער לויפט ניט מער!

*
**

ער לויפט ניט מער,

פאַר בירגערמייסטער,
וויל ניט נאָך
אַמאָל אין טייסטער
אַזאַ לאָך,
ער לויפט ניט מער!

**
*

ער קויפט ניט מער
קיין ליטעראַטן
רויטלאָך־געל,
קיין דעמאָקראַטן
„צו באַפעל!"
ער קויפט ניט מער!

**
*

ער קויפט ניט מער
קיין מאָרדע־רייבער
רויטלאָך־געל,
זאָגט: געטאָ־שרייבער,
„גאָ טו העל!"
און קויפט ניט מער.

*

ער קויפט ניט מער,
ער דאַרף קיין בלאַט אין
סוארד־פּאַרק;
זאָגט: איר שקצים

אראָפּ, איר שרצים,
פֿון מיין קאַרס!

*

ער לויפט ניט מער,
ער איז פארמאַטערט
אונזער העלד;
ער קויפט ניט מער,
ער האָט גע'פּטר'ט
צופיל געלט.
דער גרויסער לויפער
לויפט ניט מער,
דער גרויסער קויפער
קויפט ניט מער!

נאָוועמבער 10, 1906.

זיי און זי

(כמעט אַ מעשה'לע פון דעם יאָר 1906)

עס זיצט אַ געקליבענע, קליינע קאמפאניע,
פון מזרח און מערב געקומען צונויף,
אין געציל באַלבירישקער'ס ווילנער אכסניא,
אין פאַן פעטרושקעוויטש'עס הויף

פיר בחורים לוסטיגע, איינער אין איינעם,
נעראַטענע חברה, גאָט וויים וואָס ער טוט:
א מח האָט יעדערער טאַקע אַ קליינעם,
דערפאַר אָבער באַקן, וואָס שפּריצן מיט בלוט.

און העלזעלאך, אַ שטייגער ווי ביי די חזנים,
און ציינער צום קנאַקן אַ וועלעשע נוס,
און גאָר ניט קיין אידישע חוצפּה אין פּנים,
מיט גאָר ניט קיין אידישן שטעל מיט'ן פוס.

זיי זיינען כמעט אַלע פיר אין איין עלטער,
און קיינער פון זיי נאָך ניט צוואַנציג יאָר אַלט,
אַ זופּ האָבן האָלד זיי, אַ מיידל נאָך העלטער,
קיין פלאַש ווערט ניט וואַרעם, קיין חשק ניט קאַלט.

אָט זיצן זיי איצט ביי אַ טישל אַ רונדן
אין געציל באַלבירישקער'ס פריינדלאַכע שטוב,

זיי עסן און טרינקען, די פריילאַכע קונדן,
און פילן זיך פרייער ווי פּריצים אין קלוב.

און פוסטער אין פלעשל, און פולער אין קעפּל
ווערט ביסלאַכווייז ביי מיינע פיר יונגע לייט,
און פולער אין בייכל וואָס פוסטער אין טעפּל,
וואָס לענגער מען זיצט, און מען טרינקט און מען קיימט.

און פרייער באַוועגן זיך איצט אַלע צינגער:
זיי טומלען אַרום זיך די לאַנגע אין מויל,
און מער ווי איין ריידער ווערט פּלוצלונג אַ זינגער,
צו מאַכן אַ ליאַרעם איז קיינער ניט פויל.

מען זינגט — דאָ קראַמבאַמבול אַלע צוזאַמען,
דאָ, איינציגווייז אידישע לידער מיט לוסט;
מען הורג'ט ניגונים, און ווערטער, און גראַמען,
ס'ווערט רוסיש געאידישט, און אידיש פאַר'רוסט.

און צווישן די לידער פאַרמישט זיך אַ לידל,
וואָס צינדט אין די הערצער דעם הייליגן פונק;
אַ מין וואוט־און־ווײ ליד, געשפּילט אויפ'ן פידל
פון ערגעץ אַ קינסטלער אין מעכטיגן שוואונג.

עס איז ניט קיין אַלטער געזאַנג־למנצח —
דער שיר, וואָס פאַרהילכט דעם באַלבירישקער'ס הויז,
אַ היינטיגן טעם, אַ רעבעלישן ריח
פון זיך גיט ס'געזונגענע לידל אַרויס.

און ווערט שטום דאָס ליד, הויבט זיך אָן אַ מלחמה,
אַ בירגער־קריג וועגן פּראָגראַם און פּאַרטיי;

דאָס יונגוואַרג באַווייזט, אַז עס האָט אַ נשמה,
דערצו אַ פּרינציפּ, וואָס אים בלייבט מען געטריי...

מען אַמפּערט זיך היציק, אַזוי ווי געגאַנגען
אומ'ס לעבן וואָלט זיי דער פּאַרטייאישער שטרייט,
און צייטנווייז דאַכט זיך: אָט-אָט וועט דערלאַנגען
איין בחור דעם אַנדערן עפּעס אין זייט.

ווייל ס'הויבן זיך עפּטער פּאַרמאַכטע קולאַקעס,
באַגלייט פון אַ טעקסט, וועלכער פּאַסט ניט אין דרוק,
און כוח האָט יעדער פון די פיר באַמבאַקעס,
און דאָ ברענט רציחה אין יעדערנ'ס קוק.

און ביסלאַכווייז קלייבט זיך צונויף אַ געזעמל
אַרום זיי, אַ שטייגער: וואַרט, ס'ווערט אַ געשלעג!
און איידעם ר' געציל'ס, דער כוואַטסקער אַברעמל,
באַווייזט זיך אין טיר, שיקט די ווייבער אַוועק.

די אַרבל פאַרקאַשערט, שטייט מוכן ומזומן
אַברעמל אין טיר, אַזוי זיך ווי מען דאַרף
צו רעדן איין וואָרט, און דערצו זאָל נאָר קומען
דאָס ווערטל צו רעדן געפּעפּערט און שאַרף.

פונדעסטוועגן וואַרפט דאָס אויף זיי ניט קיין אימה,
עס שפּרינגען זלזולים ווי שוועמלאַך פון דר'ערד:
„דו, שוטה!“, „עס-עסניק צעדולטער!“, „בהמה!“
„בונדיסט ניט דערבאַקענער!“, „איסקראָוועץ!“, „פערד!“

דאָך פּלוצלונג, אין מיטן די קולות וברקים,
דערהערט זיך אַ קול'כעלע זיס אָן אַ שיעור,

אַ ניגעלע זינגט עס פון אונזער אליקום, *)
מיט קלאָרקייט און האַרציג פון יענער זייט טיר.

און זיסער, וואָס נענטער, ווערט אימער דער ניגון,
אַלץ רירנדער הערן זיך ווערטער און טראָפּ,
אין טענער — אָט ברכות פון קינדערשע וויגן,
אָט קולות געפלוכט פון הר־עיבל אראָפּ.

די טענער אינ׳ם ניגון — שוין איז, דאַכט זיך ,נאָנט ער—
געפלאָכטן פון אידישן קרעכץ און געזאַנג;
די בלוט־רויטע פעדים אינ׳ם אייביגן פלאָנטער,
וואָס רופט זיך אַ לעבן ביי אונז אַזוי לאַנג.

אין אָנהויב איז טויב פאַר׳ן ליד די אסיפה,
דאָך באַלד לאָזט זיך הערן: „אַי, וואויל, אַי, וואויל!"
עס ווירקט דער געזאַנג ווי אויף וואַסערן טיפע.
אין ברויזענדן שטורעם, דער צערטלאַכער אויל

און אָפּגעקילט ווערן די איבערגעהיצטע
געזיכטער פון אונזערע פיר יונגע לייט,
מיט טיכלאַך געווישט ווערן זיי, די פאַרשוויצטע,
און איינגעשטעלט באַלד איז דער היציגער שטרייט.

דאָך ס׳ווייזט זיך אַ נייער מין ברען אין די אויגן,
נאָך רויטלאַכער ווערט אין די באַקן די פאַרב,
אַ שמייכל די ליפּן האָט איצטער פאַרצויגן,
אייך דוכט זיך, ער זאָגט: „אַ, איך גיי אוים, איך שטאַרב!"

---

*) אליקום צונזער.

ווייל יעדער פון זייט האט אזוי ווי געטראפן,
צו וועמען דער קול'בעל, דער זיסער געהערט,
און יעדערנ'ס הארץ איז פער־שנעלצוג געלאפן
אהין, וואו עס האט זיך די זיסקייט געהערט.

געטראפן האט יעדער, אז דא האט געזונגען
א מיידל, א יונגע, האלב־בתולה, האלב־קינד,
א שטיקעלע גאט־ארבעט, עקסטרא געלונגען,
וואס „זעט מען זי, שטארבט מען, א־ניט ווערט מען בלינד".

בלינד ווערט מען און טויב פאר פארטייען, פרינציפן,
פאר שופר משיח, פאר גאט און פראגרעס,
בעת קושן, קוים צייטיגע, שוועבן אויף ליפן,
וואס ווארטן... וואס טויג אייך דער „בונד", דער „קאנגרעס".

און שטארבן? ווער ציילט אוים די הערצער וואס שטארבן
— קרבנות אויף אמאר'ס מזבח — אויף קלאר?
נפשות, וואס פעלן, ווי זאנגען צו גארבן,
ווי גארבן, ביים שניט, צום געראטענעם יאר.

„עס האט אין די טויזנטער שאול געשלאגן
די צענדליגער טויזנטער האט דוד דורכשפיזט"
און מער האט אין עמק הבכא פארטראגן,
זינט זייערע צייטן, דער „ליבענדער" קריסט.

דאך מער ווי זיי אלע האט פרייהייט'ס קהילה
פארוויסט די „געליבטע פערזאן" פונ'ם העלד:
דען, וואו נאר א שמשון, געפינט איר א דלילה,
פאר מיילן געפאלענע מעסטן מיר פעלד.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו אונזער ענין,
געטראָפן! א קינד פול מיט חן שטייט אין טיר,
— איר טיר, ווי א בילד אין א ראם דאָ אין בנין —
און ענדיגט דעם רירענדן אידישן שיר.

זי שמייכלט. זי שטייט, און זי רירט זיך פון אָרט ניט,
זי נעמט יעדן איינציגן דורך מיט איר בליק;
זי ווייס, אז זי נעמט זיי, דאָך רעדט זי קיין וואָרט,
באזיגט האָט די חיות זי, האלט זיי אין צוויק.

די חברה, זיי זיצן אויף זייערע ערטער
ווי צוגעשמידט: זעען אוים פאראליזירט;
די הענט שיינען נוצלאָז, די צינגער אָן ווערטער,
איר מיינט, אז זיי זיינען פון דונער גערירט.

און פלוצלונג, נאָך איידער צום אָטעם זיי קומען
קנאלט ווירקלאך א דונער,—דאָס פּלאצט מיט אמאָל
די מיידל, וואָס האָט זיי געפאנגען גענומען,
ארוים מיט א שפּאָטענדן לאך אויפ'ן קול.

דער לאך זאָגט: „איר נארן, פאנאטישע קינדער!
וואָס היצט איר זיך, קאָכט איר זיך—גאָט האָט געשפּאסט.
ניט פול איז דער כוס נאָך, צו־ענד ניט דער ווינטער,
דער איד מיט דער פרייהייט איז נאָך ניט פאר'קנסט.

„אָ, קינדערלאך, נארעלאך, וואָס איז די פעולה
פון רייסן און אמפּערן זיך אין א צייט,
ווען נאָענט איז נאָך ניט קיין איינציגנ'ס גאולה,
פון ציל איז נאָך יעדער פון אייך אזוי ווייט...

„דער ליכט־שטראַל, דער העלער, וואָס האָט זיך באַוויזן,
אין אונזער אומענדלאַכער נאַכט, איז פאַרבלאָסט;
דער חשך־מצרים האַלט אָן און די ריזן,
זיי ליגן געבונדן — גאָט האָט געשפּאַסט".

ניט זאָגט דאָס די מיידל און ווערטער ווי דריזע,
נאָר 'ספּינטעלע־לץ רעדט אין קינדערשן אויג,
דער שד אינ'ם מלאכ'ל רעדט דאָ ברמיזא,
און טענה'ט חוץ דעם נאָך: „דער סכסוך וואָס טויג,

„ווען אשמדאי לאַכט פונ'ם רובונו של עולם,
און מעכטיגער איז דער טומאן פאַר'ן שטראַל;
ווען גלייכהייט געפינט זיך נאָר אויפ'ן בית־עולם
און זיכערהייט האַלט זיך בלויז אין ארסענאַל.

„וואָס היצט איר זיך, קאָכט איר זיך, קינדער־פּאַרטייען?
אַריבער איז נאָך ניט די פינסטערע נאַכט,
חרמות געווגעג, ווען דער שונא נאָך שפּייען,
אַך, אידעלאַך! גאָט האָט נאָר חוזק געמאַכט..."

דאָס אַלעס ניט זאָגנדיג, פלינק ווי אַ דריידל
אין טיר אויפ'ן קנאַפּל אַ דריי טוט זי זיך;
דער פּנים, דער כישוף, דער חן פון דער מיידל
פאַרשוואונדן, און ווידער דערהערט זיך אויף גיך

דאָס לידל, וואָס נאָר־וואָס באַצויבערט האָט אונזער
קאַמפּאַניע די יונגע; דערזעלביגער שיר,
דיזעלביגע מעלאָדישע זיפצן פון צונזער,
ס'ווערט שוואַכער און שוואַכער פון יענער זייט טיר.

ווערט שטילער מיט יעדער סעקונדע, און ווייטער,

ביז אָפּשטאַרבט דער ניגון, דער טעקסט און דער קול;
די בחורים זיינען נאָך אַלץ ניט געשיידטער...
וואָס איז דאָ געוואָרן פון אַלץ מיט אַמאָל...

און אפשר איז דאָס גאָר אינגאַנצן אַ חלום?
ווער ווייס.. אפשר איז אָט־די מיידעלע אויך
דורך כּישוף געקומען — דורך בייזע טייוואָלים,
דערשינען, פאַרשוואונדן אין פלאַמען און רויך...

ווער ווייס, אפשר איז דעם באַלבירישקער׳ס קרובה
אַן אַנדערע, איינע ווי דאָ וואָלט געפּאַסט,
אַן איינפאַכע, בשר ודמ׳נע נקבה,
און אָט־די... אַך, אפשר האָט... ווער דאָ געשפּאַסט.

עס פאָרט זיך פאַנאַנדער פון געציל׳ס אַכסניא
פון פאַן פּעטרושקעוויטש׳עס הויף
אַ קליינע, צעטומלטע, יונגע קאָמפּאַניע
און קומט דאָרט מער ניט צונויף.

נאָוועמבער 11, 1906.

פּאַראַדיעס

יוצר ליום ראשון של ראש השנה.

(על פי סדר א"ב משולש)

ובכן לך הכל יכתירו:

אוכלי אביונים יאמרו בקול הכסף מלך
בוזזי בז יביעו בקול הכסף מלך
גבירי גנבים יגעשו בקול הכסף ימלך

הכסף מלך, הכסף מלך, הכסף ימלך לעולם ועד.

דרשני דופי ידובבו בקול הכסף מלך
הורגי המונים יהימו בקול הכסף מלך
והם ושריהם יועדו בקול הכסף ימלך

הכסף מלך, הכסף מלך, הכסף ימלך לעולם ועד.

זדים זוממים יזמרו בקול הכסף מלך
חומסי חלכאים יחסנו בקול הכסף מלך
טורפי טלאים יטענו בקול הכסף ימלך

הכסף מלך, הכסף מלך, הכסף ימלך לעולם ועד.

יורשי יתומים ישירו בקול הכסף מלך
כבירי כסף יכתירו בקול הכסף מלך
לועגים לרש ילבבו בקול הכסף ימלך

הכסף מלך, הכסף מלך, הכסף ימלך לעולם ועד.

מושלי ממלכות ימללו בקול הכסף מלך
נושכי נשך ינגנו בקול הכסף מלך
סוחרי סדום יסלסלו בקול הכסף ימלך

הכסף מלך, הכסף מלך, הכסף ימלך לעולם ועד.

עוכרי עמים יעריצו בקול הכסף מלך
פושטי פועלים יפצחו בקול הכסף מלך
צוררי צאן-אדם יצעקו בקול הכסף ימלך

הכסף מלך, הכסף מלך, הכסף ימלך לעולם ועד.

קוני קסרים יקראו בקול הכסף מלך
רוצחי רבבות ירננו בקול הכסף מלך
שונאי שלום ישאגו בקול הכסף ימלך

הכסף מלך, הכסף מלך, הכסף ימלך לעולם ועד.

° ° °

תומכי תמימים יתנו בקול אכן הכסף מלך
תולי תקיפים יתמידו בקול אכן הכסף מלך
תופשי תורת-אמת יתנו בקול אבל הכסף לא ימלך

הכסף מלך, הכסף מלך, אבל הכסף

לא ימלך לעולם ועד!

„ארבעטער פריינד“, סעפטעמבער 7, 1888.

עברי-טייטש

אוכלי אביונים, רייכע לייט, וואָס פרעסן די אָרימע. בוזזי בז, רויבער מכל המינים. גבירי גנבים, די דאָזיקע רייכע גנבים, וואָס זיצן קיינמאָל ניט אין טורמע. דרשני דופי, פוסטע מגידים, הן פון אחב"י, הן פון אומות העולם. הורגי המונים, גענעראַלן און אָפיצירן. והם ושריהם, זיי און זייערע קאָמאַנדירן. חומסי חלכאים, טורפי טלאים, קאַפּיטאַ־ליסטן, וואָס רויבן און פאַרצוקן די אָרימע שעפעלאך. כבירי כסף, די מיליאָנערן. לועגים לרש, פראָצענט־ניקעס. סוחרי סדום, סוחרים מאַשעניקעס. עוכרי עמים, פאַלשע פירערס, וואָס פאַרדאַרבן גאַנצע פעלקער. פושטי פועלים, אַרבעטער־שינדערס, פאַבריקאַנטן, „סוועטערס". צוררי צאן־אָדם, שאַרלאַטאַנעס, וואָס העצן אויף אַרבעטער געגן אַרבעטער, אָדער געגן אַנדערע אָרימע לייט. קנויי קיסרים, שרייבערס, וואָס פאַרקויפן זיך צו טיראַנען, וואָס זיי, ווידער, זיינען רוצחי רבבות, מאַסנמערדער, און שונאי שלום, פרידן־האַסער, ווייל זיי באַדאַרפן רק מלחמות — אַט זיי אַלע שרייען מיט איין קול: געלט איז דער קעניג, געלט האָט אימער געקעניגט און געלט וועט הערשן אייביק. דאַרויף ענטפערן די תומכי תמימים, די תולי תקיפים און די תופשי תורת־אמת, דאָס הייסט די וואָס האַלטן פאַר די ערלאכע, וואָס קלייבן זיך צו הייגגען די געלט־זעק און טיראַנען און וואָס האַלטן זיך אָן די אמת'ע תורה (לערע) פון פרייהייט און גלייכהייט — אַט־די ענטפערן דאַרויף: אכן הכסף מלך, היינט איז טאַקע געלט דער קעניג, געלט האָט טאַקע אימער באַהערשט די וועלט, אָבער געלט וועט ניט קעניגן אויף אייביק, ווארום די גאולה וועט קומען דורך דער רע־וואָלוציע במהרה בימינו און די ממשלה פון געלט וועט האָבן אַ בייזן סוף. אמן כן יהי רצון.

כל

נדרי ושטרי ואקציוני ואפותיקאי ואסיגנאציאי וכתבי — דאַנדרנא ודנפקנא ודאסרנא על נפשתנא מיום כפורים זיה עד יום הכפורים לבתר הרבולוציה הבאה עלינו לטובה — בכלהון איחרטנא בהן כלהון, יהון שרן, שביקין, שביתין, בטלין, ומבוטלין, לא שרירין ולא קימין: שטרותינו לא שטרי, ואסרנא לא אסרי, ושבעותינו לא שבועות (ג׳ פעמים).

ונסלח לכל עדת האדם, ולפעול העובד בתוכם כי לכל העם בשגגה (ג׳פעמים).

ע ב ר י ־ ט י ט ש:

אַלע שטאַאַטס־שולדן און אַבליגאַציעס און וועקסלען (באַנק־נאָטן) און אַקציעס (שערס), וואָס דאָס פאָלק וועט אַרויפנעמען אויף זיך פון דעם יום כפור ביז דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, זאָלן דער־קלערט ווערן פאַר בטל און ניכטיק.

(דער „אמת“, באָסטאָן, 27טן סעפּטעמבער, 1895)

תפילת על חטא *)

(על פי נוסח חדש)

אַ תפילה פאַר קאַפּיטאַליסטן אויף יום־כּפּור; זיי דאַרפן דאָס זאָגן און זיך קלאַפּן אין האַרצן אַזוי שטאַרק ווי נאָר מעגלאַך. די, וואָס פאַרשטייען ניט קיין לשון־קודש, מעגן עס זאָגן אויף עברי־טייטש.

על חטא שחטאנו לפניך באהבת הבצע;
ועל חטא שחטאנו לפניך באכילת חיל זרים.
על חטא שחטאנו לפניך בבחירת אנשי מרמה;
ועל חטא שחטאנו לפניך בבגדם בעובד
על חטא שחטאנו לפניך בגזל עניים;
ועל חטא שחטאנו לפניך בגירוש האמת.
על חטא שחטאנו לפניך בדחיקת הפועל;
ועל חטא שחטאנו לפניך בדם נשפך.
על חטא שחטאנו לפניך בהון נצבר מגזל;
ועל חטא שחטאנו לפניך בהרג לשם ממון.
על חטא שחטאנו לפניך בודוי פה בולע;
ועל חטא שחטאנו לפניך בועד הנבחרים.
על חטא שחטאנו לפניך בזלזול הדעת;
ועל חטא שחטאנו לפניך בזריעת ההבל.
על חטא שחטאנו לפניך בחילול שם האדם;
ועל חטא שחטאנו לפניך בחמס מן הצבור.

*) „דער אמת“, באָסטאָן, 31טן מאַי, 1895.

על חטא שחטאנו לפניך בטרף שה פזורה;
ועל חטא שחטאנו לפניך בטומאת הרעיון.
על חטא שחטאנו לפניך בידים לא נקיות;
ועל חטא שחטאנו לפניך ביודעים ובלא יודעים.
ועל כלם אלוה סליחות. סלח לנו. מחל לנו. כפר לנו.
על חטא שחטאנו לפניך בכסף תועבות;
ועל חטא שחטאנו לפניך בכזבים באמונה.
על חטא שחטאנו לפניך בלימודי שקר;
ועל חטא שחטאנו לפניך בלהג אין קץ.
על חטא שחטאנו לפניך במלחמות להתעשר;
ועל חטא שחטאנו לפניך במרמה בדין.
על חטא שחטאנו לפניך בנשך ובמרבית;
ועל חטא שחטאנו לפניך בנבול פה.
ועל חטא שחטאנו לפניך בסתימת עינים.
על חטא שחטאנו לפניך בספרים נבערים;
על חטא שחטאנו לפניך בעושק שכיר-יום;
ועל חטא שחטאנו לפניך בעבודת עגל הזהב.
ועל כלם אלוה סליחות. סלח לנו. מחל לנו. כפר לנו.
על חטא שחטאנו לפניך בפדיון בני בליעל;
ועל חטא שחטאנו לפניך בפזרון כסף הקהל.
על חטא שחטאנו לפניך בצדקה מגולה;
ועל חטא שחטאנו לפניך בצעקת העניים.
על חטא שחטאנו לפניך בקנין שפחות;
ועל חטא שחטאנו לפניך בקנאה ובשנאה.
על חטא שחטאנו לפניך ברשעה ובזדון;
ועל חטא שחטאנו לפניך ברמאות ובחנופה.
על חטא שחטאנו לפניך בשטרות ואבליגציות;
ועל חטא שחטאנו לפניך בשרפות להרוית.
על חטא שחטאנו לפניך בתוך ובמרמה;
ועל חטא שחטאנו לפניך בתהילת כסילים.
ועל כלם אלוה סליחות. סלח לנו. מחל לנו. כפר לנו.

ועל חטאים שאנו חיבים עליהם ישיבת סינג־סינג;
ועל חטאים שאנו חיבים עליהם עבודת פרך בכלא;
ועל חטאים שאנו חיבים עליהם מלקות אין קץ;
ועל חטאים שאנו חיבים עליהם ארבע מיתות בית דין.

עברי־טייטש:

על חטא שחטאנו לפניך: אויף די זינד, וואָס מיר, קאַפּי־טאַליסטן, האָבן געזינדיקט אַנטקעגן דיר:

דורך האַבזיכט, דורך עסן פרעמדע גוטס; דורך אויסוועלן (פאַר געזעצגעבער) פאַלשע מענטשן, וועלכע זיינען אומטריי דעם אַרבעטער; דורך באַרויבן אָרימע לייט, דורך פאַרטרייבן די וואָר־חייט; דורך צודריקן דעם אַרבעטער, דורך פאַרגאָסענעם בלוט; דורך רייכטימער אָנגעזאַמלט פון גזלה, דורך מאָרד צוליב געלט; דורך ווידוים מיט אַן איינשלינגער־מויל, דורך אונזער פירונג אין קאָנגרעס; דורך באַשימפּונג פון וויסנשאַפט, דורך פאַרשפּרייטונג פון אומזין; דורך לעסטערן דעם נאָמען מענטש, דורך רויב פון דער געמיינדע; דורך פאַרצוקן די צעשפּרייטע (ניט־אָרגאַניזירטע) שעפּסעלאַך, דורך אומריינע געדאַנקען; דורך פאַרשמירטע הענט, וויסנדיק און ניט וויסנדיק.

דורך אומציכטיקע געלט, דורך ליגנס אין דער רעליגיע; דורך פאַלשער לערע, דורך אומענדלאַכער געשוועץ; דורך קריג צו ווערן רייך, דורך פאַלשקייט אינם געריכט; דורך פראָצענט און צינזען, דוררך שמוציקע רייד; דורך דומער שרייבעריי, דורך פאַרשטאָפּן אויגן; דורך עקספּלואַטירן דעם טאָג־לוינער, דורך דינען דעם גאָלדענעם קאַלב.

דורך אויסקויף (פון אַ שטראָף) די שופטיקע מענטשן, דורך פאַרשווענדן קהל'שע געלט; דורך צדקה, וואָס קומט פון רויב, דורך פאַראורזאַכן דעם אָרימאַנ'ס געשריי; דורך קויפן דינסטן, דורך

נייד און דורך האַס; דורך שלעכטס און מוטוויליקייט, דורך באַטרוג און הייכעליי; דורך וועקסלען און באַנדס, דורך שרפות צוליב געלט; דורך פאַלשקייט און דורך לויבן די נאַרן (וועלכע גלויבן, אַז דאַס דאַרף אַלץ אַזוי זיין).

חד עובדיא

חד עובדיא, חד עובדיא, דזבין אבא־מסטרא בתרי זוזי — חד עובדיא, חד עובדיא.

ואתא בטלן ואכל לעובדיא, דזבין אבא־מסטרא בתרי זוזי — חד עובדיא, חד עובדיא.

ואתא חנוני ואכל לבטלן, דאכל לעובדיא, דזבין אבא־מסטרא בתרי זוזי — חד עובדיא, חד עובדיא.

ואתא מלוה ובלע לחנוני, דאכל לבטלן, דאכל לעובדיא, דזבין אבא־מסטרא בתרי זוזי — חד עובדיא, חד עובדיא.

ואתא בנקירא ואכל למלוה, דבלע לחנוני, דאכל לבטלן, דאכל לעובדיא, דזבין אבא־מסטרא בתרי זוזי — חד עובדיא, חד עובדיא.

ואתא בנקרוטא והכה לבנקירא, דאכל למלוה, דבלע לחנוני, דאכל לבטלן, דאכל לעובדיא, דזבין אבא־מסטרא בתרי זוזי—חד עובדיא, חד עובדיא.

ואתא קריזיסא ושרף לבנקרוטא, דהכה לבנקירא, דאכל למלוה, דבלע לחנוני, דאכל לבטלן, דאכל לעובדיא, דזבין אבא־מסטרא בתרי זוזי — חד עובדיא, חד עובדיא.

ואתא הריוולוציה הגדולה ושחטא לקריזיסא, דשרף לבנקרוטא, דהכה לבנקירא, דאכל למלוה, דבלע לחנוני, דאכל לבטלן, דאכל לעובדיא, דזבין אבא-מסטרא בתרי זוזי — חד עובדיא, חד עובדיא.

ואתא הסאָציאַליזם ברוך הוא ושחט לריוולוציה, דשחטה לקריזיסא, דשרף לבנקרוטא, דהכה לבנקירא, דאכל למלוה, דבלע

לחנוני, דאכל לבטלן, דאכל לעובדיא, דזבין אבא־מסטרא בתרי זוזי —חד עובדיא, חד עובדיא.

פירוש:

חד עובדיא — איין אַרבעטער. דזבין — וועלכער האָט געקויפט. אבא־מסטרא — מיין טאַטע דער מייסטער. בתרי זוזי — פאַר צוויי גילדן. ואתא — איז געקומען. בטלן — אַ לוידיקגייער. חנוני — אַ קרעמער. די איבעריקע וועט יעדער בעל־שכל אַליין פאַרשטיין; און ווער עס וועט ניט פאַרשטיין, וועט אים קיין פירוש ניט העלפן. ובכן ובא לעולם גואל במהרה בימינו אמן.

לאָנדאָן אַפּריל, 1888.

יוצר ליום שני של שבועות*)

(דער קאפּיטאַליסטישער נוסח)

—— אָדער ——

גאָט מאַמאָנס

עשרת הדברות — צען געבאָט.

וכל העם רואים את הקולות.

(פּיוט נעים אל פּי סדר האלף־בית)

אויסגעשטאָפּט אַזוי ווי אַ מאַטראַץ, ברייט און גלאַנציק ווי אַ טולער טאַץ, גייט אַראָפּ אין וואָלקנס איינגעהילט, דער גאָט מאַמאָן, פול מיט שטאָלץ ערפילט, האַלט די נייע לוחות אין דער האַנט, וועלכע ער דערלאַנגט די פּריסטער פון זיין לאַנד. — זיי, די דינער פון דעם קאַפּיטאַל, חברה־לייט, גראָב, האַבזיכטיג, ברו־טאַל, טאַנצן, ווי די ווילדע פאַר גרויס פרייד, יובלען און שלינגען זייער הערנ׳ס רייד, כיטרע בליקן וואַרפנדיק אַרום, לויבן זיי אים מיט אַ שטילן ברום. — מיטאַמאָל ווערט ווי דער טויט שטיל אי־בעראַל. נאָט־אייך, זאָגט דער געץ פון קאַפּיטאַל, סדרים נייע פאַר דער אַלטער וועלט, עכטע צען געבאָט, קלאָר צונויפגעשטעלט, פאַר די מענטשן, וועלכע איך מאַך רייך, צו פאַרבליסצענען מיין קעניג־רייך. — קומט אַהער, איר אַלע מיינע קנעכט! ראַמט אַוועק פון דאַנען גלייכהייט, פרייהייט, רעכט: שטעלט זיך אַרום מיר און

---

*) „דער אמת“, באָסטאָן, 27טן סעפּטעמבער, 1895.

הערט מיט קאָפּ מיין תורה, תורת כסף הייסט זי, הערט און האָט נים קיין מורא.

וידבר אלהי הכסף

עס האָט געדונערט און געבליצט. גאָט מאַמאָן איז ארויס־געריטן אויף דעם גילדערנעם קאַלב, האָט אויפגעהויבן זיינע לוחות און, ווען די לופט איז געוואָרן ריין פון גאָלד־שטויב, פון פּולווער, פון שוועבלגערוך און פון פּארע, האָט ער אויסגעשריען אין דער הויך די צען געבאָט:

אנכי הכסף אלהיך

הימל און ערד, הערט מיך אויס און זייט וויסן: איך, קאַפּיטאַל, בין די זעל, דאָס געוויסן; איך מאַך פארהונגערן, איך לאָז געניסן; שאַלט איבער גאָלד־גרובן, טייכן וואָס פליסן; אָן מיר ווערט אַלעס פארניכטעט צעריסן! איך קען פארגיפטן און איך קען פארזיסן— יעדערנ׳ס פעטן און מאָגערן ביסן; איך הערש אליין, איך אליין מעג פארגיסן — בלוט אין מלחמות, און גיב פאר א קישן—מענטשן ערמאָרדעטע שטיינער אין פעלד, ווייל איך אליין בין דער האר פון דער וועלט; איך ברייננ די וואָרימקייט, איך ברייננ די קעלט, איך הערש אליין פון עק־וועלט ביז עק־וועלט; איך בין גאָט־מאַמאָן, מיין תורה איז געלט!

לא יהיה לך אלהים אחרים

מאַכט אין מיין טעמפּל נים אנדערע געצן, איך וועל נים לאָזן אָן אנדער גאָט זעצן אויף מיין פארגולדעטן טראָן צו פארלעצן מיי־נע געפילן,—נים געטער נים געצן! איך קען א געטין, ווי פרייהייט, נים שעצן: זי איז א שטער צו די פעסטע געזעצן, וועלכע מען דארף געגן פיינט וואָס באַזעצן — מיינע חיילים, די פירשטן, די שררות מיט אומדערהערטע משוגענע סברות; אויך טויג די גלייכהייט פאר מיר אויף כפרות, אָט־אַזאַ געצקע מאַכט אָן גרויסע צרות, איר אָרט

דאַראַף גיבער זיין דער בית־הקברות, איידער צו שטיין אין איין טעמפּל מיט מיר; קורץ, שטעל קיין געצין ניט אויף לעבן מיר.

לא תשא את שם

פאַלשע שבועות טאָר קיינער ניט שווערן, וואו ער קען רייכער דערפון ניט מער ווערן, ווייל כדי עשירות צו קענען פאַרמערן, וועל־כעס איין יעדער מוז תמיד באַגערן, מעג ער אין מסחר (און ווער וועט אים ווערן?) טאָן וואָס עס טוען מיט חן מיליאָנערן, זאָגן אַ ליגן וואָס לאָזט זיך נאָר הערן, און, וואו עס בעט זיך, דעם ליגן באַשווערן. אָבער אַן ארבעטער טאָר דאָס ניט טאָן, וואָס אַ מענטש טוט, ווען ער האָט אַ מיליאָן; ער איז ניט מער ווי פון קלעצער אַ שפּאָן, ער דאַרף קיין סטאַווקע ניט שטעלן אין קאָן, זיין פּלאַץ איז אונטן און ניט אויבן־אָן, דאָרטן באַדינט ער די גילדערנע פּאָן, זייענדיק נאָר צו כפּרות אַ האָן; ער מוז זיין ערלאַך צום געלד־זאַק, צום טראָן, ווען ער גייט שווערן, אַ נדר זיך טאָן.

זכור את יום השבת לקדשו

איין טאָג אין וואָך גיט דעם ארבעטער רו, גלייך מיטן פערד, מיטן אָקס, מיט דער קו; קרימט ער זיך, זאָגט צו אים: בחור, הער־צו, מאכסטו האוואיעס, דאַן גייסטו אים־נו, דאַן קענסטו רוען מיט „לאופערם" ווי דו, וועלכע מען סעקט, שליסט די טיר פאַר זיי צו, און זיי געפינען די אייביקע רו. איר, מיינע קינדער, האָט אָבער דאָס רעכט, אויב איר באַדאַרפט האָבן שבת אַ קנעכט, פלייש אייך צו בראָטן, צו שמערגלען אַ העכט, אַלץ צו דערלאַנגען וואָס גוט איז און עכט — אייערע דינער, דעם לומפּען־געשלעכט, גאָר ניט צו געבן קיין רו, ווייל דאָס ברעכט בעסער אריין די חברה אין יאָך, איר אָבער רוט יעדן טאָג אין דער וואָך!

כבד את אביך ואת אמך

ערן זאָל יעדער זיין פאָטער און מוטער, ווי דאָס דאַרף טאָן

יעדער פיינער און גוטער — זון, וועלכער האָט זיינע ביינגל מיט פו־טער, זילבער און גאָלד און שאַילן קאַלקוטער, פּערזישע קאַרפּעטס, ברושטין, פּערלמוטער אַלץ פון די עלטערן — פאָטער און מוטער, ער מוז זיי ערן און אַכטן, זאָגנסט טוט ער — דאָס, וואָס איך זע מיט אַ צאַרניקן בליק, ווייל ער מוז דאַנקבאַר זיי זיין פאַר זיין גליק. אָבער דער ״מענטש, וועלכער גייט אין פאַבריק, ער וועלכער ברעכט אָפּט זיין האַלז און געניק, ווייל אים האָבן ניט אויף מיין גילדערנער בריק טאַטע און מאַמע געבראַכט מיט מוזיק—אין מיין שיין וועלטל מיט יאָרן צוריק; ער, דער באַלוואַן, מעג אַ פאָטער אַ קראַנקען, וועלכער האָט קיינמאָל ניט געהאַט געלט אין באַנקן, לאָזן פאַרגיין אין שפּייז און געטראַנקען, בורטשענען און מיט זיין מאַמען זיך צאַנקען, ער האָט ניט זאַכן פאַר וואָס זיי צו דאַנקען. ווי איר, פאַרגאַלדעטע דאַמען און הערן, און איר מוזט פאָטער און מוטער פאַרערן.

לא תרצח

קיינעם זאָלט איר, מיינע זין, ניט דערשלאָגן, וואָסערע אוצרות איר זאָלט ניט פאַרמאָגן, דאָס איז אַ שווערע עבירה צום טראָגן, לייגט זיך אַזוי וויא שטיין אייך אין מאָגן, אָבער איר דאַרפט זיך ניט קווענלן און פּלאָגן, אויב עס זאָל קומען אייך אַמיצער זאָגן, אַז דורך אַ קעסל, וואָס אים האָט צעטראָגן דאַמף אין פאַבריק, ביי אייך האָבן געקראָגן עטלאַכע מענטשן די מוחות צעשלאָגן, וואָס איבער זיי שטייען איצטער און קלאָגן עטלאַכע אָרימע שטיקלאַך נשמות, שילטנדיק קעסלען מיט קללות און חרמות. דאָס אַרט ניט אייך, טוט זאָגאַר אויף מלחמות, סיי צוליב גאָלד, סיי צו נע־מען נקמות, סיי כדי צו קריגן אַ בענדל אַן אָרדן; מער נישט, פּור־פלאַט זאָלט איר קיינעם ניט מאָרדן.

לא תנאף

אומציכט זאָלט איר, זין, ניט טרייבן מיט ווייבער, וועלטלאַ־כע צנועות אין הימלישע הייבער, איר קריגט גענוג איבערגעגעבענע

לייבער, וועלכע דער הונגער, דער טוגענד־פּאַרטרייבער, ברייננגט אויפן מאַרק צו פאַרקויפן פאַרדינגען, פילע פון זיי קענען שפּילן און זינגען (אָפט אזא ניגון, וואָס קען אַרויסדרינגען טרערן פון אויג, מאַכן הערצער צעשפּרינגען, אָבער דאָס שאַדט ניט, אַז איר זאָלט זיי דינגען), לאָזט וועגן דעם נאָר די גלאָקן ניט קלינגען, הייסט אין אַ פּאַסטקע פון זילבער זיי ברינגען, געלט וועט צו בלייבן געטריי אייך זיי צווינגען, דאַנקט מיר גאָט־מאַמאָן, מיין גילדערנעם טראָן, איך בין דער פּאָטער פון פּראָסטיטוציאָן, טשעפּעט נאָר שכנים ניט, זייט מיר געשייט, לאָז מען אייך האַלטן פאַר ערלאַכע לייט.

לא תגנב

פּראָסטע גנבה זאָלט איר ניט באַרירן, דאָס קען צו קיין זאַך חוץ תפיסה ניט פירן, איר, רייכע מענער, זאָלט זיך ניט פאַרשמירן מיט אַ כאַפּ־לאַפּ, וועלכע פּאַסט ניט פאַר גבירן, דאַן איז אויך שווער דער אַליין־מאַנעווורירן, האָבן אַ שותף הייסט ווידער האַל־בירן. אָט־דאָס לאָזט איבער צום גנב הקטן, איר אַליין נעמט זיך צו גרויסע באַנקראָטן, דאַכט זיך איר זייט מיינע קינדער געראָטן, זעט נאָר צו טאָן ווי איך האָב אייך געבאָטן, שפּילט מיר אין טאַקט און שפּילט נאָך די נאָטן, דאַן וועט ניט טרעפן קיין שום מעשה־שטן. אויך קענט איר ווערן מיט גאָלד אָפּגעשאָטן, ווען איר זאָלט טראַסטס אין אַמעריקע גרינדן: פרייע נאַציאָנען לאָזן זיך שינדן; פלעכטן די שטריק זאָגאַר, וועלכע זיי בינדן. איין זאַך פאַרבאָט איך אש ולהבים, זייט מיר ניט קינדער קיין פּראָסטע גנבים.

לא תענה

זאָגט ניט אַנטקעגן אַ פּריינט פאַלשע עדות, זאָגט אויך ניט אויס פון זיין חדר קיין סודות; איר, אַלע רייכע, האָט איין אינ־טערעס: איר מוזט פּאַראייניקט זיין געגן פּראָגרעס. טאָמער פאַר־ווּיקלט זיך אין אַ פּראָצעס — איינער פון אייך, טאָר מען ניט אויף אַ נס וואַרטן ער זאָל אַרויסגיין אַ ריינער, אָבער זיין געגן אים דאָס

טאָר ניט קיינער, דאָס וואָלט פאַר בלאָטע אליין זיין געמיינער. פאַלש מעגט איר זאָגן, אַלס קאַפּיטאַליסטן, עדות נאָר געגן די סאָציאַליסטן, מחמת זיי ווילן מיין טעמפּל פאַרוויסטן, אָבער איין חבר אנטקעגן דעם צווייטן טאָר ניט אפילו דעם אמת פאַרשפּרייטן.

לֹא תחמד

לאָז ניט געלוסטן אייך אימיצענס רינדער, אימיצענס דינער, מעטרעסן און קינדער; ווארפט אזא חשק אוועק וואָס געשווינדער, אויב איר ווילט ווייטער (ווי היינט) זיין די גרינדער פון נייע טעמפּלען פאַר מיר אייער גאָט, טעמפּלען ערהאַבענע אין יעדער שטאָט. אייך דאַרף געלוסטן דעם צווייטנס מיליאָנען, וואַנדער־בילט׳ס אייגענס און פינקערטאָנ׳ס שפּיאָנען, קריספּי׳ס באַנדיטן און פּרייסענ׳ס קאַנאָנען; אָבער אַ קלייניקייט טאָרט איר ניט וועלן און דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב צו באַפעלן.

שלום־פּיוט על פּי סדר תשר״ק:

„תורה שיינע, ליבע לוחות" שרייען ווילד אַזוי ווי רוחות, רינגלענדיק אַרום דעם געץ, קליינע גרויסע טיגער־קעץ. ציען אויס זיך אינם שטויב פאַר גאָט מאַמאָן פול מיט לויב, ערנדיק זיין גרויסן נאָמען.—סחורה האָבן זיי באַקומען נייע, גוטע פון זיין האַנד; „מיט די סחורה, מיט פאַרשטאַנד, לאָמיר" — זאָגן זיי איצט לעבן, כוואַראָבעס און וויטאַק געבן, יונג און אַלט די אַרבעטסלייט, טויטנדיק זיי פאַר דער צייט, חיבא מיר באַ־דאַרפן האָבן, זיי צום בויען, הויען, גראָבן, וואָלוועל אָבער מוזן זיי האַרעווען — יוכהיי, יוכהיי! דאַנקען לאָמיר־זשע צוזאַמען, געבן שבחים דעם גאָט מאַמאָן, בענטשן, לויבן אונזער גאָט, אייביק היטן זיין געבאָט.

נעשה ונשמע!

שלשה עשר עקרים*)

א) אני מאמין באמונה שלמה, כי כל אדם, בין שהוא בן ברית, ובין שאינו בן ברית, נולד בן־חורין וחירותו היא חלקו בחייו, ובלבד שלא יזיק במעשיו לזולתו.

ב) אני מאמין באמונה שלמה, כי כל הנהנה מיגיע כפיו של עמיתו מבלי שידיו תעשינה מאומה למענו — הרי הוא בוצע בצע.

ג) אני מאמין באמונה שלמה, כי לא יחדל אביון מקרב הארץ כל זמן שלא יעבוד כל אחד בעבדת הקהל — לפי כחו — ולא יתן הקהל לכל אחד מפרי העבודה — לפי צרכו.

ד) אני מאמין באמונה שלמה, כי יהיה האדם עבד לעבדים כל זמן שישלוט האדם באדם לרע לו וכל זמן שאנשים אחדים יחוקו חוקים ויתנו דת בעד כל העם

ה) אני מאמין באמונה שלמה, כי הבערות תגבר על הדעת והחשך ימשל באור כל זמן שלא יוכל כל אחד לקנות דעת ולאסוף חכמה לפי כשרונותיו.

ו) אני מאמין באמונה שלמה, כי בני דת אחת ירדפו את אחיהם בני דת אחרת על צוארם, כל זמן שיהיה עוני ומצוק בארץ וכל עוד יהיו מרבית העם מכים בסנורים.

ז) אני מאמין באמונה שלמה, כי יתגר עם בעם מלחמה ורבבות אנשים יומתו על שדי הקטל, כל זמן שתתקים ממשלת האגרוף ומדינה אחת תתמלא מחרבנה של מדינה אחרת.

ח) אני מאמין באמונה שלמה, כי הנשים תהיינה כל הימים שפחות בעד האנשים או שעשועים למו, כל זמן שתהיינה תלויות ברצון אחרים תחת לאכול את פרי עמלן.

---

*) „יהי אור" (ערשטע סאָציאַליסטישע בראָשור אין אידיש), לאָנדאָן, 1885, זע ערשטן באַנד „היסטאָרישע שריפטן".

ט) אני מאמין באמונה שלמה, כי העבודה והמלאכה (אשר מהנה תוצאות לכל צרכי האדם) תהיינה בזויות בעני כל — כל זמן שיעבדו הפועלים למלא כרסם של היושבים בטל.

י) אני מאמין באמונה שלמה, כי שודדים, רוצחי-נפשות, גנבים, מזייפי שטרות ומציתי בתים וכיוצא בהם לא יתמו מן הארץ כל זמן שתהיה עניות להולידם.

יא) אני מאמין באמונה שלמה, כי עוד מעט ואיש את רעהו חיים יבלעו באם שלא יאיר לבני האדם אור חדש ואם לא יקומו כל הפועלים כאיש אחד לפרק את עול הכסף מעל שכמם ולהכניע את הרודים בם תחתם.

יב) אני מאמין באמונה שלמה, כי השכל הישר הוא כל-יכול וכי ממשלת הרעיון קרובה לבוא, כי חיו יחיו בני האדם כאגודת אחים וכל העמים יהיו למשפחה אחת.

יג) אני מאמין באמונה שלמה, כי הקץ יבוא במהרה בימינו. *)

*) א) כ׳גלויב באמונה שלמה, אז יעדער מענטש, סאי איד, סאי גוי, איז געבאָרן אַ פרייער און זיין פרייהייט איז זיין אייגנס, אַזוי לאַנג ווי ער טוט ניט שאַדן קיין צווייטן.

ב) כ׳גלויב באמונה שלמה, אז ווער ס׳געניסט פון צווייטנס פראצע, ניט טוענדיק גאָרנישט פאר יענעם — איז א פשוט׳ער רויבער.

ג) כ׳גלויב באמונה שלמה, אז ס׳וועט ניט פארשווינדן קיין ארעמ-קייט פון דער ערד, אַזוי לאַנג ווי יעדער וועט ניט אַרבעטן פאַר דער געזעלשאַפט — לויט זיין מעגלאכקייט — און די געזעלשאַפט וועט ניט געבן יעדערן די פרוכט פון דער אַרבעט — לויט זיין באַדערפניש.

ד) כ׳גלויב באמונה שלמה, אז דער מענטש וועט בלייבן א קנעכט ביי קנעכט, אַזוי לאַנג ווי מענטש וועט הערשן איבער מענטשן און אַזוי לאַנג ווי עטלאכע מענטשן וועלן מאַכן געזעצן און אַרויסגעבן באַפעלן פאַרן גאַנצן פאָלק.

ה) כ׳גלויב באמונה שלמה, אז אומוויסנהייט וועט זיגן איבער וויסן און פינצטערניש וועט געוועלטיקן איבער ליכט, אַזוי לאַנג ווי ניט יעדערער וועט זיך קאָנען דערווערבן בילדונג און וויסן לויט זיינע פיאיקייטן.

ו) כ׳גלויב באמונה שלמה, אז די אנהייגער פון איין רעליגיע וועלן פאַרפאָלגן די אַנהייגער פון א צווייטער, אזוי לאַנג ווי ס׳וועלן הערשן נויט און עלנט אַף דער וועלט און אַזוי לאַנג ווי די מערסטע מענטשן וועלן זיין פאַרבלענדט.

ז) כ׳גלויב באמונה שלמה, אז פאָלק וועט שטרייטן קעגן פאָלק און מאסן מענטשן וועלן פאלן אויפ׳ן שלאַכטפעלד, אזוי לאַנג, ווי ס׳וועט אַנהאַלטן די ממשלה פון קולאַק און איין מדינה וועט פראָפּיטירן פון דער צווייטער׳ס חרבן.

ח) כ׳גלויב באמונה שלמה, אז די פרויען וועלן אייביק בלייבן דינסטן ביי די מענער, אָדער שפּילצייג פאַר זיי, אַזוי לאַנג ווי זיי וועלן אָפּהייגען פון אַנדערע אַנשטאָט צו לעבן פון זייער אייגענער פראַצע.

ט) כ׳גלויב באמונה שלמה, אז די ארבעט (וואָס שאַפט אלע מענטש־לאַכע באַדערפנישן) וועט זיין פאַראַכטעט, אַזוי לאַנג ווי די אַרבע־טער וועלן אַרבעטן אַנצופילן די בייכער פון די ליידיקגייער.

י) כ׳גלויב באמונה שלמה, אז רויבער, מערדער, גנבים, פאַלש־געלטמאַכער, אונטערצינדער א. ד. ג. וועלן ניט פאַרשווינדן פון דער ערד, אַזוי לאַנג ווי ס׳וועט זיין אָרימקייט זיי צו פּראָדוציר׳ן.

יא) כ׳גלויב באמונה שלמה, אז נאָך א ווײַלע און מענטשן וועלן זיך איינע די אנדערע איינשלינגען לעבעדיקערהייט, אויב ס׳וועט ניט אויפלייכטן פאַר זיי אַ ניי ליכט און אויב די אַרבעטער וועלן זיך ניט אויפהייבן אַלע ווי איינער אַרונטערצואוואַרפן פון זיך דעם יאָך פון געלט און אונטערצוטעניקן די, וואָס געוועלטיקן היינט אי־בער זיי.

יב) כ׳גלויב באמונה שלמה, אז דער גלייכער פאַרשטאַנד איז אל־מעכטיק און אַז ס׳איז נאָנט צו דער ממשלה פון אידעאַל, ווען אַלע מענטשן וועלן לעבן ווי אין אַ ברודערשאַפט און אַלע פעלקער וועלן ווערן איין פאַמיליע.

יג) כ׳גלויב באמונה שלמה, אז דער „קץ" (די ענד — די דערלייזונג) וועט קומען באלד אין אונזערע טעג. ק. ט.

משא-דומה.

(הפרשה הזאת נמצאה ע"י חוקרי קדמוניות בבית עקד הספרים בפומבדיתא ונשלחה אלינו לפרסמה באס"ח)

א) מי זה העיר רוח בצפון, סערה כבארץ תלאבות: ב) מי הקיץ ישני-
עולם, מי העיר נרדמים משנות דור ודור: ג) הנה כה אמר יי צבאות, יוצר
שמים וקונה הכל: ד) הנה אני בא, ברוח סערה, והרגזתי כל ישבי-תבל,
וכל הממלכות תרעדנה: ה) והתפוררו הררי-עד, וגבעות-עולם תמוטינה,
ונחלי-איתן יחרבון: ו) ושברתי מטות-ברזל, וקראתי דרור לכל אסיר, ועני
ואביון יושעו: ז) כי צעקת-העניים באה באזני, אנקת מרודים שמעתי, וארגז
תחתי: ח) עיני ראו דמעת העשוקים. דמי חללי-רעב צעקו אלי מן האדמה
גועיתי משמוע: ט) לכן כה אמר יי אלהים, צור ישראל וגאלו: י) הנני בא
לריב ריב בני, ודם-חללי אביונים מידכם אדרשה: יא) במשפט אביאכם
כל שלוי עולם, אתם אכלי בשר-עניי ומצצי-דמם: יב) עקב כי בזיתם את
העבדה, ועל חיל העובד פשטתם כילק: יג) יען כי רצתם האכר, ותאכלו
יבול אדמתו לא חלו בה ידיכם: יד) כי לקחתם את בניו לעבדים, ובנתיו
בפרך העבדתם: טו) והמעט מזה כי עניתוהן לרוות האבינה ותגזרנה
באשמתכם לבשת: טז) על כל אלה אעשה בכם שפטים; וידעתם כי
אני יי: ס ס ס

יז) הנה יום הפקודה בא, יום נקם וגמול נאום אדני: יח) ונקמתי
נקמת מדכאי ידיכם ונקם אשיב לעשקי-דל וחלכה: יט) ופקדתי על רע
מעלליכם וכל חטאיכם יקמו שבעתים: כ) והסרתי . *) מעל שכמכם
והמכשלה הזאת לא תהיה תחת ידכם: כא) ושברתי גאון עזכם לנצח, לא
תתנשאו על עני ורש, מפרי ידיהם שמנתם עביתם: כב) לא תסיפו בלע
חיל-זרים. בזעת אפים לחם תאכלו. וידעתם כי אני יי: כג) מדגן-האכר
לא תצברו חסן-רב לתתו במחיר תאוה, באתנן-זונה: כד) מפרי אדמתו,
בעמלו יפתח וישדד, לא תרוו בני-שחץ, כאשר הסכנתם: כה) או יסחו
בגדים מן הארץ, כי לנגד עיני לא יכון כל עשה-רמיה: כו) רצצי-דלים
ימקו בעונם. ועשקי פעלת-שכיר יספו ואינם: כז) כי עקש ופתלתל תועבת-
נפשי, אף שטי-כזב שנאתי, לא ידבקו-בי: כח) שארית בני-עמי במשפט
יפדה, בצדק ומישרים מעשה-ידו יכנן, אני יי:

*) נמחק בכתב יד

סכום הפסוקים של הפרשה הזאת עשרים ושמונה. סימנם: לא בחיל ולא בכח כי אם ברוחי אמר וגו': כחדיה בלשה, וסימנם כא גד: וחציה: והמעט מזה וגו':

חזק, ונתחזק

אמר המדפיס, בהיות שהפרשה הזאת מתיחשת לדורות הקדמונים ולא נודע מפי איזה נביא מנביאי בית ישראל יצאה, ואף לא נושא ענין „משא דומה" עם תוכן הפרשה, לכן הנני מבקש את מחקקי וכותבי וסופרי בני עמנו לחפש בין הספרים הקדמונים אולי ימצאו איזה זכר להנבואה הזאת ותבוא עליהם בינת רבים וגם ברכת המדפים בפקודת חוקרי-קדמוניות ישראל בארצות הקדם!

ע-ל:

קעניגסבערג, אויגוסט 1891.

שטיקלאך גמרא*)

שנים אוחזין בטלית

תנן: שנים אוחזין בטלית. זה אומר כולה שלי וזה אומר כולה שלי וכו' — החכמים אומרים יחלקו — — —.

במתניתין, מורי ורבותי, במציאה קא עסקנים, והנה בחיים אנחנו רואים פלוגתא מעין זו בטלית אחרת:

שנים אוחזין בטלית, זה אומר כולה שלי, וזה אומר כולה שלי; זה אומר כולה שלי, וזה אומר כולה שלי; זה אומר כולה שלי הואיל ואנכי הכינותי בעבור האיש שארג ותפר אותה עבודה אחרת, כלומר הוא עשה למעני בגד ואנכי בעבורו נעלים וכו'; וזה אומר כולה שלי — יען כי בידי כל פ ר י העבודה, ר"ל הכסף, ובכן אני יכל ללבוש הבגד אף כי לא עשיתיו אני בעצמי, וגם כלום לא עשיתי בעבור האורג והחייט... מאי דינא? תיקו.1)

---

*) „אספת חכמים", קעניגסבערג, נומערן 1—4, סעפטעמבער־דעצעמבער, 1877 (דאָס זיינען עטלאכע מוסטערן פון ווינטשעווסקי'ס פּאַראָדיעס אויף גמרא און מדרש, וואָס געפינען זיך כמעט אין אַלע זיינע העברייאישע פעליעטאָנען פון יענער צייט, באַקאַנט אַלס די „חזיונות איש הרוח" פון „יגלי איש הרוח").

1) זאָגט די גמרה: צוויי מענטשן רייסן זיך ארום א קלייד. איינער זאָגט ,זי איז אינגאַנצן מיינע, דער צווייטער זאָגט, זי איז אינגאַנצן מיינע. זאָגן די חכמים: לאָזן זיי זיך צעטיילן.

אין דער משנה, רבותי, רעדט מען וועגן אַ געפונענעם קלייד;

בחור ריק לאחר שבע שנים

בחור ריק לאחר שבע שנים — נעשה יושב בטל ; יושב־בטל לאחר שבע שנים — נעשה תגר; תגר לאחר שבע שנים — נעשה מלוה ברבית; מלוה ברבית לאחר שבע שנים — נעשה כילי ; כילי לאחר שבע שנים — נעשה שונא הבריות ויורד לחיי חבירו, וכיון שהגיע לכך הוא עושק, ובוגד, ובוצע עד מקום שידו מגעת, ואף על פתחו של גהינם אינו חוזר.2)

***

תנו רבנן

תנו רבנן: התוקע לחברו נותן לו דינר — = התוקע לשני

אין לעבן אָבער זעען מיר אַן אַנדער סאָרט סכסוך: צוויי מענטשן האַלטן אַ קלייד. איינער טענה'ט, אַז זי איז אינגאַנצן מיינע, דער אַנדערער טענה'ט דאָס זעלבע. איינער זאָגט, דאָס קלייד איז מיינס, ווייל איך האָב פאר דעם וועבער און דעם שניידער (פונם קלייד) געטאָן אַן אַנדער אַרבעט, איך האָב פאַר אים גענייט שיך, דערפאַר. וואָס ער האָט געמאַכט דעם בגד. דער אַנדערער אָבער זאָגט, דאָס קלייד איז מיינס, ווייל איך האָב אין מיין האַנט די פרוכט פון דער אַרבעט, דאָס איז דאָס געלט, און דערפאַר קאָן איך טראָגן דאָס קלייד — הגם איך האָב ניט אַליין גענייט אַ מלבוש, און ניט געטאָן קיין זאַך פאַר דעם וועבער און דעם שניידער.

איז די קשיא (קאַשע), ווי פסקנ'ט מען דאָ ? „תיקו" — בלייבט א קשיא. — מ. וו.

2) א פוסטער בחור נאָך זיבן יאָר — ווערט א לײדיקגייער ; א לוידיקגייער נאָך זיבן יאָר — ווערט אַ הענדלער (אַ ביזנעסמאַן); אַ הענדלער נאָך זיבן יאָר — ווערט אַ פראָצענטניק; אַ פראָצענטניק נאָך זיבן יאָר — ווער אַ קאַרגער; אַ קאַרגער נאָך זיבן יאָר — ווערט אַ שונא פון מענטשן און נעמט אוועק די חיונה פון דעם צווייטן, און אז ער קומט דערצו עקספלואַטירט ער, פאַלשעוועט, און באַראַבעוועט אויף וויפיל נאָר ער קאָן, און טוט ניט תשובה אפילו ביים טיר פון גהינם.

חברים, לשלשה, לעשרה, לעשרים, למאה, לאלף אלפים חברים; התוקע ותוקע כל זמן שהנשמה בקרבו וכל זמן שישנם חברים וכל זמן שאין פוצה פה ומצפצף — אינו נותן כלום ולוקח גם חייהם — ומדוע? יען כי לכם ישנם רק לחיים ולב בכם אין 3)

***

אלו דברים שאין להם שעור

אלו דברים שאין להם שעור: העשירות, העניות, העבדות והפאַנאַטיזמוס—העבדות הננה בת העניות, העניות בת העשירות, העשירות בת הגזל, והפאַנאַטיזמוס מחזיק ביד כולן: — כל מכונה חדשה ממעטת האדונים ומרבה העבדים; לוקחת מיד הקטנים ונותנת לגדולים; ברבות בתי-חרושת המעשה, ירבו הרעבים והעשירים, כלומר הרעבים ע"י העשירים והעשירים מחורבנם של הרעבים — — — כל הנחלים הקטנים הולכים אל הים הגדול — שלמה היה חכם, אף כי מאמרו חשוך שבטו שונא בנו לא חכמה היה. 4)

---

3) די חכמים האָבן געזאָגט, אַז ווען איינער גיט זיין חבר (דעם צווייטן) אַ פּאַטש, מוז ער אים באַצאָלן אַ — לאָמיר זאָגן אַ רענדל. ווען אָבער ער פּאַטשט צוויי, דריי, צען, צוואַנציק, הונדערט, טויזנט, אַ מיליאָן חברים, ווען ער פּאַטשט און פּאַטשט און ווידער און אָבער, אַזוי לאַנג ווי ער האָט אָטעם און חברים און אַזוי לאַנג ווי קיינער פּראָטעסטירט ניט, נעמט ער נאָר זייער לעבן און גיט דערפאַר גאָר־נישט. ווארום? נו, ווייל איר האָט באַקן, אָבער קיין געפיל ניט. — מ. וו.

4) דידאָזיקע זאַכן האָבן ניט קיין שיעור: רייכקייט, אָרימקייט, קנעכטשאַפט און פאַנאַטיזם — די קנעכטשאַפט איז די טאָכטער פון דער אָרימקייט, די אָרימקייט איז די טאָכטער פון עשירות, די עשירות שטאַמט פון רויבעריי און דער אבערגלויבן האַלט זיי אַלעמען אויף — — יעדע נייע מאַשין פאַרקלענערט די צאָל מייסטערס און פאַרמערט אין

אַ מדרש נעלם*)

כד הוי חזי ארפכשד, ווען ארפכשד האָט געזען, אז זיידע נח הויבט אָן צו בויען די תבה, האָט ער ארויסגעכאפּט די האַק פון נח'ס האַנט — אזוי זאָגט דער מדרש. פרעגט דער תלמיד: רבי, קרוין, ווי אזוי האָט ער, ארפכשד, געקענט ארויסכאַפּן די האַק פון נח'ס האַנט, ווען ער איז געבוירן געוואָרן ערשט צוויי יאָר נאָכן מבול?! — ענטפערט דער רבי: פאַרשטייסטו, מיין קינד, געקענט האָט ער טאַקע ניט, אָבער כהיות אזוי ווי ער האָט געכאַפּט, איז פ אַ ר־פ אַ ל ן!

(1895)

*) דער „אמת", באָסטאָן, 1895.

צאָל די שקלאַפן; נעמט פון די קליינע און גיט די גרויסע. וואָס מער פאַבריקן, אלץ מער הונגעריקע און רייכע. דאָס הייסט הונגעריקע דורך די רייכע און רייכע פון דעם חרבן פון די הונגעריקע. אלע טייכן פליסן אריין אין דעם גרויסן ים, ווי שלמה האָט קלוג געזאָגט, הגם זיין ווערטל: „ווער עס געברויכט ניט די רוט, דער האָט פיינט זיין קינד", איז קיין גרויסע חכמה ניט געווען. — מ. וו.

דרוש פון אלפ׳ן*)

מיט עטלאבע הונדערט יאָר צוריק זיינען געווען ביי אונז אידן א פּאָר גרויסע דיכטער. איינער פון זיי האָט געהייסן בדרשי און דער אנדערער, עמנואל הצפרוני. עמנואל האָט געשריבן אויף לשון הקודש זאכן, וועלכע באקאטשיאָ האָט אין דער זעלביקער מדינה (איטאליען) געשריבן אויף איטאליעניש, נאָר מיט מער נבול־פּה. זיין שרייבעריי וואָלט געווים אָנגעמאכט גרויסע צרות אין ראמאי־לעס קלויז אין ווילנע און צווישן די יונגע פּרושים אין כאנדיקעווע, ווען דער דיכטער וואָלט זיך ניט אזוי פארפלאָנטערט אין זיינע אייגענע גראמען, אז אים קען נאָר דער אינגאנצן פארשטיין, ווער עס פארשטייט די חסידישע רביים, די דייטשע מעטאפיזיקער און די הייליקע דריי־אייניגקייט. דער אנדערער, בדרשי הפניני, האָט ניט געגראמט און ניט געדריידלט, אָבער ניט געגוג וואָס ער האָט געשריבן הויכע מליצה ווי א געבאָרענער מלמד, האָט ער אריינגע־האקט א תפילה, אין וועלכע טויזנט ווערטער הויבן זיך אלע אָן מיט איין בוכשטאב, מיט א „מם“. ווי די געדאנקען זעען געבאך ביי אים אויס, קענט איר זיך קוים פארשטעלן. לאָז איינער, למשל, שרייבן אויף אידיש: —

„אָרימע, אונטערדריקטע, אויסגעמאַטערטע, אידישע ארבעטער! ארבעטנדיק אָן אן אויפהער אימער און אייביק אונטער אוממענטש־לאכע אומשטענדן, אונטערגראבט איר אליין אייערע אינטערעסן אומע־טום, אין אייראפּע און אין אמעריקע.

אייערע אומפארשטענדיקע איבער אָנגעשטרייגטע, אָן אָרדנונג, אָן אָרגאַניזאַציע און אָן אנשטענדיקן אָרבעטס־לוין אָנגעהאָרעוועטע

---

*) 1894.

ארבעט איז איינציק און אליין אורזאכע, אז אייך אכטן אלע אנדערע אין אייניגקייט און אין איינשטימונג און ארגניזירט אום אָנצוגרייפן אלס אן ארט אָנשיקעניש אויף אייראפּייער און אמעריקאנער, ארבעטנדיק אויסבייטער און אָפּצואווערן אַלע אומערלאַכע אָנגרייפן.

אָ, איר אונגליקלאכע אָרימע אידעלאַך!

איבערפירנדיק ארדנונג און אלטע איינגעפלאנצטע, איינגעוואָרצלטע אינסטיטוציעס און אויך אייערע אייגענע אָקאָרשט איינגעפירטע אָר־בעטער־אָרגאַניזאַציעס ארטעט איר אוים (אויף אשכנזית אויסגע־דריקט) אין איין אומפריינדלאכע אָנגעלאָפענע אַרמיי אַנטקעגן אייערע אחים, אונטערשטיצט איר אייערע אויסבייטער און אונטערדיקער און אַרבעט אויף אייערע אייניקלאך און אור־אייניקלאכס אומגליק, אָנשטאָט אויף אימער און אייביק אונזערע, אייערע און אלעמענס אויספרעסערס און אונטערדריקערס אָרגאניזירט אויסצוברייגען און אין אחדות איי־ביקע אהבה און אחוה אומעטום איינצופירן, אמן!"

לאָז, זאָג איך, איינער אויפשרייבן אזא מין דרשה אויף אי־דיש, א דרשה צו ארבעטער פון 153 (האָב, דאכט זיך, ריכטיק גע־ציילט די ווערטער, א חוץ ספירה צייל איך קיין זאך ניט, אום עס זאָל ניט שאַדן קיין עין-הרע) אלזאָ, פון 153 אזעלכע אלף'ן, און איר זעט גלייך, אז אַסך חכמה איז אין ניוועץ געגאַנגען. דער איינ־ציקער טרייסט דערביי איז פיליכט א דאָפּלטער: ערשטנס, וואָס קיין רייד העלפט ניט, ניט גע'אלף'טע און ניט גע'צדיק'טע, און צווייטנס, וואָס 153 איז פונדעסטוועגן נאָך ניט טויזנט

פריין   1 פעני

דיא
קאלעקאטקע*)
ארגאן דער פעראייניגטען פאטריאטען
רעדאקטאר: פלוני מק"ק מינסק
Nowhere Road, E.

לאנדאן	נום. 2	ר"ח אלול

פ ר א ס ט א י ד י ש !

די פארקרימטע גלייכמאכער האבן זיך נעפרייט צו ניך: נאך לעבט די „קאלעקאטקע"! אויף זייערע צופלאצענעס וועט מען איר אים ירצה השם נאך הערן און הערן ad in finitam ווי דער לאטיינער זאגט, וואס הייסט אויף אונזער הייליגן לשון „עד אין קץ", און זי וועט פארטויבן אלע סאציאלניקעס און וועט זיי מאכן כעפרא, ווי דער בעל הגדה דריקט זיך אויס מיר האבן פיינט פוסטע פראזן און בארימערייי, אבער magister dixit דער חכם זאגט... זאגט ער... יא, וואס זאגט ער? נו, עס מאכט ניט אויס, וואס ער זאגט אבי ער זאגט.

א, יונגאצעס פלוטעס, אויפהעצערס! פרייט זיך ניט פאר

*) „ארבעטער פריינד", לאנדאן, 29טן אויגוסט 1890. פאראדיע אויף דער דעמאלטיקער כל־ישראל־פרעסע. געגאנגען אין א פאר פאר־זעצונגען אונטער דער איבערשריפט „בילדער און ווערטער פון א משוגענעם פילאזאף".

דער צייט! אמת, אונז פעלן נאך לעת־עתה קאפיטאלן (לאזן דאס אונזערע גנעדיקע אונטערשטיצערס ניט פארגעסן!!!) אבער, ווי זאגט דער גרויסער איטאליענער גאליליי? ער זאגט: די קאלעקאמקע באוועגט זיך דאך ! E pur si muove—
זי לארעמט מיט גערויש ab irato ווי דער לאטיינער זאגט, רצונו לומר: מיט כעס און מיט וואוט, און דער גערויש איז ניט דאס, וואס שעקספיר רופט much ado about nothing וועלכעס דער פראנצויז פארטייטשט beaucoup de bruit בעת דער דייטשער איבערזעצט דאס: Viel Laerm um Nichts, אדער אין אנדערע ווערטער: „פיל געשריי אונד ווייניג וואלע“. ניין! ניט אזוי איז דער געשריי פון דער קאלעקאמקע; זי רוישט מיט א זין, מיט א צוועק, מיט א פלאן! זי פארהילכט די סאציאלניקעס, די בדיל־דל׳ניקעס, די סקאנדאלניקעס, די שלימזל־ניקעס, ימח שמם!

און אזוי ווי מיר שרייבן ניט ad gloriam צוליב כבוד, דער־פאר רעדן מיר פראסט אידיש!

❦

פאליטיק.

צייט ביסמארק איז אראפ פון זיין גדולה, האט זיך פאיינע צוזאמענגעשמעקט מיטן טיטשן. פאיינע העצט די ארמעניער און דאס שטעכט דעם טערק אין הארצן. ממילא האט דער פראנצויז אויך שברי־לב דערפון און מלכות עסטרייך קלייבט פון דער מעשה אויך ניט קיין נחת. אויב עס זאל קומען צו א מלחמה, וועט דער טייטש ווייזן דעם עסטרייכער א רוקן און וועט זיך באהעפטן צום רוס. זיי ביידע וועלן גיין אויפ׳ן פראנ־צויז מיטן טערק, און אויב דער טערק וועט קריגן א מפלה, וועט ארויסקומען א ישועה פאר אידן, ובכן ובא לציון גואל, אמן!

❦

וויסנשאפט

נאטורפארשער זאגן, אז אלע קערפערס ציען זיך צוזאמען אין קעלט און ציען זיך פאנאנדער אין היץ. דאס איז אמת,

ווי יעדער ווייס, וועלכער האָט זיך געלייגט שלאָפן זומער אין היץ און ווינטער אין קעלט.

רעגן קומט פון די וואָלקנס און פון תהילים־זאָגן.

די דאַמף־קראַפט איז ענטדעקט געוואָרן דורך אַ טשאַיניק מיט זודיקע וואַסער. דערפאַר טרינקען די רוסן טיי נאָכ'ן בעזימען זיך אין פּאַרע.

שניי צעגייט אויפ'ן זון.

דאָס, וואָס די טעג זיינען זומער לייגער ווי ווינטער, איז (ווי מיר האָבן פריער דערקלערט) מחמת זיי ציען זיך פאַנאַנדער אין דער היץ. *)

---

*) אין ערשטן נומער „קאַלעקאַטקע" ווערט געגעבן אויך אַזאַ מין „וויסנשאַפט":

„די ערד איז רונד, ווייל חז"ל האָבן שוין געזאָגט: עולם נעשה בכדור, די וועלט איז געמאַכט ווי אַ פּילקע, אַ קוגל.

„דערפאַר עסן מיר אידן אַלע שבת קוגל, ל ז כ ר מעשה בראשית".

פעליעטאָן דער „קאַליעקאַטקע"

דער פאַרוואָגלטער.

אַ ראָמאַן פון מלך סאבעצקי'ס צייטן.

(פאָרטזעצונג)

און עס האָט פּאַסירט, אַז גנעסעלע איז איין טאָג געגאַנגען שפּאַצירן. ויקרה מקרה, האָט זיך געטראָפן אַ סיבה, אַז גנעסעלע האָט זיך גראָד פאַרטראַכט און דאָ איז אונטערגעפאָרן אַ ברישקע און האָט שיעור ניט איבערגעפאָרן ר' יונה משה'לעס טאָכטער, רחמנא־ליצלן!

ותפל ארצה און גנעסעלע איז אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד און האָט זיך, ניט פאַר קיין אידן געדאַכט, צעשלאָגן דעם נאָז און פון

פאַרשידענעס

מלאכים האָבן ניט וואָס צו עסן און שרייען ניט, ווייל אויפן הימל זיינען ניטאָ קיין סאָציאַליסטן. (דאָס איז א וויץ!).

פראַנצויזן זיינען ניט זייער ריינלאַך, אָבער פ ר י ס ־ ל א ך האָבן זיי פיינט. (דאָס איז אויך א וויץ!).

א גרויסער מאַטעמאַטיקער האָט באַרעכנט, אז ווען א מענטש וואָלט לעבן 968 יאָר, וואָלט ער זיין אזוי אַלט, ווי מתושלח.

אדם און חוה האָבן חתונה געהאַט אָן א ברחן.

ווער עס האָט ניט אויף דעם 1טן אָוגוסט פון ראש־השנה קיין האָניק, מעג נוצן סירופּ.

בינען האָבן א קעניגין אזוי ווי די ענגלענדער.

(דאָס האָט אפילו געדאַרפט שטיין אין דעם אַרטיקל וויסנשאַפט).

אחדות

ויאָ, מיר זיינען אַלע איניג!
צו מיר האָבן פיל צו ווייניג,
און מיר זיינען אַלע ברידער,
און מיר דאַווענען פון איין סידור,
סאָי מיר שניידן פּאַנטאַלאָנעס,

נאָז האָט זיך גלייך גענומען גיסן בלוט. ויתאספו, האָבן זיך צו־זאַמענגעקליבן א סך גוים און האָבן געקוקט אויף גבעסעלע'ס נאָז, מחמת, זיי האָבן געוואָלט זען אידישע בלוט.

ויתיצב, האָט זיך אוועקגעשטעלט א יונגער מאַן מיט אַ שיינע געשטאַלט מיטן צלם אלקים אויפ'ן פנים, מחמת ער איז געווען אַ אי־דישער בחור. וישא את קולו, און ער האָט אויפגעהויבן זיין קול און האָט גענומען רעדן צו די גוים.

(פאַרטזעצונג פאָלגט)

סאַי מיר שניידן אָפּ קופּאָנעס,
איינציג זיינען אַלע מיר,
גלייך דער אביון מיט'ן גביר!

קורצע פּאות, לאנגע פּאות,
אידן מיט און אָן מטבעות,
דאַרע און געפּילטע קישקעס,
הוילע הערצער און מאַגישקעס,
פרומע קעפּ און קעפּ פון זינדערס,
קעפּ אין יאַרמעלקעס, צילינדערס.
אַלע זיינען מיר איין פאָלק,
ווי סאָלדאַטן אין איין פּאָלק.

פרום און לינק, פאַראייניגט אַלע,
ווי דער חתן מיט דער כלה,
ווי דער בעזים מיטן שטעקן,
ווי די ציצית מיט די עקן,
ווי די טיר מיט דער מזוזה,
ווי די טאַליע מיט דער בלוזע,
ווי דער חומש מיט די רש"י
ווי דער קוגל מיט די קאַשע,
ווי דער תכשיט מיטן גלאַנץ,
ווי דער כלי־זמר מיטן טאַנץ.

*

נייעס

אדם הראשון איז ארויסגעטריבן געוואָרן פון גן־עדן.

א טעלעגראַמע, וואָס איז נעכטן אָנגעקומען פון אירקוטסק, מעלדעט, אז די שטאָט געפינט זיך אין סיביר.

אין גאַנץ טערקאַי איז ווי די „טיימס" זאָגט, ביי דער נאַכט פינסטערלאַך.

אַ געהרג׳עטער עדיטאָריעל

(אַ סצענע אין אַ פּראָווינציעלער
רעדאַקציע — גענומען פון לעבן)

פּ ע ר ז אָ נ ע ן:

רעדאַקטאָר קריץ,
50 יאָר אַלט;טראָגט ספּאַקולן מיט גילדערנע אַלאַבליטש־קעס; ערטערווייז גרויע האָר אין זיין לאַנגן באָרד.

מיסים קריץ,
זיין ווייב, אַ אידינע אין זיין עלטער, זייער אַ האַסטיקע, ניט קיין מיאוסע; זי טראָגט, קענטיק, די הויזן.

פריילין וואַלענטין,
אַ רוסיש־אידישע אינטעליגענטקע, שטאַרק ניט דערבאַקן; טראָגט אַ פּאַנסנע.

מענעדזשער גאָלדמאַן,
אַ איד פון אַ גאַנץ יאָר; איז אין די ציטונג־ביזנעס, ווייל ער טויג דערצו ניט.

דער אַגענט זוך,
אַ צענטערזייל פון דעם ציטונג־געשעפט.

זעצער גראָדזענסקי,
אַ יונגער מאַן, ניט אַבי ווער.

לענדלאָרד לימטער,
אַן אויפגעקומענער בעל־הבית, כמעט אַן אַלראַיטניק.

אַ פּעדלער,
מיט מער צונג אין מויל, ווי סחורה אין קעסטל.

צייט : ארום 1895־1896.

ד י ס צ ע נ ע: אַ צימער מיט אַ גלעזערנער טיר אין הינ־טערגרונד. פון דרויסן שטייט אויפגעמאָלט: „דער סמבטיון", אַ וואָכנשריפט, אַפן גלאָז. אין מיטן צימער אַ שרייב־טיש מיט אַלץ וואָס געהערט צום שרייבן און אויך וואָס געהערט דערצו ניט. — באַם זייט דעם מענעדזשער'ס פּולט. — אַ טיר פון דער לינקער זייט פירט צו „די זעצערס": אַ שטייגער, „קוילעט מיר די גענז".

ערשטע הערשיינונג

דער רעדאַקטאָר און דער מענעדזשער.

רעדאַקטאָר

איז דער פּאָסטמאַן שוין דאָ געווען?

מענעדזשער

איר מיינט דער „לעטערקעריער"... נאָך ניט.

רעדאַקטאָר

מיט וואָס טויג אייך דאָס ניט „פּאָסטמאַן", מיסטער גאָלד־מאַן?

מענעדזשער

פּאָסטמאַן קלינגט גרין, מיר לעבן דאָך עפּעס אין אַמע־ריקע! נאַדיר — פּאָסטמאַן! אַ גרינקישאָק, גרינקישאָק!

רעדאַקטאָר

(האָט קענטיק, ניט געהערט דעם מענעדזשער'ס לעצטע ווערטער) ווען קומט ער געוואוינלאך, דער „לעטער־קעריער" אייִ־ערער?

מענעדזשער

דער לעטער־קעריער אונזערער קומט אַרום אָט־דער צייט... זאָגט מיר, בעסער, מיסטער קריץ, האָט איר שוין געלעזן די היינ־טיקע רויטע שמאַטע?

רעדאַקטאָר

אַי בעטשו 1) איך האָב געלייענט... און ביסאַידס 2) אַ ברירה האָב איך איר ווייסט הפנים וואָס דאָס הייסט זיין אַן עדי־

1) ב'וועט זיך מיט אייך.

2) אַ חוץ דעם.

טאָר? וואו נאָר א שונד, קומט דאָס אין מיין מונד... א גוט וואָרט, כ'לעבן! ניין?

מענעדזשער

האקט דאָס אריין אין אייער עדיטאָריעל 4). איר לאָזט אין ניוועץ ניין אַלע אייערע גוטע ווערטלאך, מיסטער קריץ. די לע־זער קענען אייך ניט הערן רעדנדיק. שרייבט! הגם אייערע עדי־טאָריעלס..

רעדאקטאָר

מ'לעזט זיי, מען לעזט! דאַנט טעל מי 5) איך ווייס, אפשר ניט אַלע, אָבער מען לייענט.

מענעדזשער

(מיט א גנבה'שן שמייכל, אָבער ניט זייער דרייסט) דער זעצער און דער קאָרעקטאָר, אודאי. מילא! א שפּאס... ניט מער ווי א שפּאס, מיסטער קריץ. אָבער ווייסט איר וואו עס בעט זיך א ווערטל מער ווי אומעטום? טאקע פאר מ י י ן פיידזש 6). הלואי קען איך אזוי שרייבן ווי... ווי איר, מאך איך אייך „ערס" 7) וואָס פארכאַפּן דעם אָטעם. מיין אינגל איז א מאָדים אַף דעם, אָבער זיין לשון איז ענגליש. ווייסט איר וואָס ער זאָגט?...

רעדאקטאָר

לאָזט דאָס אַף אַן אנדערש מאָל. מוז זיך זעצן שרייבן מיין עדיטאָריעל, מר. גאָלדמאַן. „וואו נאָר א שונד — גלייך אין מיין מונד", אָט אזוי הויב איך אָן מיין ארטיקל. (זעצט זיך שרייבן).

מענעדזשער

רייבט זיי גוט אָן א מאָרדע, די יאָלדעס. אונזער פּובלי־קום פארלאַנגט דאָס. פון וואַנען נעמען זיך אָט־אַל־די סטרייקס,

4) לייט־ארטיקל.
5) דערציילט מיר ניט קיין מעשיות.
6) זייט.
7) אַנאָנסן

אויב ניט פון זיי? און, צווישן אונז זאָל דאָס בלייבן, אונ־זער סירקולײשאָן *) פאַלט כסדר, מיסטער קריץ.

רעדאַקטאָר

טו לאָזט זשע שרייבן. לאָמיר נאָר אַ מאַך טאָן מיטן פען און זיי צאַפּלען זיך בא מיר, די רויטע כת־ליצנים, אַזוי שרייב איך טאַקע: „די רויטע כת־ליצנים", אַ וואויל וואָרט בא מײנע אידישקייט. און זיי צאַפּלען זיך בא מיר ווי... ווי...

מענעדזשער

ווי דער פיש אַפן סקאָוואָראָדע. אויך קיין שלעכט ווערטל! הלואי בין איך אַ שרייבער!

רעדאַקטאָר

אַזוי! וואָרום אייך פאַרדריסט, משמעות, וואָס איר גייט אין גאַנצע שטיוול, מיסטער גאָלדמאַן... אַי! דאָס טאָר ניט אין ניוועץ גיין... דאָס ווערט גלייך אַריינגעטראָסקעט אין די וויצן אַריין... באָרוויסע שרייבערס! דאָס נעמט דעם עולם. אין די וויצן אַריין — „די גאַנצע שטיוול" (ער פאַרשרייבט עס) איצט אָבער מיין עדיטאָריעל. הויב איך אַזוי אָן...

(ער פאַררייסט אַביסל דעם נאָז, טוט זיך אַזוי ווי אַ וויש דעם שטערן מיט דער לינקער האַנט און וויל אָנהויבן שרייבן).

צווייטע דערשיינונג

דער זעצער צו די פּאָריקע.

מענעדזשער

וואָס דאַרפט איר, גראָדזענסקי?

זעצער

(מיטן פנים צום רעדאַקטאָר) קאָפּיע דאַרף איך.

מענעדזשער

(פאַר זיך) מיין האַרץ איינגעפאַלן. האָב געמיינט ער דאַרף געלט.

*) טיראַזש.

רעדאַקטאָר

איך שרייב... איר זעט דען ניט? ווארט, ווי רופ איך דעם ארטיקל מיינעם? „נאָמענלאָזע לומפעריי".

מענעדזשער

נעמען — לויזע — לומפיקע? לומפיקע לויזע מיילער וואָלט געווען בעסער, דאכט מיר.

רעדאַקטאָר

מיסטער גאָלדמאַן, איר שטערט מיר. נאָמענלאָז הייסט ניט לויזע נעמען; דאָס באַטייט... דאָס באַטייט. דאָס איז דייטש, פארשטייט איר, אַף אידיש לאָזט זיך דאָס שווער פארטייטשן, עס וועט שוין זיין אָלרייט.

זעצער

(אונטערן נאָז) „טייטש", וואָס אַף אידיש קען מען ניט„ פאר־טייטשן!" (צום רעדאַקטאָר) גיט דעם ארטיקל גאָר קיין נאָמען ניט...

רעדאַקטאָר

דאָס איז אַ שטאָכוואָרט, גראָדזענסקי; איך קען אייך, איר זייט אַ סאָציאַליסט. דאָס מאכט איר בכיון אַן גרייזן אין מיינע ארטיקלען. בכיון! גייט צו אייער ארבעט!

זעצער

איך ווארט אַף קאָפּיע.*)

רעדאַקטאָר

טאָ שווייגט און לאָזט מיר שרייבן (ער שרייבט, קאָרטשענדיק דעם שטערן) „וזאת לפנים בישראל" אַזוי האָט זיך פארצייטן גע־פירט, שטייט אין אונזער הייליקער תורה...

זעצער

פארגעסט ניט, מיסטער קריץ, מיר האָבן אין דעם הײנ־טיקן נומער אַן ארטיקל — און אַ שארפן! — פול מיט אפיקורסות.

---

*) מאַנוסקריפּט.

רעדאַקטאָר

דאָס איז ניט אײַער זאַך. אַן אומגליק דאָס אַ ביסל צו זיין אַ רעדאַקטאָר אין אַמעריקע! ווער עס וויל און ווער עס וויל ניט, האָט דאָ אַ מיינונג.

זעצער

טאַקע ניט מיין זאַך, אָבער פּאַרט אַזוי: דאָ די הייליקע תורה אונזערע און דאָרטן: על השם ועל משיחו, מיט נגתקה'ן מיט אַלעמען! ווי שיקט זיך דאָס?

רעדאַקטאָר

כ'בעט אייך, טענה'ט ניט צופיל... ווען ניט די יוניאָן....

מענעדזשער

באַרואיקט זיך, מיסטער קריץ, באַרואיקט זיך! (קומט צו אים צו נענטער און זאָגט כמעט אפן אויער) דריי וואָכן ווײדזשעס 8) קומט אים... און טאַקע די יוניאָן!

רעדאַקטאָר

(שרייבט ווייטער) „פּאַרצייטן האָט זיך געפירט, שטייט אין אונזער...“

דריטע דערשיינונג

דער לענדלאָרד צו די פּאַריקע.

מענעדזשער

(מיט אַ פריינטלאַכן שמייכל) האַלאָ, מיסטער ליסטער!

לענדלאָרד

(גראָב) יאַך קים נוך מיין רעיינט, 9) דעטס־אָל! 10)

מענעדזשער

איר שטערט דעם עדיטאָר, שטערט איר, קומט אַריין אַ האָרעלע שפּעטער.

---

8) שכירות.

9) דירה־געלט.

10) דאָס אַלץ.

לענדלאָרד

שפּעיטער! וואוס האיסט שפּעיטער? יאך קים נישט שפּעיטער, יאך ווילאיך מאן רעיינט, דעטסאָל!

רעדאַקטאָר

מיסטער גאָלדמאַן, סעטלט 11) מיט דעם מאַן און לאָזט מיך שרייבן.

לענדלאָרד

יאכל וואַרטן ביז איר שראַבט מיר'ן דום קוויטעלע, דום טשעקל אָפּ'ען ביינק. לוזט אים שראַבן, מיסטער גאָלדמאַן, (ער זעצט זיך אַוועק זייער ברייטלאַך).

רעדאַקטאָר

(שרייבט און לייענט מיט געשמאַק—שפּילנדיק פאַר זיין עולם)

„פּאַרציייטן האָט זיך געפירט, אַזוי שטייט אין אונזער הייליקער תורה...“

לענדלאָרד

דום ווען עמיץ הוט געוואוינט אין אַ האַאַזקע הוט ער גע־צולט זאַן רעיינט... דוס, מיסטער, שראַאַבט שפּעייטער, אַציינדער שראַאַבט דום קוויטעלע, דום טשעקל. יאך הוב נישט קאַן צאַאַט צי וואַרטן. איר זאָגט באַ מיר נישט קאַן בן יוחיד.

מענעדזשער

קומט שפּעטער אַ ווייליגקע. איך דערוואַרט אַ גרויסע סומע געלט מיט דער פּאָסט. מיט דער נעקסטער מעיל... אַ חוץ דעם ברענגט מיר באַלד אַ מאַן פון דער... פון דער פּראָווינץ געלט. גרויסע געלט, אין די שווערע הונדערט אריין...

לענדלאָרד

יאך וויל נישט קאַן הונדערטער און קאַן טויזנטער. יאך בעייט נישט מעיין ווי מאַן געלט, דעטסאָל. וואָס איז מאַאַנס איז מאַאַנס, און מעיין פאַרלאַנג איך נישט.

---

11) פּאַרענדיקט.

מענעדזשער

ווילט איר ווארטן, מיסטער ליסטער, ווארט. איר זייט בא אונז א גוטער גאסט.

לענדלאָרד

גיט. ווארטעך.

(ער באַזעצט זיך נאָך ברייטלאכער אַף זיין שטול).

פ ע ר ט ע ד ע ר ש י י נ ו נ ג

פריילין וואלענטין צו די פאַריקע.

פריילין

קען איך זען דעם הערן רעדאקטאָר?

(דער לענדלאָרד טוט אַ שמייכל צו איר; זי ווענדט זיך צו אים).

איך האָב די ערע מיך צו אינדערדוסן. (פאַרשטעלן).

לענדלאָרד

...ליסטער, מיס, ליסטער...

פריילין

אהא! ליסטער. וועל, הער רעדאקטאָר...

לענדלאָרד

יאָך בין נישט קאַן עדיטאָר, מיס! יאָך קים נוך מיין רעינט — דעטסאָל. רעיידט צינים (ווייזט אַן אַף מר. קריץ).

רעדאַקטאָר

(אראָפּנעמענדיק די אויגן פון פאפיר) אָלראיט, אָלראיט! וואָס איז אייער וואונש, פריילין? אייער נאָמען?

פריילין

וואלענטין, הער רעדאקטאָר! (זי פאַרבייגט זיך) איך מיין... אָבער איר האַלט אין שרייבן.

זעצער

און איך וואַרט אַף קאָפּיע.

רעדאַקטאָר

שטערט ניט, גראָדזענסקי! גייט, איך שיק אייך באַלד אַריין. דערווייל וואַרפט אָפּ, וואָס איר האָט פונם לעצטן נומער.

זעצער

לאָזן זיין אַזוי צו רפואה. (גייט אָפּ).

רעדאַקטאָר

אַלזאָ, ליבעס פריילין, איר זעט דאָך, איך בין שטאַרק פאַרנומען. דער זעצער וואַרט... אַף קאָפּיע, אַף מאַנוסקריפּט.

לענדלאָרד

אין יאָך וואַרט אַף רעיינט.

פריילין

וועל אייך ניט שטערן. בין דעליקאַטעסע גענוג צו זען, אַז איר האָט ניט קיין צייט, אַן עדיטאָר... אַ קליינינקייט אַן עדי־טאָר! שוטקאַ לי עטאָ! 12) אַ מאַן, קאַטאָרי וועלכער האָט אַף זיין קאָפּ אַלע גאָסודאַרסטווענע מענטשן, און צייטונגען, און טאַ־בעלנע טעג, און קהל'שע זאַכן און... ווי רופן זיי דאָס? וואָנטס13) און עדס. היינט דיכטן און פראָזאַ און אַלע מדינות... זיינע מי־נוטן — אויסגערעכנט אַפן וואָהר... כ'מיין אַפן האָר... שטערן אים? שטערן אים אין שרייבן, אין סאַטשיניאַייען 14) זיין פּערע־דאָוויצע, 15) בעת אַ וועלט וואַרט אַף זיין וואָרט.

לענדלאָרד

אין יאָך אַף מיין רעיינט...

פריילין

(מיט אַ ביטערן קוק אַפן לענדלאָרד) אַזאַ מאַן שטערן. ניין,

---

12) עפּעס אַ ווערטעלע.

13) אַנאָנסן פון די, וואָס זוכן שטעלעס.

14) פאַרפאַסן.

15) לייט־אַרטיקל.

נאט אי! באָזשע סאָכראַני! 16) איך קען אַ יונגען שרייבער, קאָ־טאָרי וועלכער איז די רעכטע האַנט פון דעם „קול מבשר“...

לענדלאָרד

וואוס? אַ כלי מיט וואסער? ווי האַיסט?

רעדאַקטאָר

(כאַפּט אַ שטיקל פּאַפּיר און שרייבט) קול מבשר — אַ כלי מיט וואסער! וואויל ווי די וועלט! אין די וויצן אַריין! אָבער וואָס איז אייער וואונש, פריילין? מאַכט דאָס קורץ.

פריילין

מיין וואונש ?

רעדאַקטאָר

(פאַר זיך) ווען ניט איר פּנימ'ל, וואָלט איך איר גלייך אָפּ־פראַוועט. (צו איר) וואָס קען איך פאַר אייך טאָן?

פריילין

(אַזוי ווי באַליידיקט) פאַר מיר טאָן ? איך קום ניט נאָך טשאַריטי. 17) ליבער הער רעדאַקטאָר! איך בין, סלאַווא באָגו, 18) ניט קיין אָרעמע גרינהאָרן! כ'דאַרף פון אייך קיין זאַך ניט ענני־האָל. 19) האָב נאָר געוואָלט זאָגן... אָבער איך וויל אייך ניט שטערן... האָב פיינט צו נאַדאַיעדאַיען. 20) פּאַרטיקעלע 21) אַ מאַן קאַטאָרי וועלכער האָט אַף זיך, ווי מיין ברודער... אַ, איר דאַרפט קענען מיין ברודער. אַ העכסט געבילדעטער מענטש, שטו־דירט פון יאָרן אין כאַרקאָווער אוניווערזיטעט. אַ פיין יאָנג מען.22) וואָלט אייך דערציילט וועגן אים אַ זייער אינטערעסאַנטע גע־

16) ניט איך! גאָט זאָל אויסהיטן!

17) צדקה.

18) דאַנקען גאָט.

19) סאַי ווי סאַי.

20) דערעסן.

21) באַזונדערס.

22) אַ שיינער יונגערמאַן.

שיכטע מיט א דאמע מיט... א גאנצן ראָמאַן... נאָר איר זייט ביזי ....*)

זעצער

(צוריק ארײנקומענדיק) קאַפּיע, מיסטער קריץ! איך ווארט נאָך אַלץ אַף קאַפּיע.

לענדלאָרד

און איך ווארט אויף רעיינט! (צום מענעדזשער) אייער מאַן מיט די געלט איילט זיך נישט צו קימען...

רעדאַקטאָר

(צום זעצער) גייט, ווארפט אַפּ, ווארפט אַפּ!

מענעדזשער

(לאַכנדיק) א מאַנסביל — ווארפט אַפּ! ניט שלעכט, כ'לעבן! זאָגט דאָס אויך אריין אין די וויצן, מיסטער קריץ!

רעדאַקטאָר

(פארשטייט נימ. צו פריילין וואלענטין): אלזאַ, ליבעם פריי־לין?

פריילין

יע, א פיינער ראָמאַן, גאַנץ כאַרקאַוו האָט דערפון גערעדט. נאָר איר זייט ביזי און אייך קען מיין ברודער אין קאָפּ ניט קריכן איצט... אָבער איר מעגט וויסן, אז ער קען פראנצויז, און ספּענ־סער און באָקל, און די געהיימניסן פון פּאַריז, און אַלגעברע, און טראָגט א בלוזע און גילדערנע ספּעקטאַקליעס. 23) איז, זאָגט מיין ברודער, זאָגט ער.. ארום וואָס רייד איך. שרייבט, הער רעדאַק־טאָר... שרייבט. אייך דאַרף מען ניט שטערן, א מאַן ווי אייך, איינעם קאַטאָרי וועלכער איז, ווי מיין ברודער... יע, ווי מיין ברודער זאָגט, אַן אַטלאַסענער מענטש, וואָס טראָגט אַף זיך א וועלט...

---

*) פּאַרנומען.

23) ברילן.

זעצער

איר מיינט, ער איז אַן אַטלאַס, דער גאָט אַטלאַס, ניט אַ מענטש!

פריילין

זעט נאָר זעט, אַ מענטש אין פאַרטוך, פול מיט סאַזשע און דאַס ווייס!

מענעדזשער

(שמייכלענדיק) אַמעריטשקע גנב!

רעדאַקטאָר

(אַביסל אומגעדולדיק) וואָס, אַלזאָ, ווינשט איר, מיין פריילין?

פריילין

וואָס זאָל איך ווינשן? איך ווינש אייך אַלדאָס גוטס פאַר אייער לעצטע סטאַטיאַ, 24) אייער, ווי מיר זאָגן אין כאַרסאָוו, נאָר וואָס מאַכט עס אייך אויס, ווי מיר זאָגן... לאָזט מיר, גרויסער מאַן (זי ווערט ענטוזיאַסטיש) אייך אַ דריק טאָן אייער האַנט. (זי נעמט אים אָן פאַר דער רעכטער האַנט און לאָזט זי ניט ארויס ביזן סוף פון איר רעדע) אייך דאַנקען פאַר אייער אָסטראָאומנע 25 פּערעדאָוויצע, יעדער וואָרט אַזוי קלוג, אַזוי סמאַט... אַזוי... אַזוי...

(זי קומט נענטער צו אים; מיסטער קריץ זעט אויס צודרומש־קעט, שטאַרק...)

רעדאַקטאָר

ליבסטע פריילין! איך... מענטשן... נאָך אימיצער קומט...

פריילין

אַ, איך וואָלט אייך...

---

24) אַרטיקל.

25) שאַרפזיניקער.

פינפטע דערשיינונג

פרוי קריץ צו די פאַריקע

פרוי קריץ

וואָס וואָלט איר? אפשר אים קושן? פאַר אלעמען אין די אויגן פאַר אים אין באַק?

מענעדזשער

(צום זעצער) „פאַר מיר אין די אויגן, פאַר אים אין באַק!" זאָגט אים — אין די וויצן, אין די וויצן! גראַדזי!

פרוי קריץ

קיין בושה און קיין חרפה ניטאָ! אַ פולע רעדאַקציע מיט מענטשן...

פריילין

אָבער מאַדאַם! גאָט איז מיט אייך!

פרוי קריץ

רייד מיר ניט מיט גאָט, סמאַרעלגיצע, דו! איך וויל פון דיר קיין דרשות ניט. (צום מאַן, פון דער זייט): און בא אים איז אַלץ סחורה... פיש — אַלץ וואָס קומט אַריין אין זיין נעץ!

זעצער

אין די וויצן, מיסטער גאָלדמאַן (צום מענעדזשער) זי רעדט בעסער איידער ער שרייבט.

פרוי קריץ

און אַף וואָס ער פארקוקט זיך דאָס! די אויגן זאָלן אים אַרויסקריכן! אַ שטיק פלייש מיט צוויי אויגן! אַ סטראַשידלע אין שפּאַקולן! אַרויס פון דאַנען! הערסטו? בא מיר ווערט דאָס קורץ און שאַרף...

פריילין

(האַלב וויינענדיק) אָבער מאַדאַם...

פרוי קריץ

מאַדאַמעווע מיר ניט און גיי! אַרויס אז קיין דוך זאָל פון

דיר ניט בלייבן! (צום מאַן) מיט דיר, טייערער כלי, רעכן איך זיך אָפּ אין דערהיים. (זי נעמט אַן מיט וואַלענטין פאַרן האַנט און שלעפּט זי אַרויס) קום, קום... דאַנק גאָט וואָס דאָ זענען דאָ פּרעמ־דע מענטשן. (זי גיט אַ ספּעציעלן קוק אויפן לענדלאָרד).

לענדלאָרד

יאָך וואַרט אויף מאַן רעיינט, דעטסאָל.

פרוי קריץ

אַרויס פון דאַנען! (זי און פריילין וואַלענטין אָפּ).

מענעדזשער

אַ פייט, 26) אַ פייט!

זעצער

אַ ווייבערשער דועל, בנאמנות! גיין זען... (ער און אַלע אַנדערע גייען האַסטיק אַרויס, חוץ דעם רעדאַקטאָר און דעם לענד־לאָרד).

לענדלאָרד

הערטס! יאָך קען נישט וואַרטן! שראַבט אויף דעם קוויטעלע אין לויט מעך גיין אַטענדען מאַן ביזנעס.

רעדאַקטאָר

מיין מענעדזשער וועט מיט אייך שוין סעטלען... (פאַר זיך) איך זע, כ'וועל היינט שוין ניט אויפשרייבן מיין עדיטאָריעל... פון די פלונית'טע וועל איך מיר מסתמא שוין אויסריכטן אַ מפּלה.... אַף שונאי ישראל געזאָגט געוואָרן... דער גוטער יאָר דאַרף איר אַריינברייגען דוקא ווען די יונגע דאַמע ווערט צעשמאָלצן... (גע־וואָר ווערנדיק דעם לענדלאָרד) ווי ווערט מען פּטור פון אים? (צום לענדלאָרד) סיי, מיסטער ליסטער! דער מענעדזשער...

לענדלאָרד

ווי איז ער ערגעץ, אַ־ער מענעדזשער?

---

26) געשלעג.

רעדאַקטאָר

ער איז געווים אפן סטופ! זוכט אים אויף און לאָז ער מיט אייך סעטלען.

לענדלאָרד

יאָך גיי!

רעדאַקטאָר

דער מאַן, אַף וועלכן ער וואַרט, מוז באַלד קומען. מיר קריגן אריין היינט א נרויסע סומע געלט... א גאַנצן אייגנס, פאַרשטייט איר...

לענדלאָרד

האַלט'ס פאַר זיך. יאָך וויל נישט מעיין ווי מאַן רעיינט... אין כ'מוז אָך זוגן, יאָך מוז מאַן רעיינט אובען רעגעלע. אלע חדש. רעגעלע, מיסטער עדיטאָר! הערט'ס? כ'גאַיי זיכען אַ־ער מע־נערזשער... (גייט אָפּ).

רעדאַקטאָר

ברוך שפּטרני (ער ציט אָפּ דעם אָטעם) איצט שרייב איך (ער טוט א מאַך מיטן פּעדער) „...אזוי שטייט אין אונזער הייליקער תורה...‟ (פּאַרטראַכט זיך) ווי, און וואָס זאָג איך ווייטער? אָן אומגליק אביסל! אמאָל פלעגט מען קענען שרייבן ווי עס איז האָט זיך געשריבן. היינט איז יעדער משה א מבין, א בעל־מפונק און א... א קריטיקער! און דאָס האָבן אלץ די רויטע אָנ־געמאַכט... ווער ווייס וואָס דאָס איז פאַר א מאַן, ווען גאָלדמאַן ערוואַרטעט דא היינט. ער טראַגט זיך ארום מיט סעקרעטן. א שותף מיט געלט וואָלט געקענט צוניץ קומען. אָבער... (לייענט) „אזוי שטייט אין...‟

מענעדזשער

(קומענדיק צוריק) אייער אַלטע האָט זיך נאָך די יונגע דאמע נאָכגעיאָגט ווי דער פויער נאָכן גנב—איבערן גאַס... אַף לייטישע געלעכטער... טוט אָן אייערע גילדערנע שפּאָקולן. ער קומט באַלד, טוט זיי אָן, טוט אָן.

רעדאַקטאָר

צו וואָס? איך קען מיט זיי ניט שרייבן,

מענעדזשער

איר דאַרפט מיט זיי ניט שרייבן, איר דאַרפט נאָר אויסזען אביסל לייטישער (מען קלאַפּט) דאָס איז ער...

זעקסטע דערשיינונג

א פּעדלער צו די פאַריקע.

(דער רעדאַקטאָר און דער מענעדזשער זיצן כלומר'שט שטאַרק פאַרטאָן אין זייער אַרבעט, דער ביי א לעדזשער און יענער בא זיין אַנגעהויבענעם אַרטיקל. נאָך א קלאַפּ. די טיר עפנט זיך לאַנגזאַם).

רעדאַקטאָר

אריין! קאַם אין!

פּעדלער

גוד מאָרנינג, זשענטלמענס! *)

(ער נעמט אַראָפּ פון זיך א קעסטעלע וואָס איז געהאַנגען איבער זיין פּלייצע אָף א שוואַרצן רימען).

האָב פאַר אייך אן אַרטיקל, וואָס רייד איך? אן אַרטיקל? ניין, אן אַנטיקל, אן אמת'ן אַנטיקל. קריגט ניט אזא קוואַליטי,**) אזא סטייל,***) אזא פעסטקייט אין קיין סטאָר****) אין דער וועלט ניט. איך פאַרקויף עס בחצי חנם... זעכציק פּראָצענט אונ־טערן קאָסט־פּרייז, בלויז ווייל איך וויל אייך האָבן פאַר שטענ־דיקע קונדן. איך גלייך ניט...

מענעדזשער

(נאָר־וואָס צו זיך געקומען פון דער אומאַנגענעמער איבער־ראַשונג) מיר דאַרפן גאָרנישט, קיין שום זאַך ניט.

פּעדלער

(ווי ניט אים מיינט מען דאָס) איך גלייך ניט צו רימען מיין

*) מיינע הערן! **) קוואַליטעט, באַשאַפנהייט.
***) פאַסאָן, מאָדע.
****) קראָם.

סחורה; וועל איך חלילה ניט איינריידן...

רעדאַקטאָר

(אויסטועענדיק די גילדערנע ברילן) מ'האָט אייך געזאָגט אַז מיר דאַרפן קיין שום זאך ניט.

פעדלער

(ווי פריער) וועל איך ניט איינריידן, בליוו מי! 27) באַטראַכט מיט אייערע אייגענע אויגן די סחורה מיינע.

מענעדזשער

גייט געזונטערהייט! איר ווייסטעט 28) אייער צייט.

פעדלער

איר דאַרפט נאָר באַטראַכטן די סחורה, זשענטלמענס, וועט איר זען.

מענעדזשער

(הויבט זיך אויף) גייט, ר' איד, אויב ניט רוף איך א פאָליסמאַן, איר הערט?

פעדלער

אז איר בייזערט זיך... נו, גיי איך. איבער גוואַלט טוט מען מענטשן קיין טובות ניט. (גייט און קערט זיך אום). אָבער א קוק טאָן מעגט איר דאָך, זשענטלמענס! גיט א קוק! וואָס וועט איר דערצו צולייגן?

מענעדזשער

איך זאָג אייך: גייט! זאָג איך אייך, איר הערט?

פעדלער

אודאי גיי איך. מיין דאָ ניט צו בלייבן אף נאַכטלעגער. ווילט איר ניט, ווי איר ווילט זיך. (גייט און זאָגט, צומאַכנדיק די טיר:) דאָ פעלט, קלער איך, „קעש." 29) א גוטן.

27) גלויבט מיר.

28) פאַרשווענדט.

29) מזומן.

רעדאַקטאָר

וועמען האָט איר דאָ עקספּעקטעט? 30)

מענעדזשער

ניט אָט־דעם שוואַרץ־יאָר — איי בעטשו! איך דערוואַרט א מאַן. א גרויסן אַדווערטייזינג־איידזשענט*) פון נאָר די גרויסע. ער שרייבט מיר, ער מיינט אריינצוליגן געלט אין אונזער ביזנעס. וויל אונז העלפן ברעכן די רויטע קרעמל... הינטער אים שטייט א גרויסער מאַנופעקטשורימען**), וואָס האָט פיינט די אונטערהעצער, די טראָבלמאַכער, די רויטע! (א קלאַפּ אין טיר) דאָס איז ער! צוריק די גאָלדערנע שפּאַקולן טוט אָן. בלייבט זיצן. קאַם אין!

זיבעטע דערשיינונג

אַגענט זוך צו די פאַריקע.

(דער רעדאַקטאָר מיטן מענעדזשער זעען אויס זייער באַשעפטיקט און וואַזשנע).

אַגענט זוך

גוטן מאָריען, מיינע העררען! איך האַבע די ערע מיך פאָרצושטעלן: מיין נאַמען איז זוך, אַנאַסטאַזיוס זוך! יאַוואָל!

מענעדזשער

(פאַר זיך) ער רעדט ווי א אידישער אַקטיאָר! (צו אים) מר. גאָלדמאַן היים איך און אונזער עדיטאָר קענט איר געוויס פון זיינע שריפטן.

רעדאַקטאָר

(דערלאַנגט מיסטער זוך א האַנט) גלעד טו מיעט יו, סער! 31)

אַגענט זוך

איר נאַמען איזט מיר ניכט אונבעקאַנט. איך בין היער פערהעלטניסמעסיקער ווייזע איין פרעמדער, אַבוואָהל די ציייטונגס־

---

30) דערוואַרט.

*) רעקלאַמע־אַגענט.

**) פאַבריקאַנט.

31) צופרידן זיך מיט אייך צו באַקענען, מיין הער!

וועלט קענט מיך. דעננאָך איזט מיר איר ווערטער... ווערטעם נאמען באקאנט. יאוואָל!

רעדאַקטאָר

נעמט פּלאַץ, מיין הער!

אגענט זוך

איך דאנק־קע העפּליכסטערווייזע. איך ווערדע מיך קורץ פערפאסן, יאוואָל! איך טהוע צו אינען קאָמען וועגען איין זייער וויכטיגעם געשעפט. מיינע אבזיכט איזט, זאָ צו זאגען, גע־ווען וואָרדען וואר אינען דען... דאס פאָרשלאָג צו מאכען, איך וואָלטע זאגען, אינען דאַ אָפּפּאָזיציאָן צו מאכן טהון (עס הערן זיך טריט דרויסן).

רעדאַקטאָר

(צום אגענט) אנטשולדיקט, מיין הער! (צום מענעדזשער) גאָלדמאן! דאָס איז די יונגע פארשוין צוריק... איך גיי אריין צו די זעצערס! (ער גייט ארוים דורך די טיר לינקס).

אגענט זוך

וואס איזט דאס?!

(ער זעצט זיך האסטיק אריבער אין דעם רעדאַקטאָרס שטול).

אכטע דערשיינונג

פריילין וואלענטין צו די פאַריקע.

(זי קומט אריין פארוויינט, מיט רויטע אויגן, וועלכע זי האלט האלב פארדעקט מיט א טיכל. זי טוט זיך א זעץ אנידער אף א שטול באם וואנט רעכטס אין וויינענדיקן קול, צווישן שלוכצעס, ווערנדיק וואס וויטער אַלץ מער אויפגערעגט).

פריילין

(מיינענדיק אַז דאָס איז דער רעדאַקטאָר, זאָגט זי צום אַגענט) מיין הער! מיר איז סאָוועסטנאָ 32) דאָס צו זאָגן, אָבער

32) כ'שעם זיך.

אייער ווייב איז א וויעדמא,33) א האניבאל, א ראגינע. (זי וויינט).

אגענט זוך

אבער, ליבעס פרייליין!

פרייליין

יע, אבערט נאָך! (וויינענדיק נאָך שטארקער) אזוי צו באַ־לײדיקן א יונגע פערזאָן! איר, א מאַן, קאָטאָרי וועלכער... צו־צוזען ווי מען מאכט פון מיר אש און בלאָטע... (מיט כעס) מיין הער, איר זייט אליין א לומפּ, א נעגאָדיאַיי,34) א... א...

אגענט זוך

פרייליין, וואס וואגען זי מיר צו זאגען? ווי אונטערשטייען זי זיך צו אינסולטירן35) מיינע פרוי? (צום מענעדזשער) ווי נענט מאַן זאָ־וואס, העי? (ער שפּרייזט ארום אין צימער).

מענעדזשער

דאָס איז א טעות, הער זוך! (פאר זיך) אים זאָגן דעם אמת, קען מען אויך ניט, וואָס וועט ער דיינקען פון אונזער רעדאַקטאָר? (צו מיסטער זוך) די דאמע... דאמע איז א האָרעלע ניט באַם זי־נען... זי וויים ניט... ווייס ניט וואו זי איז...

פרייליין

וואָס — עיי!? בין שוין באַ אייך משוגע אויך! איינער ערגער פאר דעם אנדערן... א באַנד גאַלאָוואָרעזן...36) דאַרף דער שלימזל אריינפירן א מענטשן אין אזא בלאָטע...

(גייט ארויס וויינענדיק, מיטן טיכל איבער די אויגן).

אגענט זוך

(זייער אויפגערעגט) איך בין ניכ־כט היערהער געקאָמען אום

33) מכשפה.

34) אן אויסוואורף.

35) באַליידיקן.

36) רוצחים.

אינסולטירט ווערדען... וואָרדען צו זיין. פערשטייען זי מיכ־ך?
אדיע !

(טוט אַ האַק מיטן טיר אַרויסגייענדיק).

רעדאַקטאָר

(קומט צוריק; זוך שרייט אים אריין אין פנים „אדיע!" בעת ער גייט אַרוים און זיי טרעפן זיך אין טיר).

אַ שיינע בורעניגע, כ'לעבן! דער לענדלאָרד אין כעס, מיין ווייב אין כעס, די יונגע פּאַרשוין אין כעס, דער מאַן אין כעס, אפשר דער זעצער אויך אין כעס און דער ארטיקל נאָך ניט געשריבן... מיין גאַנצע האַרץ וועל איך אויסלאָזן צו די רויטע...

מענעדזשער

(פאַרכמורעט) כדאיער אין רעדאַקציעס קיין ליבעס ניט צו שפּילן, הער קריץ!

רעדאַקטאָר

וואָס ? וואָס זאָגט איר ?

מענעדזשער

און אַז מען האָט ראָמאַנען ברייננגט מען די באַטרעפנדע ניט אין אָפיס... זעט מען זיך אנדערשוואו !

רעדאַקטאָר

ווארום איר מיינט טאַקע...

מענעדזשער

אודאי מיין איך... פאַרוואָס קומט קיינער צו מיר ניט...

רעדאַקטאָר

רעדט ניט אַזוי הויך... מען קען אייך דאָך הערן... זייט איר משוגע?... ער שרייט ! מען קען הערן אַ מייל פון דאַנען...

נײַנטע דערשײַנונג

לענדלאָרד ליסטער און פרוי קריץ.

פרוי קריץ

און איך האָב טאַקע אַלץ געהערט ! האָב עדות, מיין שוי־

נער יונגער־מאַנטשיק, קום אַהיים! אַ איד מיט אַ באָרד און פּאות און... וואַרט נאָר, וואַרט!

מענעדזשער

מאַכט ניט קיין ספּעקטאַקל, מאַכט ניט, גייט בעסער אַהיים, גייט, פרוי קריץ!

פרוי קריץ

קום, ליבהאַרציקער מאַן מיינער, קום! וועל דיך שוין ווייזן ווער עלטער איז, וואַרט!

מענעדזשער

(פאַר זיך) מען וויים, מען וויים! אַ בלינדער קען דאָס זען..

פרוי קריץ

וואָס בורטשעט איר דאָרטן אונטערן נאָז... אַליין אויך אַ שיינער תכשיט! מען קען אייך....

(דער רעדאַקטאָר הויבט אָן צו גיין, פרוי קריץ אים נאָך).

מענעדזשער

גיי אויך. איבערגעפירט אַ פיינעם דיעל 37), בנאמנות. וואָס טוט מען איצט?

לענדלאָרד

מען צוהלט די רעיינט!

פאָרהאַנג.

37) געשעפט.

אינהאַלט:

פאָרוואָרט פון ק ל מ ן מ ר מ ר — — — — — — — — — 4

פ א ב ל ע ן

די שמאַטע און די שמ'ע — — — — — — — — 9
דער אַדעליגער קאַטער — — — — — — — — 11
דער פערד און די טשוגונקע — — — — — — — 14
די קוקאַוקע און דער אָדלער — — — — — — — 17
דער בייזער הונט — — — — — — — — — 20
אן אספה אין וואַלד — — — — — — — — 25
דער פוקס אויף צרות — — — — — — — — 26
דער געפּאַלענער דעמב — — — — — — — — 32
די בלעטער און די וואָרצלען — — — — — — — 35
דער אייזל אין פּאַראַד — — — — — — — — 39
די קאַץ און די מויז — — — — — — — — 43
דער פּיקסל — — — — — — — — — — 46
דער האַקמעסער און דאָס מעסערל — — — — — — 52
דער שטרויס־פויגל — — — — — — — — — 55
דער לייב און דער האָז — — — — — — — — 56
די שפּינען און די פליגן — — — — — — — 58
דער בלינדער מיט דער פּאַקל — — — — — — 60
דער האָן און די פלעדערמייז — — — — — — 61
דער פוקס און די פיש — — — — — — — — 63
דער וואָראָבייטשיק אין אַ שטויג — — — — — — 65
שלמה המלך און דער פויער — — — — — — — 66
חיים ברבורים'ס ווערטערבוך — — — — — — — 69

אַ פ אָ ר י ז מ ע ן

מענטשן און די וועלט — — — — — — — — — 127
ליבע און שנאה — — — — — — — — — — 133

קלוגע און נאַרן — 137
לעבן און טויט, גליק און אומגליק — 139
איך — 142
רייך און אָרעם — 144
רעוואָלוציאָנערן, אידעאַליסטן, אַרבעטער־באַוועגונג — 145
פריוהייט, אָרדנונג, דיסציפּלין — 154
שפּראַך און ליטעראַטור — 156
אידן און אידישקייט — 160
אַמעריקע — 167
הערשער, פירער, רעדנער — 171
מדינות און שטעט — 174
אַ ל ע ר ל י י — 177
גרישקאַ'ס ראָמאַן — 205
ע ר — 213
דער קונה הכל — 218
זיי און זי — 223
פּ אַ ר אָ ד י ע ס
יוצר ליום ראשון של ראש השנה — 233
כל נדרי — 235
תפלת על חטא — 236
חד עובדיא — 240
יוצר ליום שני של שבועות — 242
שלש עשר עקרים — 248
אַ קאַפּיטל תנ"ך („משא־דומה") — 250
שטיקלאך גמרא — 251
אַ מדרש נעלם — 255
דער דרוש פון אלפן — 256
די קאַלעקאַטקע — 258
אַ געהרג'עטער עדיטאָריעל — 263